1/240

ש. ל. ציטראָן.

דריי ליטעראַרישע דורות

זכרונות

וועגן יידישע שריפטשטעלער.

Juudi ajalou
1884
טאַרטומישער
פֿאַר־ן
דער־כט
עסטי

ערשטער באַנד.

ווילנע 1920

הויפּטפֿאַרקויף אין פֿאַרלאַג ש. שרעבערק.

אינהאַלט.

צו די לעזער . . . . I — II

I. אייזיק מאיר דיק . . . . 3 — 27

II. אליקום צונזער . . . . 28 — 54

III. יעקב דינעזאָן . . . . 55 — 104

IV. שלום יעקב אַבראַמאָוויטש (מענדעלי מו"ס) . 105 — 126

V. יצחק ליבוש פרץ . . . . 127 — 147

VI. שלום ראַבינוביץ (שלום-עליכם) . . . . . 148 — 175

Bibliotheca Universitatis Tartuensis 1942:2625

Tartu Akadeemiline Seltis Juudi ajaloo ja kirjanduse viljelemiseks
1884
אקאדעמישער פאריין
דארפּאַט
עסטי

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ. טראָקער גאַס 13.

צו די לעזער.

ס'איז דאָ ערגיץ געטעס אַ ווערטל: „ווער דען דיכטער וויל פערשטעהען, מוס אינ'ס דיכטערס לאַנד געהען". די כוונה דערפון איז, אַז כדי אַריינצודרינגען ווי געהעריג אין דעם קינסטלערישן מהות פון דעם דיכטער, כדי תופס צו זיין די פולע באַדייטונג פון זיין שעפערישער קראַפט, כדי צו האָבן אַ ריכטיגן באַגריף פון די אינעווייניגסטע כחות, וועלכע האָבן אים געטריבן צו זיין דיכטערישן באַרוף,—אויף דעם איז ניט גענוג צו האָבן בלויז געלייענט, דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און צו זיין באַהאַוונט אין זיינע ווערק. דערצו מוז מען נאָך אויך געניי קענען לערנען די סביבה, אין וועלכער דער דיכטער האָט געלעבט און געשאַפן; דערצו מוז מען נאָך אויך געניי קענען לערנען דעם מענשן=קרייז, אין וועלכן דער דיכטער האָט זיך באַוועגט, און וועלכער האָט אויף אים אין אַ געוויסער מאָס, באַוואוסטזיניג צי אומבאַוואוסטזיניג, אין דער דער צי אין יענער הינזיכט, געווירקט.

ביי די אומות העולם, וועלכע אינטערעסירן זיך ניט בלויז מיט דער ליטעראַטור, נאָר אויך מיט אירע שעפער, ווערט שוין פון גאַנץ לאַנג באַטראַכט די פון מיר אויבנציטירטע געטעס מימרה אַלס אַקסיאָמע, אַלס גרויסער אמת. ביי זיי ווערן געשריבן איינצעלנע מאָנאָגראַפיעס און גאַנצע ביכער ניט אַליין וועגן ספרים נאָר אויך וועגן זייערע מחברים. דערצו ווערן ביי זיי אויס=גענוצט פאַרשיידענע ביאָגראַפישע און מעמאָאַריסטישע מאַטעריאַלן, דורך וועלכע עס ווערט אַלזייטיג באַלויכטן די פערזענליכקייט פונ'ם מחבר, און צוגלייך מיט דעם אויך אויסגעפאָרשט די גייסטיגע דינאַמישע קרעפטן, די טרייב=פעדערן פון זיינע קינסטלערישע שאַפונגען. די דאָזיגע מאַטעריאַלן ווערן זאָרגזאַם געקליבן און צוגעגרייט אַפריהער פאַר'ן ביאָגראַף, און שוין דערנאָך פאַר דעם ליטעראַטור=היסטאָריקער.

ביי אונז שטייט נאָך לעת עתה די זאַך גאַנץ אַנדערש. מיר באַזיצן וועלכע ס'איז ביכער וועגן דער ליטעראַטור, מיר האָבן קריטישע אָפּהאַנדלונגען, אויך גאַנצע ווערק, וועגן ספרים פון די און פון יענע השוב'ע שריפטשטעלער; עס זיינען אָבער ביי אונז ניטאָ קיין ווערק, און אפילו קיין גרעסערע מאָנאָגראַפיעס, וועגן די עצם שרייבער, די באַשעפער פון אונזער ליטעראטור. נאָך מער: מיר האָבן אפילו ניט קיין אויספירליכע, אויסשעפענדיגע ביאָגראַפיעס פון אונזערע גרעסטע און באַדייטענדסטע פאָלקס=שרייבער ווי אַבראַמאָוויטש, פּרץ, שלום עליכם א. א. דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן ביי היינטיגן טאָג אויף דעם געביט, איז נאָך זעהער אָרים און מיזערנע, און קען אין קיין הינזיכט ניט דינען אַלס וועלכער ניט איז שטיץ=פונקט פאַר דעם קומעדיגן ליטעראַטור=פאָרשער.

און ווען דער דאָזיגער געביט פון היסטאָרישער ליטעראַטור־פאָרשונג איז נאָך ביי אונז אַ קרקע בתולה, אַן אומבאַארבעטעס פעלד, איז עס נאָר מער ניט ווי־צוליב מאַנגל אין מאַטעריאַל, צוליב אָרימקייט אין ידיעות און פרטים וועגן דאָס לעבן פון אונזערע שרייבער, וועגן זייערע פאַרשיידענע איבערלעבענישן, מאַטעריעלע און גייסטיגע. עס פעלט ביי אונז יענער אינטערעס, וועלכן מיר זעהן ביי לייטן, צו קלייבן און צו זאַמלען זכרונות וועגן גרויסע שרייבער, און צו פאַרצייכענען די געשפּרעכן, וועלכע ס׳איז אויסגעקומען מיט זיי צו האָבן איבער פאַרשיידענע ענינים און פאַרשיידענע אומשטאַנדן. עס ווערט ביי אונז ניט גענומען אין אַכט, אַז די זכרונות מיט די שמועסן קענען אמאָל זיין די איינציגע שליסלען צו דער קריטיש־פסיכאָלאָגישער ערפאָרשונג פון דעם צו פון יענעם באַדייטנדן און עפּאָכעמאַכנדן שריפטשטעלער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דעם גאַנצן אַנטוויקלונגס גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור.

מיט דער איצטיגער פאַרעפנטליכונג פון מיינע ערינערונגען מאַך איך, אויב כ׳האָב קיין טעות ניט, דעם ערשטן פּרוב אויף דעם מעמאָאַריסטישן געביט אין דער יידישער ליטעראַטור. מיינע ערינערונגען נעמען אַרום אַן ערך צוואַנציג פון די גרעסטע און וויכטיגסטע יידישע שריפטשטעלער, וואָס דאָס רוב פון זיי האָבן געהאַט אַ באַדייטונג ניט בלויז פאַר זייער צייט. דער גרעסטער טייל פון די געשעהענישן, וועלכע איך גיב דאָ איבער, האָב איך אַליין בייגעוואוינט, און די איבעריגע זיינען מיר איבערגעגעבן געוואָרן פון די ריכטיגסטע מקורים, אויף וועלכע כ׳האָב מיך גאַנץ זיכער געקאָנט פאַרלאָזן. דאָס רוב פון מיינע זכרונות, באַזונדערס די דאַטן פון די פאַקטן און די שמועסן, זיינען ביי מיר פון תמיד אָן געווען פאַרצייכנט אין מיינע נאָטיץ־ביכלאַך; דאָס איבעריגע האָט מיר משלים געווען מיין זכּרון, וועלכער האָט מיר נאָך ביז אַהער קיינמאָל ניט פאַרפירט...

וועמען ס׳איז פון די לעזער קען זיך, אפשר, דאַכטן, אַז דער צי יענער פרט פון מיינע זכרונות איז פאַר דער ברייטער עפענטליכקייט ניט אַזוי אינטערעסאַנט. לויט מיין מיינונג אָבער קען אמאָל אויך דער קלענסטער, און אין פלוג אומבאַדייטנדער פאַקט, מוסיף זיין דעם ביאָגראַף אָדער דעם ליטעראַטור־קריטיקער אַ גאַנץ נייעס און שאַרף בולט׳ן שטריך צו דער כאַראַקטעריסטיק און דער מענשליך־מאָראַלישער פיזיאָנאָמיע פונ׳ם באַטרעפנדן שריפטשטעלער.

דאָס איז ביי מיר געווען דער איינציגער קריטעריום ביי׳ם צוזאַמענשטעלן און פאַרעפנטליכן פון די דאָזיגע זכרונות.

דער מחבר.

ווילנע, סוף מערץ, 1920.

אַייזיק מאיר דיק.

(געבאָרן—1807; געשטאָרבן—1893).

זעהר פרי בין איך אַ לעזער געוואָרן. נאָך קיין גאַנצע פינף יאָר ניט אַלט געווען, ערשט אָקאָרשט=וואָס אָנגעהויבן צו לערנען חומש, האָב איך שוין מיט גרויס חשק געלייענט יידישע מעשה=ביכלאַך. דעם דאָזיגן חשק האָב איך איבערגענומען פון מיין מוטער, וועלכע איז געווען אַ גרויסע ליבהאָבערין פון געדרוקטע מעשיות׳לאַך, און תמיד, ווען זי האָט נאָר געהאַט אַ פרייע מינוט, פלעגט זי ניט אַרויסלאָזן פון האַנט דאָס יידיש ביכל. אין די לאַנגע ווינטערנעכט, און באַזונדערס פרייטאָג נאָך וועטשערע, פלעגן זיך ביי אונז אין שטוב צונויפקלייבן די שכנות פון הויף, און די מאַמע פלעגט פאַר זיי פאָרלייענען פאַרשיידענע מעשיות. פון מיין פריסטער יוגנד געדענק איך מיך אַלס איינער פון אירע שטענדיגע און אויפמערקזאַמסטע צוהערערס. די מעשיות האָבן אויף מיר געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק, דאָס פון איינמאָל הערן האָב איך זיי שוין געקענט כמעט אויף אויסווייניג, און אויף מאָרגן, ביים דאַווענען אין בית=המדרש, האָב איך זיי איבערדערציילט מיינע חברים. אַז איך בין אַ ביסל עלטער געוואָרן, געווען שוין אַ יינגל פון אַ יאָר 8—7, זיינען אָפט פאָרגעקומען אַזעלכע פאַלן, ווען מיין מוטער האָט צוליב אַ וועלכע ס׳איז סבה ניט געקענט פאָרלייענען, און איך האָב פאַרטראָטן איר שטעל. איך דערמאָן מיך, אַז די ווייבערשע אוידיטאָריע פלעגט זיך מיר צורייסן לויבענדיג, און ניט איינמאָל זיך משתדל געווען ביי מיין מוטער, דאָס זי זאָל מיר לאָזן פאָרלייענען. ס׳איז געקומען אַזוי ווייט, דאָס כ׳בין געוואָרן מיין מאַמעס אַ רעכטער קאָנקורענט. מיט וואָס האָט דאָס מיין לייענען אַזוי נושא חן געווען ביי אונזערע שכנות,—דאָס האָב איך שוין היינט פאַרגעסן. מעגליך איז, אַז כ׳האָב אויסגענומען ביי די ווייבער מיט דעם, וואָס בעת מיין מוטערס שטייגער איז געווען פאָרצולייענען פאַר זיי וואָס פאַר אַ ביכל ס׳האָט זיך איר נאָר געמאַכט, האָב איך פאַר זיי

כסדר פאָרגעלייענט נאָר די וויציגע מעשה׳לאַך פון אײַזיק מאיר דיק, וועלכער איז אין יענער צייט זייער פאָפולער געווען צווישן די ברייטסטע יידישע שיכטן אין דער ליטע. ביי מיר איז שוין געווען ווי אַ חוק: יעדן פריי־טאָג נאָך האַלבן טאָג, צוריקגייענדיג פון חדר, אַריינצוגיין צו יודל דעם פּאַקנ־טרעגער און נעמען ביי אים פאַר אַ קאָפּיקע ניך־געלט דיקס אַ מעשהלע, וועל־כע איך פלעג אים היטן אָפּטראָגן בהזרה זונטאָג גאַנץ פרי גייענדיג אין חדר. אַז עס פלעגט זיך טרעפן אַמאָל אַ פריַיטאָג, ווען דיקס מעשה׳לאַך זיינען אויס־געכאַפּט געוואָרן פון אַנדערע, כריערדיגע בעלנים־לעזער, און איך האָב עס שוין ניט געקענט מער קריגן, איז ביי אונזערע שכנות יענעם פרייטאָג־צו־נאַכט פאַרשטערט געוואָרן זייער גאַנצער „עונג־שבת”. אַזוי, געדענק איך, פלעגן זיי זאָגן.

אַ הייסער חסיד פון דיקס מעשה־ביכלאַך בין איך פאַרבליבן אויך נאָכ־דעם, ווי כ׳בין שוין אַרויס פון די קינדערשע יאָרן; איך האָב זיי ניט אויפגעהערט צו לייענען אפילו אין דער צייט, ווען איך בין געוואָרן אַ העברעאישער לעזער. צווישן אַ ווערק פון מאַפו׳ן און אַ ווערק פון סמאָלענסקינען, פלעג איך גאַנץ אָפט כאַפּן איבערלייענען אַ נייע ערציילונג פון דיק׳ן, און כ׳מוז מודה זיין, אַז כאָטש כ׳האָב מיך דענסטמאָל, אונטער דעם איינפלוס פון די דאַמאָלסט־דיגע משכּיל׳שע טעאָריעס, באַצויגן צו דער יידישער שפּראַך מיט אַ גאַנץ קנאַפּער סימפּאַטיע, האָב איך דאָך דיקס ווערק געלייענט מיט דעם גרעסטן אינטערעס, און ווי נאָר כ׳פלעג זיך דערוויסן, אַז ער האָט אָפּגעדרוקט עפּעס וואָס נייעס, האָב איך עס באַלד געזוכט צו באַקומען און איבערצולייענען.

און אין אַ געוויסער צייט אַרום, בעת כ׳האָב מיר שוין געהאַט מיינע עטליכע געציילטע ליבלינגס־שריפטשטעלער, וואָס מיר האָט זיך זעהר געלוסט צו קענען זיי פערזענליך,— און אַלע העברעאישע, געוויינליך,— איז צווישן זיי געווען אויך אייזיק מאיר דיק.

און אויב בנוגע מיינע „אויסדערוויילטע” העברעאישע שרייבער האָב איך מיך אין יעדערן פון זיי געוואָלט באַקאָנען מיט דעם גרויסן מליץ, מיט דעם וואָרט־קינסטלער, מיט דעם סטיל־ווירטואָז, פאַר וועלכע איך האָב זיי געהאַלטן לויט מיינע דאַמאָלסדיגע באַגריפן,— האָב איך אין דיקן געגאַרט צו זעהן דעם יידישן וועלט־הכם מיט דעם פערלדיגן מויל, וואָס אַלץ באַגרייפט ער און אַלץ נעמט ער דורך מיט אַזאַ מין וואונדערבאַרער פּקחות, מיט אַזאַ אייזערנער לאָגיק.

אין מיין טאָג־ביכל האָב איך געהאַט אַריינגעטראָגן וועגן דיקן די פאָלגנ־דע מיינונג:

„עס טרעפט, אַז איך פרעג זיך: אין וואָס, אייגענטליך, באַשטייט דיקס טאַלאַנט? צו וועלכער קאַטעגאָריע נאָוועליסטן קענען מיר אים צורעכענען לויט די היינטיגע, מאָדערנע באַגריפן?— איז מיר אויף דעם שווערליך צו געפינען אַן ענטפער. פון קונסט שטייט דיק גאַנץ ווייט, קיין פּסיכאָלאָג איז ער בוודאי ובוודאי ניט; פאַר דאַס אַלגעמיין־מענשליכע האָט ער ניט קיין זין, אין די

טיפעניש פונ׳ם יחיד׳ס נשמה מיט אירע אינעווייניגסטע איבערלעבענישן דרינגט ער ניט אַריין; פאַר׳ן יחיד׳ס פאַרבאָרגענע יסורים האָט ער ניט קיין אויג, און פאַר זיין שטילן קרעכץ, האָט ער ניט קיין געהער; די געהיימניספולע שפּראַך פון דער נאַטור הייבט ער לגמרי ניט אָן צו פאַרשטיין, און דעם סוד־לשון פונ׳ם וועלט־אַל קען ער לחלוטין ניט. אין זיינע ערציילונגען איז דיק העכסט טענדענציעז, די הויפּט־ראָל שפּילט ביי אים די אידייע; דער קינסטלערישער אמת איז ביי אים נאָר אַ טפל; דעם דינעם, עדעלן שטריך קען זיין פּענזל ניט, די פאַרבן גייען ביי אים תמיד אַרויס מגושמ׳דיג גראָב.

„איז דיק אַ פאָטאָגראַף? יאָ, אַ שטיקל. צייטנווייס ווייזט ער זיך אַרויס פאַר אַ גאַנץ פיינעם באַאָבאַכטער; אָפט דוכט זיך אָפּ, אַז דאָס און יענץ בילד איז ביי אים גענומען פון דער נאַטור, אַז דאָס און יענץ בילד אָטעמט מיט אמת, מיט לעבן. אָבער, בכלל, איז זיין קאַמעראַ־אַבסקורא שוין צו פינסטערלאַך, און דעריבער קומט ביי אים אַלץ אַרויס אַביסל צו שוואַרצליך. ביי אים איז דער עיקר ניט די ערציילונג גופא, נאָר דער מוסר, וואָס עס דאַרף פון איר אַרויסגיין, און וועלכן ער לייגט אַריין דעם לעזער אין מויל אַריין.

„גיכער פאַר אַלץ לאָזן זיך דיקס ערציילונגען באַצייכענען אַלס אַ מין פּובליציסטיק אין בילדער. דער פּובליציסטישער עלעמענט וועגט אין זיי אַריבער דעם מאָלעריש־קינסטלערישן. זיין פּובליציסטיק איז אָבער ניט קיין טרוקענע. פון דער נאַטור איז דיק מער רעדנער ווי פּובליציסט. אַ באַזונדער טאַלאַנט האָט דיק צו דעם, וואָס די פראַנצויזן רופן עס אָן „קויזעריע״ — פּלוידעריי. אין זיינע ערציילונגען ווייזט זיך דיק אַרויס אַלס זעהר אינטערעסאַנטער און אָנגענעמער פּלוידערער. ער פאַרשטייט צו פּלוידערן וועגן די פאַרשיידנסטע ענינים אינהאַלטספול, באַלערנדיג און מיט געשמאַק. זיינע פּלוידערייען זיינען אָפט פאַרווירצט, פאַרבשמימ׳ט מיט אַ גאַנץ פיינעם הומאָר, און אָפט מיט אַ זעהר בייסענדיגער סאַטירע. ביי דיקן זיינען דאָ ערציילונגען, וואָס זיינען אינגאַנצן געבויט אויף אַנעקדאָטן און אויף פּאָלקסטימליכע וויצן. ביי דיקן זיינען דאָ ערציילונגען, וואָס זייער גאַנצער צוועק איז רעכט מאַכן שווערע שטעלן אין מדרש און אין תלמוד, אויף וועלכע די גרעסטע וועלט־לומדים האָבן זיך צומאַטערט און צובראָכן די מחות יאָרן־לאַנג. און ס׳איז צו באַוואונדערן צוקוקענדיג זיך ווי אַ לעבענס־בילד, און ניט דוקא קיין גאַנצעס בילד, נאָר אַ שטיקל פון אים, אַ שטריך, טייטשט איין גאַנץ לייכט און זעהר צוטרעפנדיג די פאַרפּלאָנטערסטע קאַזואיסטישע ווערטלאַך פון אונזערע תלמודיסטן. דיק איז אַ גרויסער בעל־הסבר, אַן אויסגעצייכנטער פּאָפּולאַריזאַטאָר, וועגן דעם טיפסטן ענין פאַרשטייט ער צו ריידן אין דער גרינגסטער, פאַרשטענדליכסטער פאָרם, און לייכט צופּאַסנדיג זיך צו די באַגריפן פון זיין זעהר אומאַנטוויקעלטער לעזער־פּובליק. אין דיקס דערציילונגען געפינען מיר איינגעפלאָכטן שיינע באַטראַכטונגען וועגן ענינים פון נאַטור־וויסנשאַפט, געאָגראַפיע און געשיכטע, און וועגן

אַלץ רעדט ער זיך גאַנץ רוהיג, געלאַסן, און מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גוטן, אַלטן פריינד, וועלכער דערציילט יינגערע מענשן דאָס, וואָס ער ווייס, וואָס ער האָט געזעהן אָדער געהערט, און אַמאָל אויך געלייענט אין אַן אַנדער שפּראַך.

„באַזונדערע פאַרדינסטן האָט דיק אויפן געביט פון דער פאָלקס-רעטעניש און פונם פאָלקס-וויץ. אין דעם פרט איז ביי אונז דיק אַן אוניקום, אַ חד בדרא. מיט די רעטענישן און מיט די וויצן באַנוצט זיך דיק צו פאַרשיידענע צוועקן. אַמאָל דינען זיי אים אַלס כלי-זין קעגן נאַרישע פאַרשימלטע מנהגים, וועגן וועלכע ער געפינט פאַר זיך געפערליך צו ריידן מיטן פולן מויל און באריכות; אַמאָל קעמפט ער דורך זיי מיט פאַרשיידענע זיטנפעלערן, אָדער קעגן דעם געשמאַקלאָזן אומגאַנג מיט מענשן. ביי דיקן זיינען דאָ אויך אַזעלכע וויצן, אין וועלכע עס גיסט זיך אויס די גאַנצע ערביטערונג און גאַל, וואָס ער, דער יידישער משכיל, טראָגט אין זיין צעפלאָגט און פאַרוואונדט יידיש האַרץ אויף זיין צייט און אויף זיין סביבה".

און ווי איך האָב שוין געזאָגט האָט זיך מיר פון מיין פריסטער יוגנט אָן זעהר און זעהר געוואָלט באַקאָנען מיט דעם דאָזיגן יידישן שרייבער—דער ערשטער, דורך וועלכן איך בין אַ לעזער געוואָרן—וואָס פאַרמאָגט אַזאַ גרויסן אוצר פון פקחות, און מיט וועלכן עס דאַרף זיין אַזוי שיין און אַזוי אינטערע-סאַנט זיך דורכצושמועסן...

די ערשטע געלעגנהייט דערצו האָב איך געהאַט אָנהייב ווינטער אין יאָר 1879. דאָס איז געווען קורץ נאָכדעם, ווי כ'האָב מיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין די העברעאישע בלעטער, און האָב מיך מכין געווען אַליין אַריינצוגיין אין דער ליטעראַטור.

I.

דער ערשטער אײַנדרוק. — די פרײנדליכע באַציהונג פון די אַמאָליגע ווילנער און זשיטאָמירער מדפיסים צו די העברעאישע השכלה-ביכלאַך. — בראַנפן און השכלה. — דיק אַלס מיטאַרבעטער פון „קול-לעם". — וואָס אַ רעדאַקטאָר בײַ ייִדן קען. — דיק און מענדעלי מוכר-ספרים. — דיקס אַ כתב-יד איבערגעדרוקט אויף אַ פרעמדן נאָמען. — צי קען אַ מחבר זײַן אַ עם-הארץ? — דער שול-הויף אַלס די בעסטע ייִדישע צײַטונג. — דיק מיט אליקום צונזערן גיבן זיך אײנער דעם אַנדערן כיבוד.

אַרייַנגעפירט דעם ערשטן מאָל צו אַייזיק מאיר דיקן האָט מיך דער באַוואוס-טער בדחן אליקום צונזער, וועלכער האָט דאַמאָלס געוואוינט אין מינסק, און איז געווען מיינער אַ בן-עיר און אַ גוטער באַקאַנטער. טרעפנדיג זיך מיט צונזערן אין ווילנע, האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר באַקאַנט מאַכן מיט דיקן, און ער האָט מיין בקשה באַלד ממלא געווען.

דיק האָט דאַמאָלס באַוואוינט אין גרויס־סטעפּאַן־גאַס צוויי ניט קיין גרויסע צימערן מיט אַ קיך, אַפּילו אָרעמליך מעבלירט, אָבער ציכטיג און זויבער אין אַלע ווינקלאַך. מ׳האָט גלייך דערקאָנט, אַז ס׳איז דאָ פאַראַן אַ בעל־הבית׳טע, וואָס קוקט אויף דער ריינקייט פון שטוב מיט אַ באַזונדער אויג.

בשעת מיר זיינען אַריין אין שטוב, האָבן מיר געפונען דיקן זיצנדיג אין אַ סאַמעטענע יאַרמלקע איבער אַ גרויסן „מדרש־תנחומא". דיק איז שוין דאַן געווען העכער פון אַ בן־שבעים, אינגאַנצן גראָ, כאָטש מיט די פולע האָר אויפן קאָפּ. אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ מין נעימותדיקייט, וואָס פאַנגט דאָס האַרץ פונם ערשטן אויגנבליק. איך געדענק, אַז איך האָב מיך בשעת מעשה דערמאָנט אָן מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אַ צווייטן גרויסן ווילנער זקן, מיט דעם העברעאישן דיכטער א ד ם ה כ ה ן ל ע ב נ ס א ָ ן, וועלכער האָט אויף מיר דורך זיין אויסזעהן געמאַכט זעהר אַ שווערן, און מ׳קען זאָגן, אַן אָפּשטויסנדיגן איינדרוק.

צונזער, וועלכער איז ביזן יאָר 1870 געווען אַ ווילנער תושב, האָט זיך מיט דיקן גוט געקענט פון לאַנג אָן. מ י ך האָט ער פאָרגעשטעלט דיקן מיט די פאָלגנדע ווערטער:

— אַ מינסקער יונגערמאַן, וואָס הויבט ערשט אָן צו ווערן אַ שרייבער.

— אַ לשון־קודשדיגער, געוויינליך — האָט דיק געזאָגט מיט אַ שמייכל — יידיש לאָזט מען שוין פאַר מיר מיט אייך, ר׳ אליקום.

— איר האָט דאָך עפּעס אַמאָל אויך אָנגעשריבן עטליכע לשון־קודשדיגע ספרים, האָב איך מיך אָנגערופן.

אויף דעם האָט דיק געענטפערט:

— ניט קיין ספרים האָב איך אָנגעשריבן, נאָר ע ק ס ע ל א ַ ך, ק׳ליינינקע ע ק ס ע ל א ך. ספרים הייסן: אַ „כוזרי", אַן „עקידה", אַ „מאור־עינים" וכדומה; מ י י נ ע לשון־קודשדיגע חבורים זיינען בלויז „שְׁ ו ָ ר י ם"־ל א ַ ך...

דאָ האָבן מיר ערשט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט מיט זיינע „עקסעלאַך".

דאָס געשפּרעך איז דערפון אַריבער וועגן דרוקן און אַרויסגעבן העברעאישע ווערק. דיק האָט דערציילט זעהר אינטערעסאַנטע פאַקטן מכח די געברענטע ליידן, וואָס די ליטווישע מחברים פון די העברעאישע השכלה־ביכלאַך פלעגן אין די פערציגער און פופציגער יאָרן האָבן אויסצושטיין פון די צוויי דרוקן, דער ווילנער און דער זשיטאָמירער, וואָס זייערע בעלי־בתים, העכסט פאַנאַטישע לייט, האָבן באַטראַכט אַלע לשון־קודשדיגע ווערק פאַר אפיקורסישע זאַכן, און האָבן זיי בשום אופן ניט געוואָלט דרוקן. ס׳איז אַמאָל געווען אַ מעשה, אַז איינער אַ מחבר האָט געסטראַשעט דעם זשיטאָמירער דרוקער, דאָס ער וועט אים צווינגען דורך דער מאַכט צו דרוקן זיין ספר, און דער דערשראָקענער מדפיס האָט געכאַפּט און אויסגעקויפט זיך ביי אים פאַר אַ שיינער מטבע. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָר רוב מחברים פלעגן מוזן

דרוקן זייערע ספרים אין וואַרשע אָדער אין קעניגסבערג און ווערן דערפון בדיל=הדל.

— כ'האָב שוין אַמאָל אָנגעמערקט—האָט דיק פאַרענדיגט זיין ערציי=לונג—אַז אַלץ אונזערע יידעלאַך זאָלן לעבן. טאָמער ווערט טייערער אַקציז פון בראַנפן, זיינען זיי באַלד אויף דעם מרעיש עולם און צוקערן, ממש, ווערלטן און לויפן זיך קלאָגן פאַר דער רעגירונג, און טאָמער האָבן מיר אַזעלכע מדפיסים, וואָס ווילן ניט וויסן פון השכלה און דרוקן קיין זאַך ניט אויסער סדורים מיט שס'ן, איז וועגן דעם קלאָגט זיך גאָר קיינער ניט; עס זאָל דאָס גאָר זיין זייער לעצטע באָבעס דאגה. אַ שיין פאָלק זיינען מיר געוואָרן! בראַנפן י אָ, און קיין השכלה=ספרל נ י ט...

נאָך אַ קליינער פויזע האָט דיק אַ זאָג געטאָן:

— מחשבותן, ר' אליקום, מיר זיינען דאָך שכנים...

— א י ך מיט אייך שכנים? ווי אַזוי?—האָט אים צונזער געפרעגט—אפשר אַמאָל?

— שכנים היינט, היינט; אין—בית=מדרש...

— אין בית=מדרש? א י ר אין ווילנער און א י ך אין מינסקער?

— כ'האָב אַ קליינעם טעות געהאַט; כ'האָב געוואָלט זאָגן: שכנים אין פּ אָ=ל י ש...

ניט צונזער און ניט איך האָבן פאַרשטאַנען וואָס דיק וויל דאָ דערמיט זאָגן, און האָבן אים אָנגעקוקט העכסט פאַרוואונדערט.

—וואָס איז אַקאָרשט אַ פּאָליש?—האָט דיק געזאָגט און האָט זיך דערביי זיס צושמייכלט—אַ פּאָליש איז אַן אָרט האַלב גאַס און האַלב שטוב, און אין ד ע ם אָרט שטייען מענשן און טוען, דאַכט זיך, א י י ן זאַך: שאָקלען זיך. אָבער דערביי טוט איינער אַ געשריי „יהי כבוד", און דער צווייטער ענטפערט אים „הודו" און דער דריטער קנאַקט „אָז ישיר" און דער פערטער פאָרט גאָר אַרויס מיטן לאַנגן „והוא רחום", און אַזוי טומלט זיך און רעש'ט זיך און איינער הערט ניט דעם אַנדערן, און איך, אַייזיק מאיר דיק, טאַקע ווי איך זאָג אייך: א—י—י—ז—י—ק מ—א—י—ר ד—י—ק און ניט א מ"ד, מיט אייך, ר' אליקום צונזער, שטייען אינמיטן און שאָקלען זיך אויך בצבור...

מיר האָבן נאָך אַלץ ניט געקענט פאַרשטיין וואָס דיק איז דאָ אויסן. אליקום האָט אין אים אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גרויסע אויגן, און איך אויך דאָס גלייכן.

—גאָט איז מיט אייך, ר' אליקום!—האָט דיק אויסגערופן—וואָס פאַר=שטייט איר דאָ ניט? מיר שאָקלען זיך, אפשר, ניט ביידע עם כל הנערים אין ראַדקינזאָנס „ק ו ל=ל ע ם"?

דאָ האָט זיך אונז ערשט אויפגעקלערט די רעטעניש.

„קול=לעם"—דאָס איז דער נאָמען פון אַ יידישעס וואָכנבלאַט, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין די מיטעלע 70=ער יאָרן אין קעניגסבערג אונטער דער

רעדאַקציע פון מיכאל לוי ראַדקינזאָן, אַ מענש, וועלכער האָט געשמ׳ט אין זיין צייט ניט פאַר קיין גאַנץ ליכטיגע פערזענליכקייט. דאָס איז געווען אַ מאַן, אמת אַן ענערגישער, אָבער מיט ווייניג וויסן און מיט קרעמערשע אידעאַלן, און דאָך האָט ער פאַרשטאַנען צוזוציהען צו זיינעביידע בלעטער (ער האָט אַרויסגעגעבן צוויי מאָל אין דער וואָך אויך דעם העברעאישן בלאַט „הקול״) איינִיגע פון די בעסטע העברעאישע און יידישע שריפטשטעלער פון יענער צייט, און צווישן זיי אויך דיק און אליקום צונזער.

— ווי עס ווייזט אויס — האָט צונזער געזאָגט — זייט איר, ר׳ אייזיק מאיר, ניט אַזוי שטאַרק צופרידן מיט דעם „קול לעם״?

— עס הייסט ניט צופרידן? — האָט דיק געענטפערט אין אַן ערנסטן טאָן — איך וואָלט עוקר מן השרש געווען דאָס בלאַט מיט זיין רעדאַקטאָר צוזאַמען!

— וואָס האָט איר צו זיי? — האָט אים אליקום געפרעגט

— סטייטש, וואָס האָב איך צו זיי? — האָט דיק אויסגעשריען — קודם כל האָב איך צו אים, צום רעדאַקטאָר. אַ מענש פאָרט אַראָפּ אין ווילנע, טוט מיר אָן כבוד און גייט צו מיר אַריין און בעט מיר, כ׳זאָל אים געבן אַ זאַך פאַר זיין ציטונג; וואָס — מאַכט אים ניט אויס, אַבי געבן; און שכר — וויפל איר ווילט אַליין, ער דינגט זיך גאָר ניט. האָב איך גראָד אין מיין שופלאָדל געהאַט אַ פאַרטיגע געשיכטע באַאַרבעט נאָך דעם פראַנצויזישן אָריגינאַל, „די שטאָט-מיידל העלענקע״ האָט זי געהייסן, און האָב זי אים דערלאַנגט באַלד אויפן אָרט מיט די דאָזיגע ווערטער: פּאַניע רעדאַקטאָר! מילא, שכר ווי שכר, דאָס איז שוין אייער זאַך; אין ערגסטן פאַל בין איך מרוצה, אַז איר זאָלט מיר געבן דאָס, וואָס אייער בעל-דבר, צעדערבוים, האָט מיר געגעבן פאַר אַלע מיינע זאַכן אין זיין „קול מבשר״: אַ צעטל אויף „לכשירחיב״. איך גיב אייך אָבער אָפּ אין אַייערע הענט מיין „העלענקען״, נאָר „ברחל בתך הקטנה, לאה די גרויסע״, אַז מיין נאָמען זאָל אויף איר ניט געדאַכט ווערן, נאָר פּראָסט „אמ״ד״. האָט מיר ראַדקינזאָן בשעת מעשה אַ פרעג געטאָן: „איר שעמט זיך דאָס אַזוי מיט מיין „קול לעם״? אין מיינע בלעטער אַרבעטן דאָך די גדולי סופרי-הדור! וועמען געפינט איר ביי מיר ניט? אַ „ליליענבלום, אַ יהלל, אַ ד״ר קאַמינער, אַ איו״ב ממינסק און נאָך און נאָך אַזעלכע גרויסע״. אויף דעם האָב איך אים געענטפערט: יאָ, גאַנץ ריכטיג; איך זע טאַקי אין אייערע בלעטער אַ סך פון אונזערע „חכמים ונבונים״, און וואָס זאָל איך מיך דאָ לייקענען? אַזאַ איינער ווי איך, אַייזיק מאיר דיק, איז אפשר, באמת, געגן יעדערן פון אייערע מיטאַרבעטער כקליפת-השום. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, און וואָס קען איך טאָן, אַז אַזוי איז שוין מיין שטייגער פון צענדליגער יאָרן. נעמט, אדרבה, זוכט אין מיינע צוויי הונדערט ביכלאַך, וואָס איך האָב ביז היינטיגן טאָג אַרויסגעגעבן, אויב איר וועט כאָטש אויף איינעם פון זיי געפינען מיין נאָמען, נאָר אַלץ: אמ״ד און אמ״ד. ס׳איז שויז אַזוי מיין מנהג מקדמת דנא, און איצ-

טער אויף דער עלטער וויל איך אים ניט ברעכן.—אָט אַזוי האָב איך מיט ראַדקינזאָנען פֿאַריינגעטענהט, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט מיר מבטיח געווען אָנצורופן מיך אונטער מיין ערציילונג: „א מ " ד" לויט מיין פאַרלאַנג.

— היינט שטעלט אייך פֿאָר מיין פּאַרדרוס—האָט אונז דיק ווייטער דערציילט, און אין זיין קול האָט אָפּגעקלונגען אַ באַזונדער נערוועאישקייט—אַז איך גיי אין אַ פּאָר וואָכן אַרום צופעליג אַריין צו ר׳ מתּתיהו שטראַשון און געפין ליגנדיג ביי אים אויפן טיש דעם לעצטן נומער „קול לעם" מיט דעם ערשטן קאַפּיטל פון מיין „העלענקען", און אונטן איז געחתמעט מיט גרויסע אותיות: א. מ. דיק! אַ צוקאָכטער בין איך געוואָרן. סטייטש, אַזאַ נבלה, אַזאַ נבלה! כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן דעם ר׳ מיכאל לוי׳ן אַ בריוול און האָב אים, ווי מ׳זאָגט, גוט אויסגעשייגעצט פאַר ניט האַלטן קיין וואָרט און האָב אים באַפוילן תיכּף אויפצוהערן דרוקן מיין ערציילונג. ער האָט מיר אָבער געהערט ווי דעם קאָטער, און האָט זיך ווייטער געדרוקט די ערציילונג כּסדר וואָך פאַר וואָך און אַלץ מיט דער גרויסער חתימה: „א. מ. דיק". איך האָב אים געגומען פאַרוואַרפן מיט בריוו, און אין איטליכן כּון זיי בין איך געוואָרן אַלץ מער דרייסטער און מער אָפּגעשעמטער און האָב אים אַרויסגע-זאָגט אָט דאָס, וואָס ביי מיר האָט אויפגעקאָכט אויפן האַרצן. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. ר׳ מיכאל לוי, ווי ניט אים מיינט מען דאָס, האָט זיך געטאָן זיין זאַך און ווייטער געדרוקט מיין ערציילונג. אָט בין איך זיך אַמאָל מישב און פרוב אַריינגיין צו זיין שווער. בוודאי האָט איר פון אים געהערט—ווי הערט מען דאָס ניט פון אַ רעדאַקטאָרס אַ שווער?—מיכל ציפּקין האָט ער גע-הייסן, געווען כּל ימיו אַ חלפן און געהאַלטן אַ געלט-קאַנטאָר אויף דייטשע גאַס. צו דעם מיכל ציפּקין בין איך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַריין, און האָב אים דערציילט דעם גאַנצן ספור-המעשה און אויסגעלאָזן פאַר אים כּל המתו אויף זיין איידים דעם רעדאַקטאָר און געבעטן, אַז ער זאָל אויף אים גוזר זיין מיט דער גזירה פון כּיבוד שווער און שוויגער, ער זאָל תּיכּף-ומיד אויפהערן צו דרוקן די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך פון „העלענקען". מיכל ציפּקין האָט מיר אויסגעהערט גאַנץ רוהיג און האָט מיר דערנאָך אָפּגעענטפערט: „ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט, אַז מיינע גזירות וועלן אויף אים ווירקן, וואָלט איך אויף אים דאַן גוזר געווען פיל אַנדערע זאַכן, און, האָט מיר קיין פאַראיבל ניט, נאָך אפשר פיל בילכערע פון אייער אינטערעס". האָב איך ציפּקינען געפרעגט: וואָס קען שוין זיין בילכער ווי אויסמוסרן אַן איידים, אַז ער זאָל ניט זיין קיין יונ-גאַטש? דאָ האָט מיך ציפּקין אָפּגעפירט אָן אַ זייט און אַיינגעראַמט מיר אין אויער: „נאָר אייך, ר׳ אייזיק-מאיר, פאַרטרוי איך דעם סוד; וואָלט איך נאָר געקענט גוזר זיין אויף מיין איידים, וואָלט איך אויף אים די ערשטע זאַך גוזר געווען וואָס ווייניגער צו שלאָגן מיין טאָכטער, און וואָס מער צו געבן איר אויף ברויט"... הערנדיג, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַ רעדאַקטאָר-בישראל, וואָס גיט דער ווייב דעם קלאַפּ, האָב איך שוין מער וועגן מיין ענין ניט גע-

פּרובט ריידן, און האָב מיך מכּין געווען אַוועקצוגיין. שטייענדיק שוין בײַם טיר, גיט צו מיר מיכל ציפּקין אַ זאָג: „פּרובט, זײַט מוחל, גייט אַריין אין צווייטן צימער; דאָרטן זיצט אַ יונגערמאַן, זײַן פֿאַמיליע איז קאַפּלאַן*), און איז דער הויפּט־אַגענט פֿאַר גאַנץ רוסלאַנד פֿון „הקול" מיטן „קול לעם". דער קאַפּלאַן האָט גראָד אַ שטיקל ווירקונג אויף מײַן איידים; דערציילט אים די מעשה, אפשר וועט ער אײַך אין דעם עפּעס קענען העלפֿן". כּיבֿין תּיכּף אַריין צום יונגנמאַן אין צימער, האָב אים איבערגעגעבן מהחל ועד כּלה דעם גאַנצן ענין, און געבעטן אים זעהן פּועלן בײַ ראַדקינזאָנען, אַז ער זאָל אויפֿהערן צו דרוקן מײַן ‚העלענקען". און אָט דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע געדיכטע פֿון דער געשיכטע. וואָס אַ יידישער רעדאַקטאָר, וועלכער שלאָגט אַ ווײַב, ניט קען?!...

דיק איז אויף איין אויגנבליק אַנטשוויגן געוואָרן, און זיך תּיכּף צוריק־געקערט צו זײַן ערציילונג:

— נאָכדעם ווי דער יונגערמענש, דער קאַפּלאַן, האָט געהערט פֿון וואָס דאָ האַנדלט זיך, איז ער עפּעס, ווי ס'האָט מיר דאַן אויסגעוויזן, אַ ביסל צו־מישט געוואָרן. אויף אַ ווײַלע האָט ער זיך פֿאַרקלערט—האָט זיך, אַפּנים, מישבֿ געווען וואָס צו זאָגן—און צום סוף געענטפֿערט: „קודם כּל דאַרף איך אײַך בעטן טויזנטער מאָל מחילה". איר מיר?—האָב איך אים איבערגעשלאָגן די רייד שטאַרק ערשטוינט—ווי אַזוי און פֿאַרוואָס?—„ווײַל אין אײַער סכּסוך מיט ראַד־קינזאָנען טראָג איך אויך אַ שטיקל שולד",—איז געווען דעם יונגנמאַנס תּשובֿה. פֿרעג איך אים: איר? ווי קומט דאָס?—האָט ער מיר גענומען דערציילן אַ זאַ ספּור־המעשה: „ס'איז שוין אָנדערטהאַלבן יאָר צו ערך ווי ראַדקינזאָנס געשעפֿטן זײַנען זעהר שלעכט. בײדע בלעטער האָבן אַ קליינע צאָל אַבאָנענטן, וועלכע דעקן ניט אפילו אַ העלפֿט פֿון די הוצאות, דער דעפֿיציט וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג, און אַזוי אַרום וועלן זיך די צײַטונגען מוזן פֿאַרמאַכן. אָט איז ראַדקינזאָן געפֿאַלן אויף אַ פֿאַל צוצוציען דעם באַוואוסטן מענדעלי מוכר ספֿרים אַלס צווייטן רעדאַקטאָר פֿון זײַנע בײדע בלעטער, כּדי צו הויבן דורך דעם זייער טיראַזש. דער ענין האָט זיך אים אײַנגעגעבן. אַבראַמאָוויץ, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין זעהר אַ טרויעריגן מאַטעריעלן מצבֿ, האָט אויף דעם מסכּים געווען. ער איז זיך שוין מיט ראַדקינזאָנען צונויפֿגעפֿאָרן קיין קיעוו, וואו זיי האָבן זיך געדאַרפֿט אָפּשרייבן, און מ'האָט שוין וועגן דעם מודיע געווען אין די צײַטונגען. מיט אַמאָל האָט אָבער אַבראַמאָוויץ חרטה געקראָגן אויפֿן שידוך. מ'זאָגט, אַז לײַט האָבן פֿאַר אים אָנגערעדט אויף ראַדקינזאָנען. וואָס טוט ראַד־קינזאָן? ער האָט גענומען אָנוואַרפֿן אַ פּחד אויף אַבראַמאָוויצן, אַז טאָמער גייט

---

*) דער דאָזיגער יונגערמאַן איז דאָס אליעזר קאַפּלאַן, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אין די ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע קרײַזן אַלס הויפּט־גרינדער און פֿירער פֿונם העברעאישן ביכער־פֿאַרלאַג „אַחיאסף" און אַלס באַרימטנדער עסקן אויפֿן געביט פֿון דעם יידישן אויפֿלעבונגס געדאַנק.

ער מיט אים ניט אַריין אין געשעפט, האָט ער שוין אַנדערע שריפטשטעלער, און אויך גרויסע מפורסמים, וועלכע זיינען קאַפּאַבל אַ ליאַדע טאָג אַריינצוּ־טרעטן אַלס צווייטע רעדאַקטאָרן אין זיינע צייטונגען. ווי מיר שיינט, זייט איר אויך איינער פון יענע מפורסמים, מיט וועלכע ראַדקינזאָן האָט דאָס גע־סטראַשעט אַבראַמאָוויטשן. אַ ראיה דערצו האָב איך פון דעם, וואָס ראַדקינזאָן האָט מיר די לעצטע צייט שוין עטליכע מאָל געבעטן צו באַזוכן אייך און אי־בערצורײדן מיט אייך וועגן דעם דאָזיגן ענין. עס קען גרייזלאַך זיין, אַז דאָס איז אויך געווען די סבה פון דעם, וואָס ראַדקינזאָן האָט עובר געווען אויף זיין וואָרט און האָט אונטערגעשריבן אונטער אייער ערציילונג אין „קול־לעם" אייער גאַנצן נאָמען, כּדי די וועלט זאָל זעהן, און דער עיקר אַבראַמאָוויץ, אַז איר זייט זיינער אַ מיטאַרבעטער. איך בין אָבער צו אייך ניט געגאַנגען, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז ס'וועט דערפון גאָרנישט גיט אַרויסקומען, און האָב אייך אומזיסט ניט געוואָלט דרייען דעם קאָפּ". אַזוי האָט מיר דערציילט דער יונגערמאַן. וואָס זאָגט איר פאָרט, ר' אליקום, צו דעם אײנפאַל פון אונזער רעדאַקטאָר צו באַנוצן זיך מיט מיין נאָמען, כּדי צו כאַפּן אַבראַמאָוויצן אויף דער ווענטקע?

איך געדענק, אַז אליקום האָט געפּרובט פאַרטיידיגן ראַדקינזאָנען און האָט געזאָגט:

— אַלץ צוליב דער ביטערער פּרנסה; אַ רעדאַקטאָר, און אפילו פון צוויי צייטונגען, דאַרף אויך עסן.

דאָ האָט זיך דיק אַ כאַפּ געטאָן מיט אַן אויסגעשריי:

— פּרנסה, זאָגט איר? לאָז ער גיין האַקן האָלץ, לאָז ער גיין טראָגן וואַסער, לאָז ער זיך ערגעץ שטעלן פאַר אַ משרת? נישקשה, ער האָט נאָך גע־נוג כּח, איז אַ יוד אַ גבר... ווי קומט אַזעלכער צו זיין אַ רעדאַקטאָר? אַ מענש אַ רוצח, וואָס ממית'ט דער ווייב און גיט איר ניט עסן, ווי קומט ער צו זיין אַ מורה־דרך? ווי קומט אַזוינער אונז צו לערנען שטאַט, מענשליכקייט? ביי וועלכער אומה ולשון קען דאָס גאָר זיין געמאָלט?

— דאָס איז נאָך אָבער ניט גאָר—האָט דיק פאַרענדיגט—דער סוף איז געווען, אַז קומענדיג אַ היים האָב איך מיך תּיכּף אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן צוויי בריוו: איינער צו ר' מיכאל לוי'ן און דעם צווייטן צו אַבראַמאָוויצן. ר' מיכאל לוי'ן האָב איך געשריבן, אַז ראשית דאַנק איך אים אָפּ פאַרן גרויסן כּבוד, וואָס ער וויל מיר אָנטאָן; והשנית בין איך אים מודיע, אַז מיר איז גאַנץ גענוג מיין פּופּציגיאָריגע קרוין פון אַ „סופר סתם", און צו טיילן זיך מיט אים זיין רעדאַקטאָרן־קרוין האָב איך קיין שום תּשוקה ניט; והשלישית, ערלויב איך ניט אויף קיין פאַל צו מאַכן מיין נאָמען פאַר אַ האַנט־טוך, מיט וועלכן ידים טמאות—אַזוי האָב איך אים געשריבן מפורש: ידים טמאות!—זאָלן זיך אָפּווישן; און והרביעית, פאָדער איך פון אים, אַז ער זאָל מיר מער אין דעם רייסטער פון זיינע מיטאַרבעטער ניט אַריינשטעלן. און אַבראַמאָוויצן האָב

איך געשריבן, אַז אַ ייד אַ זקן פון אַ בן־שבעים ווי איך בין, וואָס שטייט שוין מיט איין פוס פון יענער זייט, קען מיט דער אַנדער פוס קיינעם ניט שטיין אין וועג, און בכן האָט ער פאַר מיין קאָנקורענץ גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן. נאָר בדרך חברשער פריינדשאַפט גיב איך אים אַן עצה, ער זאָל זיך למען־השם ולמען־השם מיטן שאַרלאַטאַן ניט פאַרדרייען, וואָרום סוף כל סוף וועט ער פון אים גוט ניט אָפּשניידן. אינטערעסאַנט איז אַבראַמאָוויצעס תשובה. „דער מזל פון אַ יידישן שרייבער — אַזוי האָט מיר אַבראַמאָוויץ געענטפערט — איז פאָרט ניט קיין קליניגקייט. ניט באַשערט געווען מיר צו דאַרפן איבערחזרן יעדן טאָג דעם ביטערן אויסגעשריי: „אוי לי, שנתתי מפתי לעם הארץ!“...*)

אַבראַמאָוויצעס לעצטע פראַזע האָט געגעבן אונזער געשפּרעך אַ נייע ווענדונג. מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט וועגן דעם, צי איז ראַדקינזאָן באמת אַן עם־הארץ. צונזער האָט געטענהט, אַז דער מחבר פון אַזוינע ספרים ווי: „ספורי־צדיקים“, „תולדות בעלי־שם־טוב“ און „תולדות עמודי־חב״ד“ קען בשום אופן ניט זיין קיין עם־הארץ. איך האָב אונטערגעהאַלטן צונזערס מיינונג, און וועלנדיג דערביי אַרויסווייזן מיין בקיאות האָב איך דערמאָנט, אַז ראַדקינזאָן האָט פאַרפאַסט אויך אַזעלכע ספרים ווי „שו״ת אבן מיגאש“ און „פרדס הגדול וספר האורה לרש״י“. דיק האָט דאָ אַרויסגעזאָגט גאָר אַן אַנדער מיינונג:

— פון ראַדקינזאָנס ספרים — אַזוי האָט דיק געזאָגט — איז נאָך אַלץ גאָר קיין ראיה ניט, אַז ער איז ניט קיין עם־הארץ. ביי אונז יידן קען מען אָנשרייבן כאָטש טויזנט ספרים, און זיין פונדעסטוועגן אַן עם־האָרץ שבעמי־ארצים. און פאַרוואָס זאָל דאָס, אייגנטליך, אַ מחבר ניט קענען זיין קיין עם־הארץ? ווער לאָזט עס אים ניט? דאָס פּאַפּיר? דער טינט־און־פעדער? דער דרוק? איר וועט, אפשר וועלן אָפּלייקענען, אַז ביי אונז זיינען דאָ מחברים, וואָס הינקען אויף עברי? און, בכלל, דאַרפט איר וויסן, אַז אַזאַ אַבראַמאָוויץ זאָגט „עם־הארץ“ איז — „עם־הארץ“, כאָטש גיי און שריי: חי וקים! כ׳וויל מיר דאָ אָבער ניט אַריינ־לאָזן אין חקירות וועגן ראַדקינזאָנס עם־הארצות׳קייט. זאָגן וועל איך אייך נאָר איין זאַך: אין געשמאַקלאָזיגקייט, אין אומעסטעטישקייט, איז ראַדקינזאָן ממש אַ פענאָמען. אָט וועל איך אייך ווייטער דערציילן אַ מעשה, וואָס עס האָט פּאַסירט מיר אַליין מיט דעמזעלביגן ראַדקינזאָנען, און אַלץ צוליב דעמזעלביגן „קול־לעם“.

— די מעשה איז אַזוי געווען — האָט דיק אָנגעהויבן —: איר ווייסט דאָך, מן הסתם, אַז איך האָב אַמאָל האָלט צו זאָגן אַ וויץ, אַן אַנעקדאָט, אַ גלייכווערטל. עס איז דאָך קיין תכלית ניט תמיד צו זיין נאָר אַ מאָראַליסט, אַ מוסר־זאָגער, אַ מגיד מישרים. גענוג זיינען אונזערע יידן פאַרצאָגט, פאַרכמאַרעט אין גאַס, פאַרוואָס זאָלן זיי זיך דאָס אַמאָל ניט פאַרגינען קיין שמייכל, קיין

*) אַ באַקאַנטער ווערטל פון אַ געוויסן תלמיד־דיסטן, און באַטייט אין יידיש: „ווי איז מיר, וואָס כ׳האָב געגעבן פון מיין ברויט צו אַן עם־הארץ“.

געזונטן געלעכטער? איר ווייסט, אַז מ׳האָט שוין ביי אונז כמעט ווי פאַרגעסן לאַכן? לאַכן דאַרף בלויז איוואַן, אָדער סטאַש, און ר׳ ישראל דאַרף נאָר טאָן איין זאַך און קרעכצן. איך וויל אָבער, אַז אונזער ר׳ ישראל זאָל זיך אויך אויסלערנען לאַכן, אָט טראָג איך אים אָפּט אונטער אַ מאָל אַ בינטל וויצן, אַ מאָל אַ פעקל אַנעקדאָטן און אַלערליי מילתא דבדיחותא בכלל, און—יידן לאַכן, און אַז אַ יידלאַכט, דאַרפט איר וויסן איז דאָס ניט אַ געלעכטער גלאַט אין דער וועלט אַריין, איז דאָס ניט קיין חוצפה׳דיגער גוי׳אישער געלעכטער: חאַ! חאַ! חאַ! און יוצא, נאָר אַ געלעכטער מיט אַ פשט׳ל, מיט אַ שטיק תורה. איך זאָג דאָס אייך אַנטקעגן דעם, וואָס תמיד בין איך געוועזן אָפּגעלייגט אויף קלייבן וויצן. אָט האָב איך צוריק מיט אַ יאָר צוואַנציג, און אפשר מיט די גאַנצע דרייסיג, פאַרפאַסט אַ קליין וויצן-ביכעלע, וועלכן כ׳האָב געגעבן אַ נאָמען: „דער דריילינג“. דאָס ביכל איז אַ מין רשימה פון ווערטלאַך, וועלכע הויבן זיך אַלע אָן מיטן ציפער „ד ר י י“. למשל: „ד ר י י רייסן פון זיך די הויט: א) ווער עס האָט פאַרגעסן אָן עירוב-תבשילין צו מאַכן; ב) ווער עס האָט פאַר-געסן ביי׳ם פריץ אַ גרעסערן מקח צו בעטן; ג) אַ קרעציגער קלויזניק“. אָדער אַ צווייטן משל: דריי זאַכן בעט אַ ייד מיט העזה: א) אַ שמעק טאַבאַק; ב) אַ שטיקל זייף אין מרחץ; ג) דעם לולב צום אתרוג-בענטשן“. און נאָט אייך שוין אַ דריטן ביישפיל: „צו דריי שדים העלפט ניט קיין מזוזה: א) צו אַ ווייב אַ מרשעת; ב) צו אַ בעל-דרשן מיט אַ כתב; ג) צו אַ שלעכטן מלוה מיט אַ וועקסל“ א. אַ. וו. א. אַ. וו.

—מיר דאַכט—האָט זיך צונזער אָפּגערופן—אַז כ׳האָב דאָס דאָ ניט לאַנג ערגיץ געזעהן געדרוקט.

—וואָס הייסט אייך דאַכט?—האָב איך אַ זאָג געטאָן—דאָס איז דאָך געוועזן ערשט מיט עטליכע וואָכן צוריק אין קול-לעם“?

— איילט זיך נאָר ניט; וואָס האָבן דאָס יידן אַזוי קיין צייט ניט?—האָט אויף דעם דיק געענטפערט—מיר וועלן נאָך צו דעם אויך קומען. כ׳האָב אָנגעשריבן מיין „דריילינג“, בין ניט איבעריג-וואָס געוועזן פון אים קאָנטעט, און האָב אים אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט, אָט לאָז זיך וואַלגערן; ס׳וועט קומען זיין „יבוא יומו“, און האָב אַזוי אָן דעם דאָזיגן כתב-יד מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרגעסן. דאַרף זיך טרעפן, אַז מיט אַ געוויסער צייט צוריק איז מיר אַריינגע-פאַלן אין האַנט אַ נומער „קול לעם“, און איך געפין אין אים מיין פאַרלעגענע סחורה מיט אַ שנוי השם; ניט קיין „ד ר י י ל י נ ג“ הייסט עס שוין, נאָר „די ד ר י י זאַ כ ן“, און געחתמעט אויף דעם איז עפיס איינער מיט אַ ראשי-תיבות יז״ג. כ׳האָב מיר געגומען ברעכן דעם מח, ווער קען דאָס זיין דער דאָזיגער יז״ג, און ווי אַזוי קומט אַזוינער צו מיין מיט אַ סך יאָר צוריק אָנגעשריבענעם כתב-יד? און האָב דאָס בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין. נעם איך און שרייב אַוועק אַ בריוול צו ר׳ מיכאל לוי, און פאָדער פון אים אַן ערקלערונג. ענט-פערט ער מיר ניט, ווי זיין שטייגער איז. די זאַך איז מיר ערשט אויפגעקלערט

געוואָרן אין אַ וואָכן דריי אַרום דורך אַ הודעה, וואָס אייער מינסקער נפך *) —דער איז דאָס דער יז״נ—האָט אָפּגעדרוקט אין „קול לעם״. אין דער הודעה זאָגט ער, אַז דער מחבר פון ״די דריי זאַכן״ איז ניט ע ר, יז״נ, ווי ס׳איז גע- ווען בטעות געדרוקט אין „קול לעם״, נאָר אַן אַנדערער, איינער אַ „D. L.״ און דוקא אין לאַטייניש אותיות, און אַז דער דאָזיגער D. L. איז ניט קיין פשוטער בשר-ודם, ווי איך מיט אייך, נאָר אַ מענש מיט אַ גרויסן פעקל אויסערגעוויינליכע מעלות: ערשטנס, האָט ער מיט סך יאָר צוריק געשטריטן מיט דער פינסטערניש, צווייטנס, איז ער געווען אַ פאָרשטייער פון ראַבינער-שול, דריטנס, האָט ער געדרוקט אַ העברעאישעס ווערק, און פערטענס, וועט אינגיכן אין „קול לעם״ זיין געדרוקט זיינער אַ זשאַרגאַנישער חבור. לויט ד י סימנים, און באַזונדערס די ערשטע דריי, האָב איך תיכּף פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיגער לאַטיינישער D. L. איז דער באַוואוסטער, מיט זיבן יאָר צוריק פאַרשטאָרבענער מינסקער משכיל ר׳ ד ו ד ל ו ר י א, דער מחבר פון „עומר בשדה״. מיט דעם דאָזיגן דוד לוריא האָב איך מיך גוט געקאָנט פון כּמה יאָרן, און תּמיד ווען ער פלעגט נאָר קומען קיין ווילנע, פלעגט ער מיך באַזוכן. מיין מח האָט אָבער ניט גע- קענט תּופס זיין, ווי אַזוי איז ער געקומען צו מיין „דריילינג״, אדער, ווי אַזוי איז מיין „דריילינג״ געקומען צו אים? סיידן, אַז איך האָב אים אַמאָל געגעבן מיין ווערקל אויף דורכצולייענען, און ער האָט גענומען און האָט עס איבערגעשריבן ביי זיך לזכרון ניט פאַרצייכענענדיג דערביי מ י י ן נאָמען, און אַ גוטער פריינד ווי אייער י ז ״נ, האָט עס איצטער געפונען צווישן זיינע כתבים, און האָט מיט דעם מזכּה את הרבים געווען. איך געדענק דאָס אבער ניט. נאָר ניט דאָס איז דאָ נאָך דער עיקר. דער עיקר איז, אַז אין מיין „דריילינג״, ווי ער איז געד- רוקט אין „קול לעם״, האָב איך געפונען פיל פ ר ע מ ד ע טפשות און נבול-פה, באופן, אַז מ׳דאַרף רויט ווערן פאַר בושה, און ס׳איז, ממש, אַ חרפה דאָס בלאַט אין האַנט צו נעמען. ווער מעס האַנט עס שטעקט אין דעם,—ווייס איך ניט. דוד לוריא׳ס—געוויס ניט; דאָס איז געווען אַ מענש מיט זייער אַ הויך אַנטוויקלטן עסטעטישן געשמאַק, און דערצו נאָך אַ גרויסער ערליכער מאַן. זאָל דאָס זיין אַ „נ׳פ ך״ פון אייער מינסקער נ׳פ ך,*) דער מביא לבית הדפוס?— גלויבט זיך מיר עפּיס אויך ניט; גיכער איז דאָס אַ שטיקל אַרבעט פון דעם אָדון הרעדאַקטאָר בכבודו ובעצמו. אַזוי האָב איך דאַמאָלס געטראַכט, און ס׳איז ביי מיר געבליבן צו מאַכן אַ גרויסן שוויג, כּדי ניט פונאַנדערצוריען די בלאָטע. איך האָב זיך נאָר געקליבן אויסצובטל׳ען אַלע מיינע חלומות צו ר׳ מיכאל לוי׳ס קאָפּ פאַר זיינע ציניש[ע] הוספות. ווייסט איר דאָך אָבער, מסתמא,

*) דאָס איז דער באַקאַנטער כּלל-טוער י ה ו ד ה ז א ב נ׳פ ך, דער דאַמאָלדיקער מינ- סקער קאָרעספּאָנדענט פון „קול לעם״.

*) אַ קאַלאַמבור אויפן סמך פון דעם באַוואוסטן תלמודישן אויסדרוק „הוסיף נופך משלו״, וואָס עס הייסט אין אידיש: צולייגן אַן אייגענעם פערל״...

די מימרא פון אונזערע חז״ל: ״זכה—מלאכתי נעשית ע״י אחרים״. אַזאַ זכות, אַז אַנדערע זאָלן פאַר מיר אַרבעטן, האָב איך אויך געהאַט. איידער איך האָב נאָך באַוויזן אַריינצושרייבן מיין בריוו צום רעדאַקטאָר, ערשט אין ״קול לעם״ גופא האָט זיך אָפּגעדרוקט אַ קאָרעספּאָנדענציע פון פּאַריז, עפּיס פון איינעם אַ בן־נץ*), און דער דאָזיגער פּאַריזער יונגער שפּאַרבערל**) שטעקט אַריין זיינע שפּיציגע נעגל אין ר׳ מיכאל לוין, סטייטש, ווי קומט ער דאָס צו באַשמוצן זיין בלאַט מיט אַזעלכע גראָבע וויצען? דערביי פאַרגעסט אויך ניט דערזועלביגער בן־נץ צו זאָגן תהלות ותשבחות בנוגע דעם עֶצם ווערקל פונ׳ם לאַטיינישן .D. L. בקיצור כל הקיצורים: ביי מיר קומט אויס, אַז אַ רעדאַקטאָר מיט אַזאַ געשמאַק ווי ראַדקינזאָנס, איז נאָך טויזנט מאָל ערגער פון אַ רעדאַקטאָר אַן עם־הארץ.

פון דעם איז אונזער שמועס אַריבער צו יידישע רעדאַקטאָרן און יידישע צייטונגען בכלל.

— אַז ס׳וואָלט זיך נאָר געווענדט אָן מיר—האָט דיק געזאָגט—וואָלט איך מבטל געמאַכט אַ ל ע אונזערע צייטונגען. צו וואָס דאַרף מען דאָס? צו וואָס די איבעריג הוצאות מיט דעם גאַנצן טומל? יידן האָבן שוין א י י ן צייטונג, און אַ ג ר ו י ס ע צייטונג, און מער דאַרפן זיי ניט.

— וועלכע ציימונג מיינט איר דאָס?—האָב איך נייגעריג געפרעגט.

— דעם ש ו ל ־ה ו י ף !—האָט דיק געענטפערט—דאָ קענט איר קריגן צו יעדער צייט צייטונגס־מאַטעריאַל מכל המינים: ווילט איר פּאָליטיקע—איז פּאָ־ליטיקע, ווילט איר נייס—איז נייס, ווילט איר קריטיק—האָט איר קריטיק, און גאַנץ שאַרף געפעפערטע, אַז מ׳קען, פּשוט, ניט אַיינשטיין פאַר ביטערקייט... ווילט איר אַ מעשהלע, אַ מימרה׳צקע—אַלץ, אַלץ געפינט איר דאָ, און ניט אַלט־געבאַקן און פאַרשימלט, נאָר ממקור ראשון, אָט ערשט פון אויוון...

מיר האָבן זיך צולאַכט.

אין אַ ווײַלע אַרום רוקט זיך אָפּ אליקום:

— זאָגט מיר נאָר, כ׳בעט אייך, ר׳ אייזיק־מאיר, איר ווייסט דאָך, גע־וויס, אַז איטליכע צייטונג האָט אַ בריוו־קאַסטן, דורך וועלכע זי ענטפערט אירע לעזער, און אויך אַנדערע פּערזאָנען אויף זייערע פאַרשיידענע אָנפרא־געס. און בוודאי איז אייך באַקאַנט אויך דאָס, אַז יעטווידער צייטונג רופט אָן איר בריוו־קאַסטן מיט אַן אַנדער נאָמען. דער ״מגיד״, למשל, רופט עס: ״תשובה כללית״, אין ״הצפירה״ הייסט עס ״שאלות ותשובות״, אין ״מליץ״—״תבת־נח״ א. אַז. וו. ווי קען הייסן אָט דער דאָזיגער בריוו־קאַסטן אין אייער צייטונג ״שול־הויף״?

---

*) דער דאַמאָלסדיגער פּסעוודאָנים פון דעם היינטיגן באַוואוסטן יידיש־סאָציאַליסטישן דיכטער און שריפטשטעלער מ אָ ר י ץ װ י נ ט ש ע װ ס ק י, וועלכן די פּרייסישע רעגירונג האָט אין יענעם יאָר אַרויסגעטריבן פון קעניגסבערג. אין פּאַריז האָט ער זיך דאַן געפונען אויף זיין רייזע קיין ענגלאַנד.

**) נץ הייסט אין העברעאיש אַ שפּאַרבער (אַ באַוואוסטער מין רויב־פויגל).

— זעליג־בער! — האָט דיק תּיכּף אויסגעשאָסן.

מיר האָבן אים אָנגעקוקט העכסט פאַרוואונדערט.

וואָס קוקט איר מיר אַזוי אָן? — האָט אונז דיק געפרעגט גאַנץ אויפגעלייגט — וואָס, אײגנטליך, ענטפערט מען אין די דאָזיגע בריוו־קאַסטנס? מען ענטפערט: אײך ווילט זיך, קינדערלאַך, זײַן שרײַבער, — גייט און לערנט זיך פריער אויס! און זעליג־בער דער שמש שרײַט ער דען ניט, ווען ער דערזעהט אַ ייִנגל אַ פּוסט־שאַק איבערן שול־הויף: „שקצים, אין חדר אַרײַן!?...

אַ פּאָר שעה אַן ערך האָב איך דאַן מיט צונזערן פאַרבראַכט בײַ דיקן. די גאַנצע צײַט האָט דיק ניט אויפגעהערט צו רעדן, איז אַריבערגעפלויגן פון ענין צו ענין, און רעדענדיג האָבן זיך אין זײַן מויל צוזאַמענגעפלאָכטן טיפער ערנסט מיט לײַכטן וויץ, גאַנץ אָריגינעלע געדאַנקען מיט איראָנישע באַמער־קונגען, וועלכע זײַנען פון אים אַרויסגעזאָגט געוואָרן דאָ מיט געלאַסנהײַט און דאָ מיט פּאַטאָס.

בשעת מיר האָבן שוין געהאַלטן בײַם אַוועקגיין, האָט זיך דיק אָפּגערופן צו צונזערן:

— היות ווי איר זײַט בײַ אונז אין ווילנע אַ גאַנץ זעלטענער גאַסט, און ניט יעדעס מאָל גייט איר אַרײַן צו מיר, בכן וואָלט איך אײַך פאָרגעלייגט, מיר זאָלן זיך מכבד זײַן איינער דעם אַנדערן מיט כּבוד: איך אײַך מיט מײַנע אַ פּאָר פּירושים אויף שווערע שטיקלאַך מדרש, און איר — פון די נײַס, מיט וועלכע גאָט האָט אײַך פאַר דער לעצטער צײַט געלײַטזעליגט אין אײַער פּאַך.

און כך הוה.

דיק האָט אונז דערקלערט עטליכע פון זײַנע „שפּאָגל־נײַע אײַנפאַלן" — אַזוי האָט ער זיך דאַמאָלס אויסגעדריקט — אין מדרש, און אליקום האָט געזונ־גען זײַן נײַע ליד, וועלכע ער האָט אָקאָרשט־וואָס פאַרפאַסט. דאָ איז געווען: „דער איזבאָרשטשיק".

II.

איך אַלס מגיה פון מײַן ערשטן ספר. — מײַן פּחד פאַר די גרײַזן. — די שנעפּסעלאַך. — דיקס אַן ערקלערונג וועגן דעם ענין גרײַזן. — לײַטישע מסירות־נפש פאַר אַ דגש. — אדם הכהן לעבנזאָן עסט שיר ניט אויף דעם בעל־מגיה פאַר זײַן זונס שירים־ביכל. — אַ פאַרלשון־קודשדיגטעס גויאיש וואָרט. — ווי דער משורר שלמה זלמן זאַלקינד פלעגט רעדן מיט זײַן שטוב־שיקסע.

אַ צווייטן מאָל האָב איך מיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דיקן אינמיטן ווינטער 1884, ווען כ'בין געקומען פון מינסק קיין ווילנע דרוקן מײַן העברעאישע אי־בערזעצונג פון ד"ר פּינסקערס „אויטאָ־עמאַנציפּאַציאָן": „אם אין אני לי, מי לי".

מיין איבערזעצונג, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די ווילנער חובבי־ציון, האָט זיך געדרוקט ביי ראָמען (דאַמאָלס האָט זיך ראָמס דרוק געפונען אויף זשמודסקע געסל). איך האָב אַליין געהאַלטן די הגהה פון מיין ספר, און צוליב דעם פלעג איך אַלע טאָג קומען אויף אַ פּאָר שעה אין דרוק אַריין. דאָרטן פלעג איך מיר זיצן און טאָן מיין אַרבעט אויף אַן אויבערשטיבל, וועלכע איז פון לכתחלה אָן געווען אָפּגעגעבן פאַר די עטליכע מגיהים, וואָס האָבן געהאַט באַשעפטיגונג אין ראָמס דרוקעריי.

דאָס איז געווען די ערשטע הגהה, וואָס איך האָב געמאַכט אין מיין לעבן, און האָב, ממש, ניט געוואוסט מיט וואָס מ׳עסט דאָס. בעת דער זעצער האָט מיר דערלאַנגט די ערשטע זייטל פון מיין ספר, און זי איז געווען דורכאויס אנגעשאָטן מיט גרייזן, איז מיר, ממש, פינסטער געוואָרן אין די אויגן, ווייל איך האָב געמיינט, אַז ווי איך זאָל מיך ניט קליגן, מוז שוין אַזוי די זייטל פאַרבלייבן מיט אַלע פעלער לעולם ועד. בעת איך האַלט אַזוי דאָס בלעטל און בין שטאַרק צומישט און צוטומלט און ווייס ניט, וואָס מ׳הויבט דאָ אָן צו טאָן, שטייט זיך לעבן מיר דער זעצער, אַ קורצער און אַ בייכיגער יידל פון אַ יאָר פופציג אַן ערך, און ברומט זיך אונטער דער נאָז: „נעמט זיך אָקאָרשט פאַר דער פען; איר וועט געבן אויף אַ שנעפּסל, וועט שוין אַלץ רעכט ווערן״.

דערהערנדיג די ווערטער בין איך ווי ניי געבאָרן געוואָרן. זאָל נאָר אויסגיין צו די עטליכע קאָפּיקעס, אַרט מיר שוין ניט, און טראַכטנדיג אַזוי נעם איך און כאַפּ אַרויס פון קעשענע אַ זילבערנע מטבע, שפּאַר עס אים אין האַנט אַריין און זאָג דערביי: אָט האָט איר אייך אויף עטליכע שנעפּסלאַך, אָבער זעהט, כ׳בעט אייך, לאָזט ניט איבער קיין גרייזן.

דער יידל האָט, אַפּנים, געמיינט, אַז ער האָט אין מיר דערטאַפּט אַן עושר, און האָט מיר כסדר גענומען מעלקן. ביי יעדער זייטל, וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט, האָט ער ביי מיר ניט אויפגעהערט צו בעטן אויף שנעפּסלאַך. מילא, כל־זמן איך האָב געקענט, האָב איך געגעבן; ס׳האָט אָבער ניט געוואָלט נעמען קיין סוף: וואו אַ זייטל איז זי אויסגעטונקט, עפּעס ווי אויף צו להכעיס, אין לויטער גרייזן, און דער זעצער שרייט אַלץ: הב! הב!

איינמאָל זיץ איך מיר אַזוי אויפן שאַלקע און גריבל זיך אין די קאָרעקטן און קלער ווי ווערט מען שוין ערלייזט פון די גרייזן מיטן זעצער, ערשט עס עפנט זיך אויף די טיר, און עס גייט אַריין דער אַלטער אייזיק־מאיר דיק, וועלכער איז פאַר די לעצטע 5 יאָר פיל גראָער געוואָרן. דערזעענדיג מיך פון וויטן האָט ער מיך תיכף דערקענט, איז צו מיר צוגעגאַנגען, האָט מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן „שלום עליכם״, און געפרעגט:

— וואָס מאַכט אַ ייד אַ שרייבער?

מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט. די ערשטע זאַך האָב איך פאַר אים אויסגעגאָסן מיין שווער ביטער האַרץ אויפן זעצער.

— רעכט אויף אייך! זייט ניט קיין פּריץ! — האָט דיק אויסגערופן —; קומט

אַ באַקאַנטער ייד קיין ווילנע דרוקן אַ ספר, דאַרף ער קודם כל אַריין צו אמ״ד׳ן מישב זיין זיך מיט אים ווי און וואָס. כ׳וואָלט אייך שוין אויסגעלערנט ווי ניט צו זיין קיין „פרייער״. מיר אַליין האָט דאָס אָפּגעקאָסט „גענוג רבי־געלט. איך אין אייערע יאָרן האָב אויך געמיינט, אַז ווען עס בלייבט אַ גרייז, און ווער רעט נאָך צוויי, אין אַ בלעטל, איז שוין גאָר געעקט די וועלט, און מיר האָט זיך אויך אַמאָל געדוכט, אַזוי ווי אייך היינט, אַז שומר ומציל זיין פון גרייזן קען נאָר די אייגענע אויג, און אויף פרעמדע קען מען זיך ניט פאַרלאָזן. אָט האָב איך אַ שטיק יוגנט פאַרבראַכט אויף הגהה, מגיה געווען אַליין מיינע ביכלאַך, און געגעבן לאַפּקע היינט דעם זעצער, און מאָרגן יענעם זעצער. זיי האָבן מיר, פּראָסט, די בלוט אויסגעזויגן, און ווייסט איר וואָס כ׳וועל אייך זאָגן? צו גרייזן דאַרף מען אויך האָבן מזל. וועלכע מיני גרייזן, למשל, קען דאָס אַ זעצער מאַכן אין אַזאַ ספר׳ל ווי אייערן? אָדער פאַרבייטן אַן „עיין״ אויף אַן „אלף״ צי פאַרקערט, אָדער אַ „קוף״ אויף אַ „כּף״ צי פאַרקערט. טאָ וואָס איז דאָ פאַר אַזאַ בייז? אייך צום שידוך וועט דאָס געוויס ניט שאַטן, טאָמער וואָס ווען, וועל איך פאַר אייך קאָווירן, אַז איר קענט גוט אויסלייגן לשון־קדש, און פאַר דעם עולם־גולם זאָל אייך ניט אַרן; ער וועט דאָס אויך אַראָפּשלינגען, און קיינעם וועט דערפון ניט געקרימט ווערן קיין האָר. גלויבט מיר, אַז איך האָב אַמאָל אַליין געזעהן מיט מיינע אויגן אין אַ ראש השנה׳דיגן מחזור געדרוקט מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות „הַלֶּךְ״ אָנשטאָט „הַמֶּלֶךְ״, און איך בין אייך עָרֵב, אַז דעם חזן האָט זיך דערפון ניט געשטעלט אין האַלז. און „יַבֶּבָּה״ אָנשטאָט „יַכֶּבָּה״ האָט איר קיינמאָל אין אַ סידור ניט געזעהן? איך האָב דאָס יע געזעהן, און ניט איינמאָל. בכן האָט איר זיך ניט וואָס אָפּצועסן דאָס האַרץ, און דאַרפט זיך צו פיל אויף שנעפּסלאַך ניט לאָזן קאָסטן. מיט מיר האָט עפּעס גאָר וואָס אַנדערש פּאַסירט. ביי מיר האָט מען געמאַכט די גרייזן גראָד אין די עוגע ערטער; איר ווייסט דאָך ווי דער גוי זאָגט: „דאָרטן וואו ס׳איז שמאָל — דאָרט רייסט זיך״. ביי מיר זיינען געווען די גרייזן דוקא אויפן ערשטן שער־בלאַט, און דוקא אין מיין נאָמען: ניט „אמ״ד״, ווי עס בעדאַרף צו זיין, נאָר „אַמאַד״ און „אַמאַד״ און „אַמאַד״, און גיי טו זיי עפּעס. איך, אייזיק מאיר דיק, דער מאַנסביל בין גאָר מיט אַמאָל פון העלער הויט געוואָרן אַמאַד! ווי געפעלט דאָס אייך? טאָמער האָב איך אַ נאָמען געגעבן אַן ערציילונג „חייצ׳יקל אַליין״, קום איך און געפין אָפּגעדרוקט אויפן שער: „חייצ׳יקל אַ ביין״, צי אַ שטיין, איך געדיינק שוין ניט, און נאָך און נאָך אַזעלכע מאוים׳דיגע פעלער, און אַלץ דוקא אין סאַמע אויבנאָן, אין רעכטן שפּיץ. איך האָב געמיינט כ׳עס מיך אויף אַ לעבעדיגן. כ׳בין דענסמאָל אויך געווען אַזאַ רויער מחבר ווי איר זייט היינט, און דערצו נאָך אַ גרויסער תמים. אָט האָט זיך ביי מיר אויך אָנגעפאַנגען אַ סדרה מיט שנעפּסלאַך; מיט אַ יאָר דרייסיג־פערציג צוריק האָט דער הבחור הזעצער אויך ניט פיינט געהאַט קיין ביסל בראָנפן. איצט באַרעכנט: פאַר אַ ווערקל פלעג איך בסך־הכל קריגן געצאָלט פון צוויי ביז דריי רובל, היינט גיי

נעם און גיב נאָך דערפון אויס אויף שנעפּסלאַך! כ'האָב געזעהן, אַז ס'איז שלעכט, בין איך אַמאָל אַרויפגעלאָפן צו דער דרוקערקע, צו דבורה'ן, און האָב גענומען ליאַרעמען און מאַכן קולות: סטייטש, וואָס האָט מען צו מיר? כ'וועל דאָך אַזוי בלייבן אָן אַ העמדו! האָט מיר די „אשת־לפידות"*) געענט־פערט: „ווער איז אייך שולדיג, אַז איר זייט אַ ייד אַ פּחדן און נאָך אַ נדיב־לב דערצו? ווי פאַלט דאָס גאָר אייך איין צו מיינען, אַז אָן אייערע ביר־געלט וואָלטן מיר אַרויסגעלאָזן אייערע ווערק מיט גרייזן? דאָס איז דאָך עפּיס אונזער פּרנסה! הערט זיי אויף צו געבן, און—אַ סוף, און זייט זיכער, אַז זיי אַליין וועלן שוין ביי אייך אויך מער ניט בעטן". און אַז דבורה האָט געזאָגט—איז געווען געזאָגט. ווייסט איר? די קרענק פון די שנעפּסלאַך האָט עפּיס אָפּגענומען ווי מיט די הענט. אָט פאָלגט מיר, יונגער מחבר, טוט אַזוי ווי איך: קומט דער בחור־הזעצער און הויבט אייך אָן צו דרייען אַ מוח מיט די שנעפּסלאַך, זאָגט אים, אַז איר לויפט שוין צו דבורה'ן, און לויפט טאַקע באמת, און טאָמער שייט איר זיך צו ריידן מיט אַן אשה, נעם איך דאָס אויף מיר.

— אַז איך האַלט שוין ביי דער סדרה „גרייזן"—האָט זיך דיק אין אַ קליינער ווילע אַרום צוריקגעקערט צו דערזעלביגער טעמע—מוז איך אייך טרייסטן און זאָגן, אַז אין דעם פּרט האָבן לייט, און גרעסערע פאַר אונז ביידן, איבערגעליטן פיל מער פון מיר מיט אייך. בשעת דער אַלטער משורר בערל מיכאַלישקער**) האָט געדרוקט, און אויך דאָ ביי ראָמען, זיין „שירי שפת קדש", האָט אים וויפיל מאָל שיר די פּאָפּלעקסיע ניט אָנגע־כאַפּט פון גרויס עגמת־נפש איבער די גרייזן, וועלכע ער פלעגט געפינען אין די הגהה־בלעטער. און, איר דאַרפט וויסן, אַז ביי אים האָט געהייסן אַ גרייז „פֶּרֶץ" אָנשטאָט „פְּרֶץ", „הֶבֶל" אָנשטאָט „הָבֶל", „פּרוּ" אָנשטאָט „פְּרוּ". דאָס איז דאָך געווען אויסער וואָס אַ ייד אַ משורר, אויך אַ ייד אַ גרויסער בעל־מדקדק, וואָס פלעגט זיך פאַר אַ דגש ממש מוסר נפש זיין. פלעגט זיך אים אַמאָל חלומ'ען, אַז מ'האָט אין זיינעם אַ שיר אין דעם צי אין יענעם וואָרט ניט אַריינגעשטעלט קיין דגש, האָט ער שוין אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט צומאַכן מיט אַן אויג און פלעגט אויף מאָרגן, קוים טאָג דערלעבט, קומען צו לויפן אין דרוק ניט טויט ניט לעבעדיג. אָט דאָ, אויף דער שאַלקע, וואו מיר געפינען זיך איצטער, האָב איך זמאָל—אָ, דאָס איז שוין געווען גאַנץ לאַנג—בייגעוואוינט אַזאַ מין סצענע: איך שטיי מיר אַזוי און שמועס מיט די מגיהים, ערשט מיט אַמאָל רייסט זיך אויף די טיר און עס לויפט אַריין אַ פּאַרסאָפּעטער און מיט אַ פּנים אָנגעצונדן ווי אַ פייער בעריל מיכאַלישקער, און ניט זאָגנדיג קיין „גוט־מאָרגן" און ניט באַערדיג קיינעם פון אונז מיט אַ בליק, וואַרפט ער זיך גלייך אַרויף אויף איינעם פון די מגיהים מיט אַ ליאַרים און אַ געפילדער: „וואָס האָט איר דאָס

---

*) אַ געוויסער תנ"ך־עפּיטעט בנוגע דער נביאה'טע דבורה.

*) דער באַוואוסטער העברעאישער דיכטער אד"ם הכהן לעבענזאָן.

געהאַט צו מיין מיכינקען? וואָס לאָזט איר אים ניט איינליגן רוהיג אין קבר? ווי אַזוי טוט מען דאָס אָפּ אַזאַ אַקט? ווי גיט מען דאָס ניט אַכטונג? וואו זיינען דאָס אייערע אויגן?" און ווייטער אַזוי אין דעמזעלביגן נוסח. דער בעל־מגיה, וואָס אַזעלכע אָנפאַלענישן מצד לעבענזאָנען זיינען שוין פּאַר אים ניט געווען קיין נייס און האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר וועגן אַ וועלכן ס'איז גרייז, האָט זיך אים געלאָזן גוט אויסשרייען, און נאָכדעם אים גאַנץ גע־לאַסן געפרעגט: "זאָגט שוין, ר' בער, וואָס האָט איר דאָ ווייטער אַזוינס גע־פונען?" אויף דעם האָט אים לעבענזאָן געענטפערט נאָך אַלץ מיט אַ שטאַרקן בייזער: "וואָס האָב איך געפונען, פרעגט איר? כ'האָב געפונען אַ ווילדע עם־הארצות; אָט נעמט און זעהט! און רעדענדיג האָט ער אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ הגהה־בלעטל און האָט עס אונטערגעטראָגן ניט דעם מגיה, נאָר מיר, און האָט געזאָגט: "אָט פסק'נט איר אדרבה, ר' אייזיק־מאיר, אז מיין מיכינקע ליגט אַ יונגער אין דער ערד, דאַרף מען זיך שוין דעריבער אַזוי באַרבאַריש באַציען צו זיין פּאָעטישער ירושה?" איך האָב אַריינגעקוקט אין בלעטל און האָב דערזעהן, אַז דער גאַנצער שטורים האָט זיך דאָ אַרויסגערופן צוליב דעם, וואָס אין אַ געוויסן אות איז ניט געווען קיין דגש, און מיינט איר איר זשע, אפשר, אַז דאָס אומגליקליכע וואָרט, אין וועלכן עס האָט געפעלט דער דגש, איז געווען אַ לשון־קודשדיגעס, אַ תנ"ך־וואָרט? אָדער, אפשר, פון תלמוד צי פון מדרש? האָט איר אַ טעות; דאָס איז געווען אַ ריין גוי'איש וואָרט. וואונדערט איר זיך דאָך: ערשטנס, ווי קומט אַ גוי'איש וואָרט אין אַ לשון־קודשדיגן שיר, און צווייטנס, ווי שטעלט מען אַריין אַ דגש אין אַזאַ מין וואָרט? טאָ הערט זשע. פריער מוזט איר אָבער וויסן, אַז דאָ האָט זיך גערעדט ניט וועגן אַ ספר פון בערלען אַליין, נאָר וועגן דאָס ווערק "כנור בת ציון" פון זיין פאַרשטאָרבענעם זון מיכה יוסף. אין דעם דאָזיגן ספר געפינט זיך אַ שיר, וועלכער הייסט "חג האביב", און אין דאָזיגן "חג האביב" איז דאָ אַ ווערטל "הַנַּז"*) און מיינען מיינט דערמיט דער מחבר, פשוט, אָט דעם געוויינליכן גאַז, וואָס ברענט, וואָס לייכט. ווי איר זעט: אַ וואָרט ניט ישעיה'ס און ניט ירמיה'ס, נאָר עפּיס פון אַ דייטש. האָט אָבער דער משורר דאָס ווערטל פאַרלשון־קדש'ט און אַריינגעשטעלט אין גימל אַ דגש ווי דער דין איז: נאָך אַ הא־הידיעה. דאַרף זיך פּאַסירן, אַז אי דער זעצער אי דער מגיה האָבן גראָד אָט דעם דגש פאַרזעהן, און דער אַלטער בערל האָט אין דעם באַטראַכט ניט בלויז אַ פאַרברעך קעגן חכמת־הדקדוק, נאָר אויך אַ גרויסע באַליידיגונג בכבוד־המת. אָט איז ער געקומען און געמאַכט דעם גרויסן "ויצעקו", און וואָלט איך אים דאַמאָלסט ניט באַרוהיגט, וואָלט ער, אפשר, דעם מגיה אויפגעגעסן אויף אַן אָרט. אַזוי צוקאָכט איז ער געווען.

— און אַז ס'איז שוין איינמאָל געקומען צו רעד וועגן דעם ענין

---

*) דער פּסוק הייסט: "וכבר אור הַגַּז ברחובות זרוח".

דגושים — האָט דיק פאַרענדיגט — מוז איך אייך אויך דערציילן וועגן נאָך איינעם אַ ווילנער לשון־קדשדיגן משורר, שלמה זלמן זאַלקינד האָט ער געהייסן, אפשר האָט איר פון אים געהערט, דער מחבר פון „קול שלמה". דער דאָזיגער משורר איז אַזוי כל ימיו פעדאַנטיש־פּאָרזיכטיג געווען ניט צו געברויכן דעם דגש נאָך די אותיות אהו"י, אַז ער האָט דאָס אָפּגעהיט אפילו בעתן רעדן מיט זיין שטוב־שיקסע. אַזוי, למשל, פלעגט ער איר זאָגן: „קופי פאַפּיראָסי!" אָדער: „דאַי בוטילקו" וכדומה.

מיך האָט דאַמאָלסט אַ ביסל שאָקירט דער האַלב־איראָנישער טאָן, מיט וועלכן דיק האָט גערעדט וועגן גריַיזן בכלל און וועגן דגושים בפרט, און האָב אים אַ פרעג געטאָן:

— האַלט איר, הייסט עס, אַז ס'איז רעכט אַ ספר מיט גרייזן, און אַז אָן דגושים וואו מ'דאַרף זיי, און וואו מ'מוז זיי האָבן, מאַכט אויך ניט אויס?

אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט:

— גאָט באַהיט! גאָט באַהיט! ווער זאָגט? ווער זאָגט? אַ ספר טאָר ניט זיין מיט גרייזן, און אַ דגש מוז קומען, וואו די הכמי־הדקדוק הייסן, אָבער — אַ מענש דאַרף מען דאָך זיין!...

III

לעוואַנדע וועגן דיקן. — דיק איז ניט צופרידן מיט דעם שער־בלעטל פון מיין ספר. — דיק אַ קעננער פונם חבת־ציון־געדאַנק. — זיינע טעמים. — דיק איז פאַר דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. — דיקס ברכה. — מיין לעצטער באַגעגעניש מיט דיקן. — דיק אַן עובר בטל.

זיינענדיק יענעם מאָל אין ווילנע פלעג איך כמעט טעגליך באַזוכן דעם באַוואוסטן רוסיש־יידישן שריפטשטעלער ל. לעוואַנדע, וועלכער איז דאַמאָלס געשטאַנען בראש דער גאַנצער אַרבעט פון די חובבי־ציון אין ליטע. איינמאָל אין אַ געשפּרעך מיט לעוואַנדען וועגן דער שריפטליכער אַגיטאַציע, וועלכע דאַרף געפירט ווערן לטובת דעם געדאַנק פון ישוב ארץ ישראל, האָט ער מיט אַרויס־געזאָגט זיין מיינונג, אַז די עיקר אַגיטאַציע מוז געמאַכט ווערן ניט אַזוי צווישן דער אינטעליגענץ, וואָס אין איר אידעאַליזם איז ער תמיד געווען אַ קנאַפּער מאמין,*) נאָר אונטער דעם פאָלק, און, געוויינליך, אויף יידיש. צעדערבוימס אָרגאַן, דאָס „פאָלקס־בלאַט", שטייט אַפילו פאַרן חבת־ציון; אָבער דאָס איז נאָך צו קנאַפּ; מ'דאַרף באַלייכטן דעם רעיון אויך דורך אַלערליי באַזונדערע ביכלאַך און בראָשורן, און פאַרשפּרייטן זיי וואָס מער, צי אומזיסט, אָדער

---

*) זעה לעוואַנדעס „בריוו צו מיר אין 10־טען באַנד פון לאַנדויס „יעווריעסקאַיאַ ביב־ליאָטעקאַ".

פאַר דעם וואָלוועלסטן מְקח, צווישן המון. דערביי האָט דאַן לעוואַנדע באַדויע-ערט, וואָס צווישן די גוטע ייִדישע שריפטשטעלער זיינען דאָ גאַנץ ווייניג אָנהייִנגער פונ׳ם ישוב-ארץ-ישראל-געדאַנק. די עטליכע יידישע ביכלאַך וועגן דעם דאָזיגן ענין, וואָס זיינען ביז אַהער אַרויס, הייבן אים גאָר ניט אָן צו באַפרידיגן. „אונזער ווילנער שטאָט-מגיד*) רעדט שוין וועגן חבת-ציון אַ סך שענער און אַ סך אינטערעסאַנטער“. אַזוי האָט דאַמאָלס לעוואַנדע מוסיף געווען. אויף דעם האָב איך באַמערקט:

— פאַרוואָס זאָל מען צו דעם צוועק ניט זעהן אויסניצן אייער אייזיק מאיר דיקן? ווער ווי ער קען נאָך אַזוי גוט רעדען צום פאָלק?

— דיק איז אונזערער אַ געגנער; — האָט מיר לעוואַנדע געענטפערט — ער גייט ניט מיט אונז. ווי מ׳האָט מיר איבערגעגעבן זאָל ער שטיין פאַר דער עמי-גראַציע קיין אַמעריקע. אגב, דאַכט מיר, איז שוין דיק צו אַלט פאַר אַזאַ מין אַרבעט, צו וועלכער עס פאָדערט זיך טעמפעראַמענט און אַ געוויסע באַגייסטערונג.

נאָכדעם ווי מיין איבערזעצונג איז שוין אַרויס פאַרטיג פון דרוק, און איך האָב געהאַלטן ביים אָפּפאָרן צוריק קיין מינסק, בין איך אַריין צו דיקן זעגענען זיך מיט אים, און האָב אים, אגב, דערלאַנגט אַן עקזעמפּלאַר פון מיין ספר מיט אַן אויפשריפט צום אַנדענקען. דיק האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דעם שער פונ׳ם ווערקל, און האָט זיך מיט אַ בנעימות׳דיגן שמייכל אָפּגערופן:

— הערט וואָס כ׳וויל אייך פרעגן, אַן אַלטן ווי איך וואָלט זיך וועלן אַריינכאַפּן, כל זמן עס כאַפּט זיך, אַלץ וויסן. זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס, וואָס אויסער ווי מ׳רופט אייך אַליין האָט איר נאָך אָנגעשריבן אויפן שער-בלעטל אויך פון וואָסער שטאָט איר זייט. מילא אייער נאָמען — דאָס פאַרשטיי איך נאָך. אַ מחבר מוז אַוועקשטעלן זיין נאָמען, למען ידעו, די וועלט זאָל וויסן. וואָרום וואָס טוט מען, באמתן, אַז היינט אָדער מאָרגן קומט יאָקל צו טאָדרעס און זאָגט, אַז ע ר איז דאָס דער מחבר, און ניט א י ר? אָבער ווער איז דאָס מחויב צו וויסן פון וואַנען איר זייט? למאי נפקא מינה? אַי טאָמער, אַ קשיא אויף אַ יידישן לעזער? וועט עס איינער יאָ וועלן וויסן האָט ער דאָך שוואַרץ אויף ווייס אייער רוסישן אַדרעס צום סוף ביכל. און הערט איר וואָס כ׳וועל אייך זאָגן? וואָלט איר כאָטש געווען פון אַ וועלכער ס׳איז אַנדער שטאָט, וואָלט דאָס נאָך אפשר ניט אויסגעמאַכט. ווי שרייבט מען דאָס אָבער „מ מ י נ ס ק“? ווי נעמט איר דאָס און קלינגט אַליין אויס פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז איר זייט אַ מינסקער? אַ גרויסער כבוד איז דאָס עפּיס צו זיין אַ מינסקער?...

אין אַ מינוט אַרום האָט דיק אַזאָג געטאָן:

— נעמט אַקאָרשט ניט פאַר אומגוט; כ׳מיין דאָס ניט ערנסט. און בפרט, אַז איר קענט מיר ענטפערן: „מום שבך“ און ווי ווייטער שטייט. איך אַליין האָב

---

*) געמיינט דעם דאַמאָלסדיגן ווילנער שטאָט-מגיד ר׳ יעקב יוסף, וועלכער האָט נאָכהער עמיגרירט קיין אַמעריקע און איז דאָרטן רב הכולל געוואָרן.

אויך אויפֿן שער פֿון מיינע ערשטע עטליכע ביכלאַך אָנגעשריבן „אַמ״ד איש ווילנאָ״. אָט מ׳איז געווען יונג האָט זיך געמיינט, אַז אַזוי איז שענער פֿאַר זיך און פֿאַר לייטן. און טאָמער ווילט איר — בין איך ניט קיין גרעסערער יחסן פֿון אײַך. אונזער ווילנע האָט זיך אויך איר צונעמעניש; איר ווייסט דאָך, מן הסתם, אַז מיר שמ׳ען אויף דער וועלט פֿאַר זולל וסובא׳ניקעס. ווייסט איר זשע אויך פֿון וואַנען דאָס וואַקסט? דאָס וואַקסט פֿון דעם, וואָס איינער אַ בטלן פֿון חסיד׳ס קלויז האָט זיך אַמאָל פֿאַרגונען אויפֿצועסן צו פֿרישטיק פֿאַר אַ גאַנצן פּייעם באָבעס! כ׳האַלט אָבער, אַז מיט אַ שטאָט דאַרף מען זיך ניט שעמען. מילא, לאָמיר דאָס אָפּלייגן אָן אַ זייט. זאָגט מיר בעסער וואָסערע געדאַנקען פֿאַרלשון־קדש׳ט איר דאָ. ביז איך וועל מיך צוקלייבן לייענען אייער ספֿר קען נאָך אַוועק ווער ווייסט וויפֿיל צייט. אויף דער עלטער ווערט מען פֿויל.

כ׳האָב אים איבערגעגעבן בקיצור פֿינסקערס גרונד־געדאַנק וועגן דעם, אַז יידן קענען אַנדערש ניט אויפֿגעריכט ווערן ווי נאָר אויף אַן אייגענער טעריטאָריע.

דיק האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט אין דער לופֿט ווי פֿאַר־צווייפֿלט, און האָט דערביי אַ זאָג געטאָן:

— עט, פּוסטע חלומות!

— פֿאַרוואָס האַלט איר דאָס עפּעס אַזוי? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— שוין צו שפּעט. אַמאָל, אפֿשר, פֿון שפּאַניע... בעת דער פֿון בוים אָפּגעריסענער עפּל האָט נאָך ניט פֿאַרלאָרן די לעצטע סימנים פֿון זיין פֿרישקייט, בעת עס איז נאָך ניט אויסגעטריקנט געוואָרן דער לעצטער שפּור יניקה, וואָס יידן האָבן געצויגן פֿון זייער ערשטן מקור. איצטער איז שוין דער עפּל אינגאַנצן דורכגעפֿוילט, אינגאַנצן צו געסן פֿון ווערים... פֿון פֿרעמדע און פֿון אייגענע... ווי קומען מיר צו לייטן? מיר מיט זיך אַליין בעל־הבית׳תעווען און אָן אַ קאַנ־טשיק?... מיר אָן דעם קאָזאַקס נאַגייקע?... ניין, איך גלויב דאָס ניט!

איך, אַ הייסער חובב־ציון, האָב מיט אים גענומען דיספּוטירן און אויפֿ־ווייזן, אַז ער האָט אַ טעות, אַז דאָס יידישער פֿאָלק פֿאַרמאָגט נאָך עד היום פֿיל כחות און זאַפֿטן צו זיין צוריקאו־פּבליהונג. דיק האָט מיר צוגעהערט שווייגענדיג און דערביי געשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין הסכם־שאָקל, נאָר, פֿאַרקערט, אַן אויסדרוק פֿון ספֿק, און גיכער, פֿון יאוש. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָפּגערופֿן:

— צוויי חורבונות האָבן מיר שוין געהאַט; איז אײַך, הייסט עס, צו ווייניג, און אײַך ווילט זיך האָבן דוקא נאָך אַ דריטן חורבן, און דעריבער ציט אײַך קיין ארץ־ישראל. איר וועט דאָך מסתמא אַליין ניט גיין; געוויס וועט איר דאָך וועלן מיטנעמען אין דער געבענטשטער לאַנד אונזער קהלה־קדישא מיט די זעקסטלאַך*), די יקירי־קרתא, און מיט דער גאַנצער כאָפּטע כלי־קדש און

*) אַ פֿאַרצײַטיגע ייִדישע אינסטיטוציע, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון זעקס אויסגע־קליבענע פּערזאָנען, וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט אַלע אינטערעסן פֿון קהל.

מיט די אַלע ראשי־גָלוּת׳עס מיט די מלחכי־פנכא׳ס למיניהם, און דאָרטן זיי געבן די פרײַע האַנט: טוט זיך אײַך, יידעלאַך, כטוב וכישר בעיניכם! און איר וועט זעהן, אַז ס׳וועט לאַנג ניט געדויערן און זיי וועלן אײַך אין אײַער ארץ־ישראל אָנמאַכן אַזאַ מין חורבן אשר לא חורבן אבותינו. און דאַמאָלסט וועט שוין דאָס זײַן ניט קיין „בכיה לדורות״, נאָר אַ יללה עד סוף כל הדורות.

— זעהט־זשע — האָט דיק פאַרענדיגט זײַן געדאַנק — אויב שוין יאָ גיין, הגם איך האַלט, אַז דאָ קען נאָך אויך ווערן בעסער, איז שוין, נאָך מײַן מיינונג, פיל גלײַכער קיין אַמעריקע. אַמעריקע פאַרמאָגט עפּעס אַזאַ גרויסע זון, וועלכע צובאַקט און צושרפ׳עט אויף אַן אָרט אַלע מיני יתושימלאַך...

איך האָב מיך מער מיט דיקן אין ויכוחים וועגן דעם דאָזיגן ענין ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן. כ׳האָב געזעהן, אַז דאָס וועט ניט העלפן. אַגב איז דאָס דאַמאָלסט געווען ניט דיקס מיינונג אַליין, נאָר די אַלגעמײַן־משכיל׳שע. מיט עטליכע חדשים שפּעטער האָט זיך אין דעמזעלביגן זין עפנטליך אַרויס־געזאָגט אויך דער גרעסטער העברעאישער דיכטער פון יענער צײַט יהודה ליב גאָרדאָן (יל״ג).

בשעת כ׳האָב מיך מיט אים צוזעגנט און האָב שוין געהאַלטן בײַם אַוועק־גיין, האָט ער מיך נאָכגערופן:

— נו, טאָמער גייט איר פאָרט קיין ארץ־ישראל, גיב איך אײַך מײַן ברכה אויפן וועג: יהי רצון, ס׳זאָל זײַן זיין געאַכפּערטער ווילן, אַז סאָנקע*) מיט איר חבריא זאָלן צו אײַך קיין שליטה ניט האָבן, און איר זאָלט פון זיי־ערע הענט אַרויס בשלום!...

* * *

אין יאָר 1889 איז מיר ווידער אויסגעקומען צו זײַן אין ווילנע. נאָכ־פרעגנדיג זיך בײַ באַקאַנטע אויף דיקן, האָט מען מיר דערציילט, אַז ער איז שוין עובר בטל, אַז ער דערווייטערט זיך פון מענשן און רעדט מיט קיינעם ניט. דאָך האָט מיך פאַראינטערעסירט צו זעהן דיקן, און בין צו אים אַריבער־געגאַנגען. דאָס איז געווען אַ זומערדיגער טאָג זייגער 10 אַן ערך אינדערפרי. אַרײַנגייענדיג צו דיקן בין איך גראָד אָנגעקומען אויף אַזאַ מין סצענע: די שטוב־מענשן גייען אַרום אַלע זעהר צוטראָגן: פאַרטאָג איז דיק אַרויס פון שטוב, און ער איז נאָך ניטאָ; שוין עטליכע שעה ווי מ׳זוכט אים און מ׳קען אים ערגיץ ניט געפינען. די הויזיגע שרעקן זיך אפשר האָט עפּעס וואָס מיט דעם

* דער נאָמען פון אַ פריערדיגער בריסקער רביצין, אַ חילד־פאַנאַטישע פרוי, וועלכע האָט אויסגעוואַנדערט מיטן מאַן קיין ירושלים, און איז דאָרטן געוואָרן די גאַנצע טאָג־אָנגעבערקע פון די שוואַרצע כחות.

אַכציג־יאָריגן זקן פּאַסירט, און די שרעק שטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט. מ׳קלערט שוין וועגן לויפן אָנזאָגן אין פּאָליציע. ווי איך זיץ דאָ אַזוי טרויעריג און פיל מיטלייד צו די שטוביגע, ערשט אַ ווייבל איז אַריינגעלאָפן פון גאַס מיט אַ געשריי:

— אָט פירט מען אים!

אין דער מינוט זיינען אַריין אין הויף אַ פּאָר יידן, וועלכע האָבן געפירט דעם אַלטן דיקן אונטער די הענט. דיק איז שוין געווען אינגאַנצן גראָ ווי אַ טויב, און זיין פיגור ווי געבויגן אין דרייען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן זומער־כאַלאַט און אין אַ הוט אויפן קאָפּ; געגאַנגען איז ער די גאַנצע וועג און געשוויגן, די אויגן זיינען געווען ברייט פונאַנדערגעעפנט, נאָר דער בליק פינסטער. זיין אַמאָליגער שמייכל איז שוין אינגאַנצן פאַרשוואונדן. אַריינגייענדיק אין שטוב האָט ער אויך מיט קיינעם אַ וואָרט ניט אויסגערעדט, און וואָס מ׳האָט זיך ניט צומאַטערט דערגיין ביי אים וואו ער איז געווען, האָט מען פון אים קיין זאַך ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען. כ׳בין צוגעגאַנגען נאָענט צו אים, נאָר ווי עס ווייזט אויס האָט ער מיר ניט דערקאָנט:

די יידן, בעלי־מלאכות, וואָס האָבן אים געבראַכט, האָבן דערציילט, אַז ער האָט זיך אַרומגעבלאָקעניעט הינטערן שטאָט, אַ שטיק ווייט פון סקאַפּלערנע (אַ ווילנער פאָרשטעטל). גייענדיק צו דער אַרבעט האָבן זיי אים דערזעהן פון דערווייטן און באַלד פאַרשטאַנען אַז ער בלאָנדזעט, אַז ער זוכט די וועג און געפינט ניט. אינטערעסאַנט איז דער דיאַלאָג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די דאָזיגע צוויי יידן מיט דיקן, איידער ער האָט מסכים געווען צו גיין מיט זיי אין שטאָט אַריין. איינער פון זיי איז צוגעגאַנגען צו דיקן און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס טוט איר דאָ?

— וואָס איך טו.

— פון וואַנען גייט איר דאָס?

— פון וואַנען איך גיי.

— וואוהין גייט איר?

— וואוהין איך גיי.

— ווי גייט איר דאָס אין אַזאַ אָרט אַליין?

— ווי איך גיי.

— ווי הייסט איר?

— ווי איך הייס.

— וואו וואוינט איר?

— וואו איך וואוין.

— איר וועט גיין מיט אונז אין שטאָט?

— אין וואָסער שטאָט?

— אין ווילנע.

— איז דאָ ניט ווילנע?

— דאָ איז אונטער ווילנע.

— אין ד׳רערד?...

אַז די יידן האָבן דערזעהן, דאָס זיי ווערלן זיך מיט אים בשום אופן ניט צונויפריידן, האָבן זיי אים גענומען אונטערן אָרעם, און געלאָזן זיך מיט אים גיין אין שטאָט אַריין. ער האָט זיך זיי ניט געשטעלט אַנטקעגן. אָנקומענדיג בײ׳ם וואַקזאַל האָבן זיי אָנגעטראָפן שטייענדיג אַ קומפּאַניע יידן. איינער פון דער דאָזיגער קומפּאַניע האָט דערזעהן דיקן אין אַזאַ אומגעוויינליכער פּאָזע און האָט אַגעשריי געטאָן ווי ניט מיט זיינע כחות: ר׳ אייזיק מאיר, ווי קומט איר עפּעס אהער און אין אַזאַ הילוך? דאָ האָבן זיך ערשט די צוויי יידן דערוואוסט, אַז זיי פירן דאָס דעם באַרימטן מעשיות־שרייבער אַ״מ ד׳ין.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָב איך אַ וואָרף געטאָן דעם לעצטן בליק אויף דיקן און בין אַרויס פון שטוב.

* *
*

נאָך דעם האָט נאָך דיק געלעבט אַ יאָר פיר אַן ערך. דאָס איז שוין אָבער ניט געווען קיין לעבן, נאָר אַ לאַנג דויערנדיג יציאת־נשמה. דאָס תלמודיש ווערטל: „תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתם מתישבת עליהם״ איז אויף אייזיק מאיר דיקן ליידער ניט מקוים געוואָרן. פון טאָג צו טאָג איז ער אַלץ מער גייסטיג אָפּגעשטאָרבן, און דאָס איז די סבה וואָס נאָך בײ׳ם לעבן איז ער אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן ניט בלויז פון דער וועלט, נאָר אויך פון ווילנע.

אינגאַנצן אומבאַמערקט פאַר דער יידישער ווילנע איז פאַרבייגעגאַנגען דער טויט פון אייזיק מאיר דיק, וועלכער האָט פאַרן יידישן פאָלק אַזוי פיל געאַרבעט און אַזוי פיל געשאַפן. זיין טויט האָט ניט אַרויסגערופן דעם מינדסטן טרויער, און נאָך זיין לויה זיינען נאָכגעגאַנגען קוים אַ מנין מענשן.

אַן עכט יידישער לוין פאַר אַ זעכציג־יאָריגער פרוכטבאַרער ליטעראַריש־קולטורעלער אַרבעט.

אליקום צונזער.

(געבאָרן—1840; געשטאָרבן—1914).

פּאָפּולער ביים פאָלק איז ער געווען אונטערן נאָמען **אליקום בדחן**. זיין פאַמיליען=נאָמען „**צונזער**“ האָבן געוואוסט גאַנץ ווייניגע. ער אַליין האָט זיך, און באַזונדערס די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געוואוינט אין ווילנע, מיט זיין פּראָפעסיע קיינמאָל ניט געשעמט; אז מ׳האָט גערעדט וועגן אים אַלס בדחן, האָט ער זיך דערפון ניט באַליידיגט. נאָך מער: אויף זיינע ערשטע לידער=ביכלאַך האָט ער אַליין אַוועקגעשטעלט: „אליקום בדחן מווילנא“. צו קיין גרעסערעס האָט ער ניט געשטרעבט. דער אַריבערגאַנג פון שמוקלערייַ צו בדחנות איז ביי אים געווען פאַררעכנט ווי אַ שפּרונג מיט וויפיל מדרגות העכער אויפן לייטער פון דער געזעלשאַפטליכקייט.

אַלע זיינע ביאָגראַפען, און ער אַליין אויך אין זיין אַווטאָביאָגראַפיע, דערציילן, אַז די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ווילנע, האָט ער זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון די דאָרטיגע גרויסע משכּילים. דאָס איז אָבער ניט גאַנץ ריכטיג. אין אַלע זיינע לידער, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט אין׳ם ווילנער פעריאָד, געפינט מען ניט אַפילו די קלענסטע שפּור פון דער דאַמאָלסדיגער משכּיל׳שער אידעאָלאָגיע. זיינע טעמעס זיינען געווען קינדיש=פּרימיטיוו, ווי, למשל; „דער ווינטער מיטן זומער“, „ר׳ תחנון“, „די אַייזענבאַן“, „זאָגט קדיש נאָך דער וועלט“ א. אַז. וו. דער דענסטמאָלדיגער משכּיל׳שער לייטמאָטיוו פון „שטיי אויף מיין פאָלק, ס׳איז שוין טאָג!“ איז אליקומען געבליבן פרעמד. ביי אים איז ניטאָ קיין איין=איינציגע ליד, וואָס זאָל וועקן די יוגנט צום קאַמף קעגן דער אַזויגערופענער „פינסטערניש“, וואָס זאָל רופן צו איבעראַנדערשן די אָפּגעשטאַנענע, פאַרגליווערטע לעבענס=אָרדענונג, וואָס זאָל אַגיטירן פאַר בילדונג, פאַר וויסן, פאַר מלאכה. גיכער דאַרף מען משער זיין, אַז וואוינענדיג אין די זעכציגסטע יאָרן אין ווילנע, האָט אליקום לכתחלה אויסגעמיטן די משכּיל׳שע קרייזן, כדי ניט אַרויפצוציהען אויף זיך קיין חשד מצד דעם בעל־הבתיש=אָרטאָדאָקסישן קלאַס, פון וועלכן ער האָט הויפּטזעכליך געשעפּט זיין

חיונה, ווייל די אינטעליגענץ האָט דאַמאָלס פיינט געהאַט „זשאַרגאָן״ תּכלית שנאה, און אין אַ בדחן האָט זי זיך קיינמאָל ניט באַנוּיטיגט. אַפילו שפּעטער, אין די זיבעציגער יאָרן, וואוינענדיג אין מינסק, ווען ער איז שוין געוואָרן גאַנץ פאַרמעגליך און דעריבער וויניגער אָפּהייִנגיג פון וועמען עס איז אין זיין פּרנסה, האָט ער אויך תּמיד געשטרעבט ניט פאַררעכנט צו ווערן ביים ברייטן עולם פאַר אַ פריי־דענקער, און צוליב דעם האָט ער שטענדיג געזוכט צו דרייען זיך אין די פרימערע קרייזן, האָט גאַנץ אָפט געדאַוונט ימים נוראים מוספים — בתורת נדבה, נעווייִנליך, — אין פאַרשיידענע מינסקער קלויזן און בתּי־מדרשים, און בכלל געפירט פאַר דער גאַס אַ יידיש־אָרטאָדאָקסישן שטאַט.

וואָלט זיך אליקום באמת געפונען אין דער ערשטער תּקופה פון זיין שאַפן אונטער דער השפּעה פון די ווילנער משכּילים, וואָלטן דאַן זיינע ווילנער לידער לגמרי גאָר אַן אַנדער פּנים און אַן אַנדער טעם געהאַט. ס׳איז זעלטן צו געפינען נאָך איינעם אַזעלכן, וואָס זאָל זיין אַזוי עלול באַאיינפלוסט צו ווערן אין זיין שאַפן פון אַנדערע, ווי אליקום. זייענדיג אַליין אַ גאַנץ שוואַכער דענקער, קינסטלעריש כּמעט גאָרנישט באַגאַבט, וועניג אַנטוויקלט, און דערצו אויך קנאַפּ־וואָס באַלעזען (אויסער אַביסל אין דער אַלטער און אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור), האָט ער אָבער באַזעסן אַ באַזונדער פעהיגקייט גיך, ווען אַפילו דאָס רוב אויבערפלעכליך, אויפצונעמען דעם אַנדערענס געדאַנקען, איבערצוּאַרבעטן זיי אינערליך אויף זיין שטייגער און אויסדריקן עס אין וואָרט און געזאַנג. אין דעם פּרט האָט צונזער געהאַט פיל ענליכקייט מיט אַ פּאַפּאַגאַ־ראַף, וועלכער גיט איבער די אין אים אַריינגערעדטע ווערטער, אַמאָל קלאָר און דייטליך, און אַמאָל הייזעריגלאַך. כּמעט אַלע זיינע לידער, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט אין דעם מינסקער פּעריאָד (פון די ערשטע 70־ער ביז די לעצטע 80־ער יאָרן) געהערן אָט צו דעם סוג: אָנגעהערטע און איבערגעכאַפּטע געדאַנקען פון אַנדערע, אָנגעטאָן אין אייגענע צוגעפּאַסטע פּערזן און אין אַן אייגענער צוגעפּאַסטער מעלאָדיע. אויפן עולם, און דער עיקר אויף די מיטעלע שיכטן, פלעגן צונזערס לידער מאַכן תּמיד אַ גרויסן רושם, הגם ס׳איז שטענדיג שווער געווען ריכטיג צו באַשטימען, וואָס דאָ האָט מער געווירקט: דער אינ־האַלט צי דער מאָטיוו. און אין מינסק האָבן זיך געפונען מענשן פון דער יונ־גער אינטעליגענץ, וואָס האָבן די ווירקונג פון אליקומס לידער אויף דער מאַסע געזוכט אויסצוניצן פאַר זייערע אידייאישע צוועקן, און די דאָזיגע יונגע לייט האָבן אים תּמיד אויפגעזוכט, זיך אונטערהאַלטן מיט אים און „אַריינגע־רעדט״ אין אים וואָס מ׳האָט באַדאַרפט... פון דעם וואַקסט די פאַרשיידנאַר־טיגקייט פון זיינע טעמעס, די שאַרפע איבערגאַנגען פון זיינע שטימוּנגען און די גרויסע, אַמאָל צו גרויסע, שפּרונגען פון זיינע וועלט־אָנשויאונגען.

קיין מינסק איז צונזער געקומען אָ:ה״יב ווינטער פון יאָר 1872, נאָכדעם ווי אין ווילנע זיינען ביי אים געשטאָרבן פון כאָלערע זיינע פיר קינדער, און דער באַוואוּסטער גאון ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט אים געראַטן משנה מקום

צו זיין. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ביי אים אין מינסק אָפּגעשטאָרבן אויך זיין פרוי. ס׳איז צו באַמערקן, אַז זיין גרויסער פּערזענליכער אומגליק האָט אין זיינע לידער דעם שוואַכסטן אויסדרוק ניט געפונען, אויסער אַ קליינע העברעאישע באַמערקונג צו אַ טרוקענעם פּערז,—אויך אַ סימן פון ניט קיין באַזונדערס גרויסן דיכטער... אין מינסק איז צונזער די ערשטע צייט געווען אַ נחבא אל הכלים, האָט מיט קיינעם ניט פאַרקערט, חוץ מיט דער חברה קלעז־מער, און האָט זיך ווייטער פאַרגעזעצט צו שרייבן זיינע לידער פון ווילנער זשאַנר: „צום נייעם יאָר״, „די וועלט איז אַ טעאַטער״, שאָך־שפּיל״ א. אַ. וו.

אין אַ יאָר אַרום האָט צונזער אַ צווייטן מאָל חתונה געהאַט. ער האָט גענומען אַ גאַנץ פּראָסטע, אומגעבילדעטע מיידל, אָבער אַ שיינע און פון אַן אָנשטענדיגער פאַמיליע, אַ עלנדע יתומה אָן אַ פאָטער און אָן אַ מוטער, וועל־כע האָט זיך געהאָדעוועט ביי אַ זיידן אין אַ פּולוואַריק לעבן מינסק. וועגן דעם דאָזיגן, אַביסל נחות־דרגא׳דיגן, שידוך פלעגט זיך צונזער אָפּט אויסדריקן פאַר באַקאַנטע: „איך האָב געהייראַט פּ אָ ע ט י ש; כ׳האָב מיין פרוי אַראָפּגע־נומען פון אַ ג אָ ר ט ן״... די דאָזיגע פרוי האָט אים אָבער באַפרייט פון זיין קלעזמערישער סביבה, האָט אים פאַרשאַפט אַ שטילן אינטימען ווינקל, וואו ער פלעגט זיך אָפּרוען נאָך וואָכן־לאַנגע אַרומפאָרענישן איבער שטעט און שטעט־לאַך און די טומלענישן פון די חתונות, און וואוהין עס פלעגן זיך צייטנווייז צונויפקומען פאַרשיידענע פאַרערער פון זיין טאַלאַנט און חסידים פון זיינע שאַפונגען, דאָס רוב: בעלי־הבתישע יונגע־לייטלאַך, מלמדים פון יינגערן דור און לערער, פון וועלכע עס האָט זיך שפּעטער געבילדעט אַ באַזונדער קרייזל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „אליקום׳ס קרייזל״.

צו דעם דאָזיגן קרייזל האָבן געהערט די העברעאישע שריפטשטעלער־לערער: י ו ס ף ב ר י ל (וועלכער איז מער באַקאַנט געווען אונטער זיין פּסעוו־דאָנים „איוב ממינסק״), י ש ר א ל מ א י ר וו אָ ל מ אַ ן (דער געוועזענער רע־דאַקטאָר פון זאַמלבוך „הככבים״), י ה ו ד ה ז א ב נ פ ך (דער דאַמאָלסדיגער פאַרוואַלטער פון דער מינסקער יידישער האַנטווערקער־שול), י ע ק ב ז ע ל י ג־ מ אַ ן (אַ שוואָגער פונם העברעאישן דיכטער יהל״ל און דער פאָטער פון דעם באַוואוסטן יידיש־דייטשן פּובליציסט און קריטיקער רפאל זעליגמאַן), און אַנ־דערע. צונויפקומען פלעגט מען זיך צו אים אייגמאָל אין דער וואָך אין יענע טעג, ווען ער האָט ניט געהאַט קיין חתונות און האָט פאַרבראַכט אין דער־היים. דאַן פלעגט ער שוין אַלעמען שיקן אָנזאָגן, אַז ער איז דאָ און אַז מ׳קען זיך צונויפקלייבן. דער עולם פלעגט קומען מיטברענגנדיג מיט זיך פּאַרטינע פּראַגן וועגן ליטעראַטור און געזעלשאַפטליכן לעבן. עס פלעגן זיך אָנהויבן העבאַטן, און אַמאָל גאַנץ שאַרפע, וועגן דאָס און וועגן יענץ. צונזער אַליין פלעגט זיך כמעט קיינמאָל אין די ויכוחים ניט באַטייליגן. ער פלעגט נאָר זיצן און אויפמערקזאַם זיך צוהערן ווי די אַנדערע דיספּוטירן. עס פלעגט אָבער אַוועקגיין אַ קורצע צייט, און דאָס געהערטע פלעגט ביי אים איבערגעקאָכט

און איבערגעאַרבעט ווערן און זיך אויספורימען אין אַ געוויסע ליד, וועלכע ער פלעגט תיכף אַיינפאַסן אין מוזיק, און פאָרטראָגן עס צום ערשטן מאָל אין קרייזל, און דערנאָך זינגען איר כסדר אויף חתונות, און אַזוי פלעגט די ליד אַרומוואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, ביז זי פלעגט אויף דעם אופן פאַרשפּרייט ווערן, פון מויל צו מויל אין גאַנץ ליטע, און אָפּט האָט עס פאַרבליאָנדזשעט פון דאָרטן אויך קיין פּוילן.

אַ יאָר דריי נאָכדעם, ווי דאָס קרייזל האָט שוין עקסיסטירט, האָט מיך דער אויבנדערמאָנטער יעקב זעליגמאַן, מיינער אַ געוועזענער לערער, באַקאַנט געמאַכט מיט אליקומ׳ען. כ׳בין נאָך דאַן געווען אַ גאַנץ יונגער בחור׳ל, בין שוין אָבער געווען אַ „קורא מובהק” פון העברעאישע ספרים און צייטונגען, האָב מיך האָלט געהאַט צו רייבן אַרום חכמים וסופרים, און פלעג שוין אליין אויך נעמען אַ ביסל אונטערשרייבן — שרייבן און לייגן דערווייליע ביז וואָס־ווען אין טיש־קעסטל; כ׳פלעג אָפּט אַריינגיין צו איוב׳ן, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען דער סוכן כמעט פון אַלע העברעאישע בלעטער, האָט אין אַלע געשריבן „בריוו פון מינסק”, און געהאַט ביי די רעדאַקטאָרן גרויס חן. אַ גרויסער תקיף איז ער געווען באַזונדערס ביי ראַדקינזאָנען, דעם רעדאַקטאָר פון „הקול”, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט דרוקן עמיצנס אַ קאָרעספּאָנדענציע פון מינסק, וואו איו״ב האָט איר פריער ניט דורכגעלייענט און האָט אויף איר ניט געגעבן זיין הסכמה. דעריבער פלעג איך מיך תמיד חנפענען צו איוב׳ן. מיט נפכ׳ן האָב איך זיך שוין אויך געקאָנט פון גאַנץ לאַנג: ער איז מיין ערשטער רוסישער לערער געווען, און אַזוי אויך כמעט מיט די אַלע איבעריגע מיטגלידער פון קרייזל, באופן, אַז פון דער ערשטער מינוט אָן האָב איך מיך געפילט צווישן דער חברה ווי אַן אייגענער מענש, און צוגלייך מיט אַלעמען האָב איך כמעט־איטליכס מאָל אָנטייל גענומען אין די צוזאַמענקומענישן ביי אליקומ׳ען. דעם ערשטן באַזוך ביי צונזערן האָב איך געמאַכט אַ געוויסן ווינטערדיגן פרייטאָג־צו־נאַכט אין יאָר 1878.

I.

„אליקומ׳ס קרייזל”. — די מינסקער יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט. — כלומרשט סאָציאַלע מאָטיוון אין צונזערס לידער. — צונזערס מינהג װענן די העברעאישע משוררים. — זיין כח אין אימפּראָוויזאַציע. — מערקע אַלטשולערס פעלעטאָנען אין „הקול”. — דעם מינסקער שטאָט־מגידס הספד. — דער עפל אין דער מענש. — דער קיסר.

אין יענער צייט איז אַ טייל פון דער מינסקער יידישער יוגנט, און באַזונדערס די לערערשאַפט, געווען געשטימט סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטיש. אונטער דעם אַיינפלוס פון עטליכע ווילנער „נאַראָדאָוואָלצעס” איז דאַן אין מינסק

אָנגעפירט געוואָרן אַ גרויסע געהיימע אַגיטאַציע פֿאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק. אַ סך חסידים האָט געהאַט אין מינסק דער באַרימטער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר און געוועזענער רעדאַקטאָר פֿונם העברעאישן סאָציאַליסטישן חדש־זשורנאַל „האמת", ליבערמאַן. בשעת די רוסישע רעגירונג האָט פֿאַרבאָטן דעם „אמת" אַריינצוגייען אין רוסלאַנד, צוליב וואָס ער האָט זיך געמוזט אינגאַנצן פֿאַרמאַכן, און זיין אָרט האָט געירשנט אָדער, ריכטיגער געזאָגט, געוואָלט ירשענען, ראַדקינזאָנס העברעאישער חודשניק „אספת־חכמים", וועלכער איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פֿון „בן־נץ*), האָבן די דאָזיגע חסידים געלייגט פֿיל האָפֿענונגען אויף דעם אויבנדערמאָנטן צייטונגס־קרעמער ראַדקינזאָן, אַז ער וועט זיינע פּעריאָדישע אויסגאַבן, דעם העברעאישן „הקול" און דעם יידישן „קול לעם", מאַכן דורך אַ וועלכן ס׳איז אופֿן פֿאַר אַ ווערקצייג לטובת דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. און ס׳איז טאַקע געוועסט אזוי געוועזן. פֿון פֿאַרשיידענע ערטער האָט מען אָנגעהויבן אַריינצושמוגלען אין „הקול", און באַזונדערס אין „קול לעם", סאָציאַליסטישע סחורה**). דער מינסקער צושטעלער פֿון דער דאָזיגער סחורה פֿאַר דעם „קול־לעם, איז געוועזן—נפך. מיט סאָציאַליזם איז געוועזן אַ ביסל אָנגעשמעקט אויך דער אליקום־קרייזל. גאַנץ אָפֿט פֿלעגט דאָס אין קרייזל דינען אַלס טעמע פֿאַר לאַנגע ויכוחים. איינציגע באַגריפֿן וועגן דעם דאָזיגן ענין, געכאַפּט פֿון דער לופֿט, זיינען פֿאַרבליבן אין אליקום׳ס אויערן, און באַאַרבעט געוואָרן דורך אים אין אַ ליד־פֿאָרם אויף זיין פּרימיטיוון, שאַבלאָנעם שטייגער. אין זיינע לידער האָט אליקום אָנגעהויבן צו באַדויערן די געדריקטע עקאָנאָמישע לאַגע פֿון דער מאַסע, ספּעציעל פֿון דער יידישער, און צו פּראָטעסטירן קעגן די עקספּלאָאַטאַציע פֿון די רייכע, אויך ספּעציעל פֿון די יידישע. צו דעם זשאַנר געהערן זיינע לידער „ר׳ יעקב משלם", „דער אומגענייטער מלוה" א. אַ. ניט אַריינדרינגנדיג טיף אין דעם מהות פֿון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע און ניט באַגרייפֿנדיג ווי געהעריג אירע גרונד־פּרינציפּן, נאָר שווימענדיג איבער זיי פֿון אויבן, האָט ער געגלויבט, אַז די מלחמה מיט דער קאָראָבקע און מיט די אַנדערע קהל׳שע אָפּצאָלן און מיט די מלוים־פּראָצענטניקעס, גייט אויך אַריין אין גדר פֿון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע וועגן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם...

אין יענעם פֿרייטאָג־צונאַכט, בעת כ׳האָב געמאַכט ביי צונזערן מיין ערשטן באַזוך, האָט זיך געפֿונען איינער פֿון קרייזל—אויב איך האָב קיין טעות ניט איז דאָס געווען נפך,—וועלכער האָט אים געזוכט צו דערקלערן, אַז אום אַריינצוטראָגן אין זיינע לידער דעם סאָציאַליסטישן עלעמענט, דאַרפֿן זיי באַזירן

*) זעה די צווייטע הערה איף דער זייט 16.

**) ברייטער און אויספירליכער האָב איך אַרומגערעדט דעם דאָזיגן ענין אין מיין „געשיכטע פון דער יידישער פרעסע".

אויפ׳ן קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, דאַרף אין זיי אָפּקלינגען דאָס ווייגעשריי פון דעם אָרימען אַרבעטער, וועלכער ווערט באַרויבט פונ׳ם גביר דעם בעל־הבית, און באַזונדערס דאַרפן זיי זיין דורכגעדרונגען מיט גרויס ערביטערונג געגן דער הערשענדער פעאָדאַלער וועלט־אָרדענונג. געוויינליך איז דאָס אוממעגליך אַרויסצוזאָגן מפורש; מ׳קען עס אָבער אַריינגאַנב׳ענען צווישן די שורות און די טענער... אליקום האָט דאַמאָלס מבטיח געווען צו זעהען באַוואָרענען דאָס־אין זיינע נייע לידער. ער האָט אָבער זיין הבטחה ניט מקיים געווען, פשוט ווייל דאָס איז געווען העכער פון זיין שאַפונג־קראַפט. אַגב איז ער ביי זיך געווען פעסט איבערצייגט, אַז ער האָט שוין דעם סאָציאַליזם אָפּגעגעבן דעם געהעריגן צינז דורך זיין שוין אויבנדערמאָנטן „ר׳ יעקב משלם״, דורך זיין „ר׳ יידל גיב געלט״ וכדומה.

פון דעמזעלביגן אָוונט איז נאָך פאַרבליבן אין מיין זכרון דער פאָלגענדער זעהר אינטערעסאַנטער עפּיזאָד: מ׳האָט געשמועסט וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן ביי יידן. צונזער, וועלכער איז גאַנץ ווייט געווען פון דער אמתער פּאָעזיע און האָט איר אויך ניט פאַרשטאַנען, האָט שאַרף קריטיקירט די העברעאישע משוררים, און האָט ניט געשאַנעוועט אפילו דעם גרעסטן פון זיי — יהודה ליב גאָרדאָן. צונזערס הויפּט־טענה איז געווען, אַז אַ שיר, וועלכן מ׳קען ניט אַיינפאַסן אין אַ מעלאָדיע און זינגען, איז קיין שיר ניט. דיזעלביגע מיינונג האָט ער שפּעטער אַרויסגעזאָגט אויך וועגן פּרוגס יידישע שירים. דער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז אמתע שירים הייסן נאָר אַזעלכע ווי זיינע, וועלכע קענען געזונגען ווערן מיט דער באַגלייטונג פון מוזיק. דערביי האָט אליקום דערציילט וועגן זיך אַ גדלות, אַז ווען עמיצער זאָל אים געבן אַ טעמע, וועלכע ס׳זאָל נאָר ניט זיין, כאָטש „על העצים ועל האבנים״, נעמט ער זיך אָן מער ניט ווי אין אַ משך פון צוויי מינוט צו פאַרפאַסן וועגן דעם אַ ליד פון איינעם צי פון צוויי פערזן, און צוגלייך אויך דעם מאָטיוו דערצו. חברה האָט זיך גלייך אָן דעם אָנגעכאַפּט, און כמעט אַלע האָבן אויסגעשריען מיט איין קול:

— מ׳ דאַרף פּרובן!

— נו, אַרויס מיט די טעמעס! — האָט אויף דעם צונזער געענטפערט.

— אָט איך האָב שוין אַ טעמע, און זעהר אַ גוטע — האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופן יוסף בריל —; איר האָט דאָך געהערט, מסתמא, אַז אין ווילנער גובערניע איז דאָ אַ קליינשטעטל, איוויע הייסט עס. אין דער דאָזיגער שטעטל וואוינט אַ העברעאישער לערער, וועלכער שרייבט אַמאָל קאָרעספּאָדענציעס אין די בלעטער און חתמ׳עט זיך אונטער „עוזיאל איש איוויע״. אָט דער עוזיאל האָט אַ קליין טעכטערל, מערקע הייסט זי, און די מערקע איז זעהר אַ געראָטן קינד, איז אַ שטאַרקער למדן אין העברעאיש און שרייבט פּעלעטאָנען אין „הקול״. צו יעדער פעלעטאָן קומט אַן אָנמערקונג פון רעדאַקטאָר, אַז די שרייבערקע, „וועלכע פאַרדינט צו ווערן אַ מוסטער פאַר אַלע יידישע טעכטער״, איז ערשט דרייצן יאָר אַלט. און אָט דאָס מיידל האָט דאָ ניט לאַנג באַגרינ־

דעט איינעם פון אירע פעלעטאָנען אין „הקול" אויף דער באַוואוסטער מעשה פון חומש ווי נח האָט זיך איינגעשכור׳ט און ווי די קינדער האָבן אים געפונען אָן אָפּגעדעקטן און וואָס זיי האָבן מיט איס געטאָן. אמת, גאַנץ אינטערעסאַנט? נעמט, ר׳ אליקום, און זייט עפּיס מחבר וועגן דעם ענין.

אליקום האָט אַ קלער געטאָן, און ס׳האָט נאָך ניט געדויערט אַפילו קיין צוויי מינוט האָט ער שוין אַרויסגעזאָגט דעם פאָלגנדן פערז צוזאַמען מיט אַ מעלאָדיע:

„ווער נאָר עטוואָס איידל,
דאַרף זיך שעמען
צו קלערן גאָר אין מח;
ווי קומט אַ מיידל
פאַר אַ טעמע צו נעמען
די ע—ה פון נח.
צו ברייגנען די ווערטער פאַר׳ן מויל,
איז פאַר אַ מיידל ניט קיין שטאַט,
און דער רעדאַקטאָר פון „הקול"
באַפּוצט דערמיט זיין בלאַט"...

— און ווייל דאָס האָט צו טאָן מיט לשון-קדש—האָט צונזער אַ זאָג געטאָן—זינג איך אייך שוין דעמזעלביגן פערז אויך אין לשון-קודש.

דער אָנהייב, די ערשטע דריי שורות, פונ׳ם העבראַישן פערז זיינען מיר פאַרלאָרן געגאַנגען. פאַרבליבן זיינען ביי מיר נאָר די פאָלגנדע לעצטע זיבן שורות:

„נַעֲרָה קְטַנָּה
לִיסוֹד לָקְחָה
עֶרְוַת נֹחַ אֲבִי-חָם;
אִם בִּפְנַת בֵּיתָהּ הִיא נִסְתְּרָה
תֵּבוֹשׁ בְּהִגָּיוֹן,
וְעוֹרֵךְ הַקּוֹל בְּמַאֲמָרָהּ
יַעֲדֶה אֶת הַגִּלָּיוֹן"...

— און איך האָב אויך פאַר אייך אַן אינטערעסאַנטע טעמע:—האָט זיך אָפּגערופן זעליגמאַן—דעם לעצטן הספּד פון האַראָדנער מגיד (געמיינט דעם מינסקער שטאָט-מגיד, וועלכער האָט זיך גערופן „דער האַראָדנער" נאָך זיין געבורט-אָרט גראָדנע).

מיט דעם לעצטן הספּד פונ׳ם שטאָט-מגיד האָט דאַמאָלס געקאָכט גאַנץ מינסק. דאָס איז געווען אַ הספּד נאָך איינעם אַן אויפגעקומענעם גביר, וועלכער איז רייך געוואָרן דורך פאַרשיידענע ניט קיין ערליכע ספּעקולאַציעס. זייענדיג אַ מלוה האָט ער געריסן ביי אָרימע לווים אומגעהייער גרויסע פּראָצענטן, האָט זיך באַנוצט מיט זייער דחקות און אַרויסגעטריבן זיי פון זייערע הייזער אָדער אָפּגעשריבן און

צוגענומען פאַר זיך זייערע זאַכן. דערצו איז ער נאָך געווען כל ימיו אַ גרויסער קמצן, האָט אָרימע לייט געטריבן פון שטוב און האָט קיינמאָל אויף קיין שום קהל׳שע זאַך קיין גראָשן געלט ניט געגעבן, באופן, אַז רעכטע, אָרנטליכע מענטשן האָבן פון אים געווייכט. האָט זיך געמאַכט, אַז דער דאָזיגער עושר איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, און זיינע יורשים האָט זיך פאַרוואָלט, אַז דער האַראָדנער מגיד זאָל אים מספיד זיין. האָבן אַלע אין שטאָט געקוועטשט מיט די פלייצעס און איינער דעם צווייטן האָט זיך געפרעגט: ווי וועט דאָס גאָר דער שטאָט־מגיד קענען אַזעלכן מספיד זיין? וואָס פאַר אַ שבח וועט ער אים קענען נאָכזאָגן? דער האַראָדנער מגיד, וועלכער האָט ניט פיינט געהאַט די מטבע און איז געווען דערצו אַ גאַנץ כיטרער יידל, האָט אים פאָרט מספיד געווען, און געפונען אויף אים אַ שבח: ער איז געווען אַ בעל־קורא אין ליבאַ־וויטשער שטיבל, און האָט פאַר זיין טרחה קיין קאָפּיקע ניט גענומען. וועגן דעם דאָזיגן וויץ האָט מען דאַמאָלס אין מינסק פיל גערעדט.

ווי נאָר צונזער האָט דערהערט די טעמע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און מער ניט ווי אַ מינוט צייט, און תיכף אָנגעהויבן צו זינגען:

„ערד, עפן זיך, נעם אויף דעם גאַסט
מיט גרויס כבוד און פּאַראַד.
געווען אפילו ניט געליבט, פאַרהאַסט
ניט געהאַט פאַר זיך קיין צד.
זיין יחוס: דער טאַטע אַ שמייסער
די מאַמע—אַ יידענע פון גאַס...
ער אַליין אַ פּראָצענטניק, אַ באַרייסער
געשניטן פון אַלעמען אַ פאַס.
מאַכט אָבער ניט קיין גוואַלדן, קיין יעלות,
דאָס זאָגן אַלץ בייזע צינגער.
דאָס איז געווען אַ מאַן עם כל המעלות
ניט קיין בעל־גאוה׳ניק, קיין שפּרינגער,
מיט עניוות געדינט דעם בורא;
דריי מאָל אַ טאָג געגאַנגען טבילה
אין קלויז געווען אַ בעל־קורא,
ניט צוליב פּרנסה, חלילה,
נאָר לשם מצוה, צוליב דעם אַליין.
לאָזט זשע אַרויס, אַ טרער, הייבט אויף אַ געוויין!״

אין דער מינוט האָט צונזערס יונגע פרוי דערלאַנגט צום טיש עפּל. האָט זיך אַרויסגעכאַפּט איינער פון די געסט און געפרעגט:

— וואָס וואָלט איר, ר׳ אליקום, געקענט זאָגן, למשל, אויפן ענין פון עפּל:

— אָט הערט! — האָט צונזער געענטפערט, און אין דער מינוט שוין פאַרגעטראָגן:

רויט איז דער עפּל, שיין אין דער פאָרם
אינווייניג ווי איז ער? ווער קען עס וויסן?
אפשר גריזשעט, אפשר עגבערט אים אַ וואָרם,
מ׳קען עס ניט עסן, ניט געניסן?
מענשן זיינען אויך דאָ אַזוינע;
פון דרויסן אַ פּראַכט, אַן אַנטיק,
פרישע, געזונטע און שיינע,
אַ מחיה צו וואַרפן אַ בליק.
קוקט אָבער אינווייניג, וואָס טוט זיך דאָרטן?
איר זעהט אַ בריה עם כל הפסלנות
מיט מדות רעות פון אַלע סאָרטן
אָן הארץ, אָן געפיל, אָן ישרנות;
איר האָט פאַר זיך אַ שד, אַ חיה
מיט אַ געמאַכטער מענשעסער העויה...״

— אָט איך האָב פאַר אייך אַ טעמע, איז שוין דאָס איינמאָל אַ טעמע! — האָט זיך אָפּגערופן איינער אַ יונגער לערער — אָט זאָגט עפּעס וועגן קיסר.

אליקום האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן עפּעס ווי וועלנדיג זיך איבערצייגן, אַז ס׳זיינען ניטאָ אין שטוב קיין זייטיגע מענשן, און האָט תיכף אָנגעפאַנגען:

אויפן שטול זיצט אַ קייזער,
אַ שלעכטער איז ער און אַ בייזער;
וואָס ער וויל — מוז מען טאָן
וואָס ער זאָגט — איז אַ זאַקאָן;
ווען ניט — שמידט מען אין קייטן,
מ׳שוט אָן אַ כאַלאַטקעלע מיט געלע קווייטן,
און אין דער כאַלאַטקע
שיקט מען אַוועק קיין קאַמטשאַטקע...
און פרעגט מיך בחרם
אויב איך ווייס, וואָס ס׳איז גורם
ער זאָל זיין דער גאַנצער לייט.
איז ער דען אַזוי געשייט,
קליגער, געראָטענער פאַר מיר און פאַר אייך?
וואָרום זאָל ער מיט אונז ניט זיין גלייך?
אויך זיין ווי מיר געבונדן
און אויך ליגן אין געהאַקטע וואונדן?...
איך גיב אָבער אַ קלער,

אַז שולדיג איז נאָר ד ע ר,
וואָס מאַכט שלום מיטן דריק, מיטן שטיק
און גיט ניט צוריק קיין בריק...

די דאָזיגע פיר אליקומס אימפּראָוויזאַציעס האָבן אַרויסגערופן ביים גאַנצן קרייזל אַ שטורים פון בּאַגייסטערונג. כ'געדענק, אַז איך בין אויך פון זיי שטאַרק נתפעל געוואָרן. די אַלגעמיינע התפעלות איז געווען ניט פון די עצם לידער, אין וועלכע ס'האָט זיך ניט אַרויסגעוויזן קיין מינדסטן סימן פון אַ וואָסער ס'איז „שאַפונג", נאָר כּון דער בליץ־שנעלער פערזן־און־נגונים־מאַכעריי. אַ געוויסע צייט נאָכדעם האָב איך צופעליג דערגאַנגען דעם סוד פון דער דאָזיגער געשווינטער „פערזן־מאַכעריי", און פון דאַמאָלסט אָן איז שוין דאָס מער ביי מיר קיין חדוש ניט געווען. דעם לעזער וועט דאָס דערקלערט ווערן אין איינעם פון די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך.

II.

די ווירקונג פון די פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד אויף אינזער קרייזל.—דער קרייזל ווערט אויס סאָציאַליסטיש און חבת־ציונדיג געשטימט.—די ערשטע חברה „חובבי־ציון" אין מינסק.—אליקומ'ס לידער וועגן חבת־ציון.—דער שאַפונגס־פּראָצעס פון די דאָזיגע לידער.—פרעמדע ווערטער מיט אייגענע הרוזים.—די חובבי־ציון דאַרפן האָבן אַ הימען.—אליקומס פּאַלעסטינע־מאַרש.—אליקומ'ס לידער אַלס גרויסע אַגיטאַציע פאַר חבת־ציון.—דער גרויסער ערפאָלג פון די פּאָלקס־פאַרזאַמלונגען מיט אליקומ'ס אָנטייל.—לעגענדע וועגן אליקומ'ן.

עס זיינען אַוועק אַ יאָר דריי. אין דרום־רוסלאַנד האָבן אויסגעבראָכן די ערשטע יידישע פּאָגראָמען. די דאָזיגע טרויעריגע געשעהענישן, צוזאַמען מיטן גרויסן אויסוואַקס פונם געזעלשאַפטליכן און פּאָליטישן אַנטיסעמיטיזם, האָבן צוויישן אַ גרויסן טייל פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ געבראַכט צום קראַך די אַסימילאַטאָרישע טענדענציעס. אין פיל דענקנדיגע מחות איז פּאָרגעקומען אַן איבערקערעניש, פון וועלכער ס'האָט זיך געשטאַרקט און געפּאַנצערט דער יידיש־נאַציאָנאַלער געדאַנק. אין דער יידישער גאַס איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַ נייער לאָזונג: „אַ היים!" און ס'איז אַרויפגעשוואומען די אידייע פון חבת־ציון. מינסק איז געווען איינע פון די שטעט, אין וועלכע די באַוועגונג פאַר ישוב ארץ־ישראל האָט אַ גוטן באָדן געפונען. אַ סך פון דער מינסקער יידישער אינטעליגענטער יוגנט האָבן זיך אַנטזאַגט פון זייער ביזאַהעריגער קאָסמאָפּאָליטיש־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע און זיינען געוואָרן הייסע נאַציאָנאַליסטן און חובבי־ציון. באַלד איז צו זיי צוגעשטאַנען דער גאַנצער אליקומ'ס־קרייזל. די סאָציאַליסטישע דעבאַטן זיינען אַראָפּ פון סדר־היום, און אָנשטאָט זיי זיינען

אַרויף נייע שטרעבונגען און האָפענונגען, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דעם אויפלעבונגס=אידעאַל.

נייע טענער האָבן פון דאַמאָלסט אָן גענומען אָפּקלינגען אויך אין צונזערס לידער. דעם ענין פון חבת=ציון האָט ער לייכטער און טיפער תופס געווען. פאַר קיין טעמע האָט ער נאָך ניט געהאַט אַזאַ רייכן מאַטעריאַל, ווי פאַר דער טעמע פון ישוב ארץ=ישראל. אויסער זיינע מונדליכע שמועסן מיט די קרייזל=חברים און פאַרשיידענע צייטונגס=אַרטיקלען, פון וועלכע ער האָט געשעפּט שטאָף צו זיינע לידער, האָט ער נאָך דערצו אויסגעניצט זיינע קענטעניש אין תנ״ך און אין תלמוד. דעריבער זיינען זיינע פאַלעסטינע=לידער אַרויס אַסך שטאַרקער און איינדרוקס=פולער פון אַלע זיינע פריערדיגע לידער. אמת, קיין קונסט אין מאָדערנעם זין פון וואָרט איז אין זיי אויך ניט געווען, און הערנדיג זיי אָן דער מעלאָדיע האָבן זיי קיין שום רושם ניט געמאַכט, ווייל בכלל האָט צונזערס יידישן סטיל תמיד געפעלט זאַפטיקייט און האַרמאָניע. אָבער בעת ער אַליין האָט זיי התלהבות׳דיג אויף זיין שטייגער געזונגען, און דערצו נאָך מיט מוזיק, האָבן זיי דעם ברייטן עולם ממש באַצויבערט.

זעהר אינטערעסאַנט איז געווען דער שאַפונגס=פּראָצעס פון צונזערס חבת=ציון=לידער. כמעט איטליכע ליד האָט זיך איר געשיכטע, און כמעט אַלע זיינען זיי „חברים=שמועסן איבערגעגעבן אין חרוזים״. איך געדיינק אַמאָל אַן אָוונט — דאָס איז געווען אָקאָרשט=וואָס ס׳האָט זיך אין מינסק געגרינדעט די ערשטע חברה פון חובבי=ציון — זיינען מיר געזעסן ביי צונזערן, און האָבן אַרומגערעדט פאַרשיידענע ענינים, וועלכע זיינען נוגע אונזער פאַראיין. צווישן אַנדערע פראַגן האָט מען גערעדט אויך וועגן דער נויטיגקייט אויפצורופן עפטערס חברים=פאַרזאַמלונגען. דאָ האָט איינער באַמערקט, אַז מיט אַסיפות און מיט טרוקענע דרשות אַליין וועט מען נאָך ניט קענען באַגייסטערן און צוציהען דעם עולם; דערצו זיינען אויך נויטיג גוטע נאַציאָנאַלע חבת=ציונ׳דיגע לידער, וועלכע זאָלן קענען דערוואַרימען די הערצער. אַ צווייטער חבר האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז עס דאַרף פאַרפאַסט ווערן אַ מין ארץ=ישראל=הימען, וועלכן מ׳זאָל זינגען אויף אַלע גרעסערע אסיפות פון חובבי=ציון. דער דאָזיגער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן אַ ויכוח וועגן דעם, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער עס דאַרף טראָגן דער אינהאַלט פון אַזאַ הימען. איינער האָט געזאָגט, אַז די ליד דאַרף פאָרשטעלן אַ בילד פון׳ם קומענדיגן יידישן אידילישן לעבן אין ארץ=ישראל, וואו זיי וועלן אַלץ האָבן אייגענע — פרוכט און ווייז פון אייגענע סעדער, שיך פון אייגענע פעל און קליידער פון אייגענע פאַבריקן, און דערביי גאַנץ זיכער זיין, אַז קיינער וועט דאָס ביי זיי ניט אַוועקנעמען. אַ צווייטער האָט איינגעפונען, אַז דאָ דאַרף באַזונדערס באַטאָנט ווערן ווי שלעכט און ווי ביטער עס איז צו וואוינען ביי יענעם אין שכנות און ווי וואויל עס איז צו האָבן אן אייגענעם ווינקל; אַ דריטער האָט אויפגעוויזן, דאָס דער עיקר דאַרף דאָ שאַרף פּראָטעסטירט ווערן קעגן דעם יידישן נע=ונד זיין און אַרום=

וואָגלענישן אין גלות, און אַ פערטער האָט אויף דעם מוסיף געווען, אַז דערצו מוז נאָך אויך דערקלערט ווערן ווי נויטיג ס׳איז אין דעם איצטיגן מאָמענט אהדות און צוזאַמענבינדונג צווישן אַלע יידישע פּאַרטייען און כּתּות. צונזער האָט זיך, ווי זיין שטייגער, ניט באַטייליגט אין די ויכּוחים; ער איז נאָר געזעסן און גוט אַיינגעהערט זיך, און בשעת מעשה אונטערגעברומט אונטערן נאָז עפּיס אַ נגונ׳דל. נאָר אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שטול, איז צוגעגאַנגען צום שרייב טיש, האָט עפּעס מיט אַ בליי־פעדער אָנגעצייכנט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, האָט זיך צוריקגעקערט אויף זיין אָרט און פאָרגעזעצט אין דער שטיל זיין איבערגעריסענעם נגונ׳דל, אריינקוקנדיג מינוטנווייז אינס פּאַפּירל. זיצנדיק ניט ווייט פון אים האָב איך באַמערקט, אַז דאָס האַלט ער אין האַנט אין דער גיך אָנגעוואָרפענע נאָטנ־שטריכן. בעת מיר האָבן שוין געזעגנט האַלטן ביים אַוועקגיין און זיינען שוין געשטאַנען אָנגעטאָנענע אין פאָדער־צימער, רופט זיך אָפּ צונזער.

— רבותי, מחר יהיה האות הזה! מאָרגן האָט איר אַ פאַרטיגן הימן.

ווי געזאָגט איז דאָס פאָרגעקומען אין אָוונט. אויף מאָרגן אינדערפרי גייענדיג אין גאַס באַגעגנט מיר איינער פון די חברים און דערציילט מיר, אַז אָט ערשט גייט ער פון אליקום׳ן, וועלכער האָט שוין באַוויזן אויפצושרייבן דעם הימן, וועגן וועלכן מ׳האָט נעכטן אָוונט גערעדט, צוזאַמען מיט מוזיק, און אַז דאָס איז גאָר אַ בחיר, אַ צאַצקע, ממש „לא בא כבשם הזה". דעם קומענדיגן פרייטאָג צו נאַכט האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן ביי צונזערן, און ער האָט פאַר אונז געזונגען זיין „פּאַליסטינע־מאַרש", ווי ער האָט דאָס דאַמאָלס אָנגערופן. דאָס איז געווען אַ מין „כּורך" צוזאַמענגעשטעלט בוכשטעבליך פון די איינצעלנע פראַזן און ווערטער, וועלכע זיינען אין דעם אויבנדערמאָנטן אָוונט אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון די חברים, וואָס האָבן זיך מתווכח געווען וועגן דעם תּוכן פונ׳ם חבת־ציונ׳דיגן הימן. אינ׳ם „פּאַלעסטינא־מאַרש" געפינען זיך, למשל, אַזוינע פערזן:

„פון אייגענעם סאָד די פרוכט,
פון אייגענעם אָקס די יוכט,
פון אייגענעם פאַבריק ועסטו טראָגן דראַפּ;
פון אייגענעם סאָד די וויין,
און ביי זיך רוהיג זיין,
אַז דאָס וועט ניט ראַבירן קיין קאַצאַפּ".

(וועגן דעם געהאָפטן אידילישן לעבן אין ארץ־ישראל):

אָדער די פאָלגנדע פערזן:

„גענוג שוין צו וואוינען אין אַ אונטער־אויוון־קוואַרטיר
דירה־געלט צאָלסטו און מ׳שלאָגט נאָך דיר;

דיין אייגענע הויז
שטייט ליידיג און לויז".

(די שלעכטסקייט פון שכנות מיט די מעלות פון אַן אייגן ווינקל).

און ווייטער:

"געגוג שוין צו זיין נע=ונד
ווי די אָפּפאַל=בלעטלאַך אין ליסטאָפּאַד".

(אַ פּראָטעסט קעגן די אַרומוואָגלעניש אין גלות).

און צום סוף:

"מתנגדים, חסידים און משכּילים געגוג שוין זיין צוטיילט,
דער שטאַרקער גוואַלד=ריס אין אונזער קערפּער שוין צייט
ער זאָל זיין געהיילט,
נעמט אַייך צונויף אַלע צוזאַמען גבירים און אָרימע=לייט".

(די נויטיגקייט פון אחדות).

מ'געפינט ניט אין דעם דאָזיגן צונזערס פּאַלעסטינע=הימען ניט בלויז קיין אײן אייגן, אָריגינעלן געדאַנק, נאָר אויך קיין איין אייגענע פראַזע, קיין איין אייגן וואָרט. אויב דאָ איז דאָ עפּעס ספּעציעל זיינס, איז דאָס נאָר דער צו=געפּאַסטער גראַם מיט דער צוגעפּאַסטער מעלאָדיע.

אַ צווייטן מאָל איז געווען אַ מעשה, אַז איינער אַ מלמד פון אונזער קרייזל, זעהר אַ הייסער חובב=ציון און אַ גרויסער בעל=התפּעלות, האָט זיך פּו=באַנדערגערעדט מיט אַ ברענענדיגן ענטוזיאַזם וועגן דעם יידישן צוריקקערן פון גלות=בבל קיין ארץ=ישראל אין דער צייט פון עזרא און זרובבל, און וועגן דעם, ווי די מוטער ציון האָט דאַמאָלסט באַגעגנט און אויפגענומען אין איר שויס אירע קינדער, פון וועלכע זי האָט זיך שוין מיאש געווען. אויף מאָרגן האָט שוין אליקום פּאַרפּאַסט אַ נייע ליד מיטן נאָמען "שיבת=ציון", אין וועל=כער ער זאָגט:

"וואָס זעה איך דורך די שויבן?
זיי פליהען ווי די טויבן,
מיין יוסף, מיין בנימין קלאַפּן מיר אין טיר".
הימל, גאָט, אָ וואונדער!
אָט זעה איך מיינע קינדער
קומען ווידער צו מיר" וו. א. וו.

אין אַ געווי‌סן טאָג, בשעת מיר זיינען ערגעץ געזעסן אין אַ מסיבה צו=זאַמען מיט צונזערן, האָט איינער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז ס'איז ניט ריכטיג דאָס, וואָס מ'שטרייכט ביי אונז תמיד אונטער, אַז ארץ=ישראל וועט יידן באַפרייען פון דעם אַנטיסעמיטיזם און אויסלייזן זיי פון זייערע צרות. מ'דאַרף נאָך דערצו אויך דערקלערן, אַז פּאַלעסטינע וועט דעם יידישן פאָלק אָפּרייסן פון זיינע גלות'דיגע שפּל'ע פּרנסות ווי: שענקעריי, מעקלעריי, לופט=און שווינדל=

געשעפטן, און וועט אים געבן די מעגליכקייט צו נעמען זיך פאַר דער כשר־סטער, ריינסטער פּראָפעסיע, פאַר ערד־אַרבעט.

דעם אַנדער טאָג האָט שוין. אליקום געזונגען:

„אין סאָכע
ליגט די מזל ברכה" א. אַ. וו.

ידיעות וועגן וועלט־פּאָליטיק האָט צונזער תמיד געשעפּט נאָר פון העב־רעאישן וואָכנבלאַט „המגיד". ער איז געווען איינער פון די פילע לעזער אין יענער צייט, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז וויל מען נאָר האָבן אַ ריכטיגע און אַ פּאָפּולער אָנגעשריבענע פּאָליטישע איבערזיכט, דאַרף מען נאָר היטן לייענען בקביעות די וועכנטליכע רובריק אינ׳ם „המגיד" אונטער׳ן נאָמען „על המדינות בו יאָמר". די פּאָליטישע מיינונגען, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער דאָזיגער רובריק, זיינען געווען ביי אליקום׳ן קדש־קדשים, אַן אייזערנע אַקסיאָמע, ניט נעמענדיג אין אַכט דאָס, וואָס דער „מגיד" איז שטענדיג געווען אין זיינע אָנשויאונגען העכסט קאָנסערוואַטיוו. בכלל האָט זיך צונזער קיינמאָל ניט פונאַנדערגעקליבן אין מיינונגען. דאָס, וואָס ער האָט גיכער באַנומען מיט זיין הבנה, און דאָס, וואָס עס איז אים לייכטער געווען מקרב אל השכל צו זיין, — דאָס איז ביי אים פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ הלכה פסוקה, פאַר דעם איינציגן אמת.

איינמאָל האָט צונזער געפונען אין דער פּאָליטישער רובריק פון „המגיד" אַרויסגעזאָגט אַזאַ מין אידייע: דורך דעם, וואָס דער באַרימטער יידישער ליבע־ראַלער דעפּוטאַט אינ׳ם דייטשן פּאַרלאַמענט, עדואַרד לאַסקער, האָט אין זיינער אַ רעדע צו שאַרף קריטיקירט דעם דייטשן רייכס־קאַנצלער גראַף ביס־מאַרק, האָט ער זעהר אַ גרויסע רעה געטאָן דעם גאַנצן יידישן פּאָלק, ווייל פון יענעם טאָג אָן איז ביסמאַרק געוואָרן אַ שונא־ישראל און האָט אָנגעהויבן אונטערצושטיצן דעם אַנטיסעמיטיזם. צונזער האָט די דאָזיגע מיינונג גלייך אויפגעכאַפּט, און בו ביום האָט ער שוין געזונגען אין אַ ליד:

„לאַסקער וויל זיך דאָרט אויספּיינען
ווערט זיין פּאָלק ניט גוט;
די ליבעראַלן נאָר זיי זיינען
שולדיג אין דיין בלוט".

און אַזוי זיינען אַלע זיינע לידער געווען נאָר פרעמדע איבערגעניצעוועטע געדאַנקען אין חרוזים, און פונדעסטוועגן האָבן זיי, ווי איך האָב שוין דאָ אויבן אָנגעמערקט, אויפן פּאָלק תמיד אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. זיינע לידער וועגן חבת־ציון האָבן געבראַכט גאַנץ בולט׳ע ממשות׳דיגע פּרוכט. אין אַלע שטעט און שטעטלאַך, וואו ער איז נאָר געווען אויף חתונות און האָט פאָרגע־טראָגן זיינע לידער, האָט זיין אַגיטאַציע פאַר ישוב ארץ־ישראל אַזוי פיל גע־ווירקט, דאָס כמעט אומעטום פלעגן זיך באַלד גרינדן חברות פון חובבי־ציון. פון אַ סך ערטער פלעגט ער מיטבריענגען גרויסע געלט־סומעס, וועלכע ער

פלעגט אָפּשיקן קיין וואַרשע אין דעם דאַמאָלסדיגן צענטראַל־ביוראָ פון דער חובבי־ציון׳דיגער הנהגה. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין מינסק גופא האָבן די חובבי־ציון געפונען פאַר צוועקמעסיג איינצואָרדענען פון צייט צו צייט פאָלקס־פאַרזאַמלונגען מיט דעם אָנטייל פון אליקום צונזער. יעדעס מאָל ווען מ׳האָט זיך נאָר דערוואוסט אין שטאָט, אַז אליקום וועט זאָגן — קיין אַפּישן זיינען ניט געווען געקלעפּט, ווייל די פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען אין בתי־מדרשים און אויף אַן אומלעגאַלן אופן — פלעגט זיך צוזאַמענקלייבן אַ טויזנט־קעפּיגער עולם, און פילע פלעגן נאָך מוזן אַוועקגיין ניט געפינענדיג פאַר זיך קיין אָרט. די דאָזיגע פאַרזאַמלונגען האָבן געהאַט, אויסער אַ גרויסע אַגיטאַטאָ־רישע באַדייטונג, אויך אַ גרויסן מאַטעריעלן ערפאָלג. דערוויסענדיג זיך פון דעם דורך די צייטונגען אין אַנדערע שטעט, האָט מען פון דאָרטן אויך גאַנץ אָפט אָנגעהויבן איינצולאַדן צונזערן אויף עפענטליכע אָווענטן, און אַלע זיי־נע אַרויסטרעטונגען מיט די חבת־ציון־לידער זיינען אַריבער אונטער רוישנדע אַפּלאָדיסמענטן און שטורמישע אָוואַציעס מצד דעם פובליקום.

אין ווינטער 1893 איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן מיט צונזערן קיין ווילנע. ער האָט מיר דאַמאָלסט געבעטן, אַז איך זאָל אים אַריינפירן צו לעוואַנדען. כ׳האָב דאָס געטאָן. ביי לעוואַנדען האָבן מיר דאַן געפונען דעם באַוואוסטן ציוניסטישן עסקן ה׳ י. ל. גאָלדבערג, דעם ד״ר בנימין פין, דער זון פון באַקאַנטן געלערנטן ר׳ שמואל יוסף פין און דעם ווילנער שטאָט־מגיד, ר׳ יעקב־יוסף. מ׳האָט זיך פונאַנדערגערעדט וועגן חבת־ציון, און איך געדענק שוין היינט ניט ווער פון די אָנוועזנדע האָט פאָרגעלייגט, אַז אליקום זאָל עפּעס זינגען. אליקום, וועלכער האָט אַ טבע געהאַט תמיד צו לאָזן זיך בעטן, האָט דאָס יענעם מאָל ניט געטאָן. ער האָט גלייך אָנגעהויבן צו זינגען, פריהער דעם „פּאַלעסטינע־מאַרש״ און דערנאָך דאָס ליד „שיבת־ציון״. איך בין געווען מער ווי זיכער, אַז ניט לעוואַנדע און ניט ד״ר פין, ביידע מענשן מיט אַן עסטעטישן געשמאַק, וועלן פון זיינע לידער בלייבן צופרידן (גאָלדבערג האָט שוין פריער אליקום׳ען געהערט ניט איינמאָל). האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, דאָס כ׳האָב אַ טעות גע־האַט. אַז אליקום האָט פאַרענדיגט זינגען, האָט אים לעוואַנדע געדריקט די האַנט, און ד״ר פין האָט אויסגעשריען: „בראַוואָ״! דער שטאָט־מגיד, געדענק איך, האָט אויך שטאַרק הנאה געהאַט פון די לידער.

ווי ווייט לעוואַנדע האָט געהאַלטן פון אליקום׳ען אַלס פאָלקס־דיכטער, ווייזט אויך דער פאָלגנדער פאַקט: בשעת איך בין שפּעטער אין אַ געוויסער צייט אַרום צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ יידישן זאַמל־בוך געווידמעט דעם חבת־ציון־געדאַנק אונטערן נאָמען „דער בעל־יועץ״, און האָב אָנגעפרעגט לעוואַנ־דען אין אַ בריוו וועמען צו איינצולאַדן אַלס מיטאַרבעטער, האָט ער מיר דאַן דעם ערשטן רעקאָמענדירט צונזערן*).

---

*) זעה לעוואַנדעס בריוו צו מיר אין שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק״, I באַנד, ז. 448.

.III

צונזער אויף אַ תתונה אין וואַרשע.—די וואַרשעווער חובבי-ציון אָרדענען אײַן אַן אָוונט מיט צונזערס אָנטײל.—צונזערס גרויסער ערפאָלג.—גאָלדפאַדענס קאָמפּלימענטן.—דער באַזוך בײַ גאָלדפאַדענען.—גאָלדפאַדענס הומאָריסטישע ערצײלונגען, ווי אַזוי ער האָט באַשאַפן דעם ערשטן ײדישן טעאַטער.—מאַנסביל אין דער ראָלע פון פרויען.—יעקב דינעזאָן וויל ווערן אַ דראַמאַטורג און האָט חרטה.—צונזער לײענט פאָר זײַן טראַגעדיע.—צונזער אַלס אויסגעצײכנטער דעקלאַמאַטאָר.—אַ שנײַדער אַ מעלאָמאַן, וואָס וויל אָנקוקן גאָלדפאַדענען.—ווי גאָלדפאַדן האָט זיך דערפאַר געלאָזט באַצאָלן.—דינעזאָן קענן גאָלדפאַדענען.—צונזער פאַרטײדיגט גאָלדפאַדענען.

אין יאָר 1886 האָב איך געוואוינט אין וואַרשע, וואו כ׳האָב מיטגעאַרבעט אין שפר׳ס (שאול פנחס ראַבינאָוויטש) העברעאישן זאמל־בוך „כנסת ישראל“. האָט זיך געמאַכט, דאָס צונזער איז יעמאָלט געקומען צו פאָרן קיין וואַרשע אויף אַ גביר׳ישער חתונה. מיט דעם פאַל האָבן זיך באַנוצט די וואַרשעווער חובבי־ציון און האָבן אין אַ גרויסן זאַל אויף גזשיבאָוו אײַנגעאָרדענט אַן אָוונט, אויף וועלכע צונזער האָט געזונגען זײַנע „ציונאַדן“,—אַזוי האָט ער אָנגערופן זײַנע חבת־ציון׳דיגע לידער. צום אָוונט זײַנען געקומען די דאַמאָלסדיגע אָנגעזעהענסטע וואַרשעווער עסקנים פון חבת־ציון מיט דעם געשוואָרענעם אַדוואָקאַט יאַסינאָווסקי אָן דער שפּיץ, אויך אײניגע חשובע שריפטשטעלער ווי: שפ״ר, א״ש פרידבערג (הר־שלום), יעקב דינעזאָן, וועלכער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם באַוואוסטן ײדישן דראַמאַטורג אברהם גאָלדפאַדן. צונזער האָט דאַן בײַ דעם גרויסן עולם זעהר אויסגענומען, יעדעס ליד האָט אַרויסגערופן אין זאַל שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, און אַז ער איז אַראָפּ פון דער בינע האָט מען אים אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן, געדריקט אים די האַנט און באַשאָנקען מיט קאָמפּלימענטן. צוגעגאַנגען צו אים איז אויך גאָלדפאַדן און זיך אָפּגערופן: „אײַער נאָמען איז מיר שוין באַקאַנט פון לאַנג, נאָר הערן האָב איך אײַך הײַנט געהערט דעם ערשטן מאָל, און כ׳זאָג אײַך בפני כל עם ועדה, אַז איר האָט מיר פאַרשאַפט אַן אמתן פאַרגעניגן“. דערבײַ האָט ער געבעטן צונזערן אים צו באַזוכן.

צוריקגײענדיג פון אָוונט האָב איך צונזערן באַלײט צו זײַן האָטעל. אויפן וועג האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט זיך שוין גענוג קאָמפּלימענטן אָנגעהערט אויף זײַן לעבן און הערט זיך זײ אָן טאָג־טעגליך, אָבער פון גאָלדפאַדנס הײַנטיגע רײד שעצט ער זיך איבערגליקליך.

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז גאָלדפאַדן איז געווען כמעט דער אײנציגער ײדישער דיכטער, פון וועלכן צונזער האָט געהאַלטן און האָט אים ניט מבטל געווען, און אַלץ נאָר דערפאַר, וואָס זײַנע לידער האָבן זיך געלאָזן אײַנפּאַסן

אין מעלאָדיעס און מ'האָט זיי געקענט זינגען. כ'האָב שוין דאָ פריהער דערציילט, אַז דאָס איז געווען ביי צונזערן דער איינציגער קריטעריום פאַר פּאָעזיע.

גייענדיג האָבן מיר אָפּגערעדט מאָרגן ביידע צו מאַכן אַ וויזיט גאָלדפאַדענען. דערביי האָט מיר צונזער געזאָגט, אַז זייענדיג שוין אין וואַרשע האָט ער בדעה אָפּגעבן דאָ צום דרוק זיינע אַ טראַגעדיע, וועלכע ער האָט די לעצטע צייט אָנגעשריבן, און וויבאַלד, אַז אים האָט דאָ דער צופאַל צונויפגעפירט מיט גאָלדפאַדענען, וויל ער אים פריער ווייזן זיין ווערק, הערן זיינע מבינות און מישב זיין זיך מיט אים, אפשר קען מען איר שטעלן אויף דער בינע.

אויף מאָרגן נאָכמיטאָג בין איך מיט צונזערן אַוועק צו גאָלדפאַדענען אין זיין האָטעל. ביי אים אין נומער האָבן מיר דערוויסט דינעזאָנען מיט עטליכע אַקטיאָרן פון דער יידישער טרופּע, וועלכע האָט דאַמאָלסט געשפּילט אין וואַרשעווער זומער=גאָרטן „עלדאָראַדאָ" אַלס דייטשע טרופּע, ווייל אין יידיש איז דאַן געווען פאַרבאָטן צו שפּילן.

גאָלדפאַדען האָט דאַן געהאַלטן אינמיטן אַ שמועס מיט זיינע געסט וועגן דעם ווי אַזוי ער האָט אַמאָל, אין דער צייט פונ'ם רוסיש=טערקישן קריג, באַשאַפן אין דער רומענישער שטאָט יאַסי דעם יידישן טעאַטר און וועגן די צרות, וועלכע ער איז אויסגעשטאַנען ביז אים האָט זיך איינגעגעבן צונויפצושטעלן די ערשטע טרופּע. באַזונדערס האָט ער געליטן דורך דעם, וואָס דער גאַנצער פּערסאָנאַל איז געווען אַ מאַנסבילשער, אָן איין פרוי, ווייל אַן אַנשטענדיגע מיידל האָט דאַמאָלס געהאַלטן פאַר אַ גרויסע חרפה צו ווערן אַן אַקטריסע. בלויז איין מיידל האָט מסכים געווען אַריינצוטרעטן אין דער טרופּע, אָבער נאָר מיט דעם תנאי, אַז זי זאָל שפּילן שטומע ראָליען, דאָס הייסט, אַז שטייענדיג אויף דער סצענע זאָל זי די גאַנצע צייט שווייגן. צוליב דער דאָזיגער מיידל האָט גאָלדפאַדען דאַמאָלס אָנגעשריבן אַ באַזונדער פּיעסע אונטערן נאָמען „די שטומע כלה". דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מאַנסביל האָבן געדאַרפט אַרויסטרעטן אויך אין די ראָליען פון פרויען, צו וואָס ס'האָט זיך פון זיי געפאָדערט גאָר אַ באַזונדער טאַלענט. דאָ האָט מען געדאַרפט קענען נאָכמאַכן ריכטיג און, ווי מ'זאָגט, מיט אַלע פּיטשעווקעס ניט בלויז דאָס גאַנצע האַלטן זיך פון אַ פרוי אין די פאַרשיידנסטע מאָמענטן, נאָר אויך איר שטים אין אַלע מעגליכע וואַריאַציעס. און די קונסט האָט גוט פאַרשטאַנען נאָר איינער פון גאָלדפאַדנס טרופּע. דאָס איז געווען דער אַרטיסט וויינשטיין, וועלכער האָט פריער געדינט עטליכע יאָר אַלס באַס ביי דעם מינסקער שטאָט=חזן ישראל'קע שאַוולזאָן. אָט דער דאָזיגער ווינשטיין האָט תמיד מייסטערהאַפט געשפּילט די שווערסטע פרויען=ראָליען אין די פאַרשיידנסטע פּאָזעס, פון אַ יונגער פאַרליבטער ביז אַ זקנה פון אַ יאָר אַכציג. די איבעריגע אַקטיאָרן, וועלכע פלעגן אַמאָל דאַרפן פאַרבייטן פרויען אויף דער סצענע,

זיינען כמעט שטענדיג נכשל געוואָרן, וואָס עס פלעגט אַרויסרופן די שרעק=ליכסטע געלעכטערס מצד דעם פובליקום. גאָלדפאַדן, וועלכער איז געווען פון דער נאַטור זעהר אַן אינטערעסאַנטער שמועסער, און האָט תמיד רעדענדיג געשפראָדלט מיט וויץ און הומאָר, האָט דערביי אילוסטרירט דורך מימיק די פאַרשיידנאַרטיגע שטרויכלונגען פון די אַקטיאָרן=ווייבער, און מיר האָבן זיך אַלע בשעת מעשה געהאַלטן פאַר די זייטן לאַכנדיג.

פון דעם איז מען אַריבער צו אַן ערנסטן געשפרעך וועגן דעם זעהר אָרימען רעפערטואַר פונ׳ם יידישן טעאַטר. דערביי האָט דינעזאָן דערציילט, דאָס אין דער יוגנט, נאָך איידער ער האָט אָנגעשריבן זיין ערשטן ראָמאַן „הנאהבים והנעימים״, האָט ער זיך אויך געפרובט נעמען צו דראַמעס; ער האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז ער טויג דערצו ניט, און האָט עס אַוועקגע=וואָרפן. אַז ער איז ניט פייהיג צו שרייבן פיעסן,—דאָס האָט אים אַמאָל געזאָגט אויך מיכל גאָרדאָן*), פאַר וועלכן ער האָט איבערגעלייגט זיין ערשטע פיעסע מיטן נאָמען „די פרוכט פון פאַנאַטיזם״. „פאַר מיכלן אין די אויגן—אַזוי האָט דינעזאָן דאַן פאַרענדיגט—האָב איך גענומען מיין פיעסע, און האָב זי צוריסן אויף שטיקלאַך״.

מיט דער געלעגנהייט האָט זיך צונזער באַנוצט און האָט דערציילט, אַז ער האָט דאָ ניט לאַנג פאַרענדיגט שרייבן אַ טראַגעדיע אין דריי אַקטן מיטן נאָמען „אַ קרבן פאַר יחוס״. ווי אים דאַכט וואָלט מען איר געקענט שטעלן אויף דער בינע, נאָר ער איז אין דעם ניט גאַנץ זיכער; בכן וואָלט ער געוואָלט בעטן גאָלדפאַדענען,, אַז ער זאָל זיך באַקאָנען מיט זיין טראַגעדיע און אַרויסזאָגן אים זיין מיינונג. אָבער היות ווי ער דאַרף נאָך דעם זעלביגן טאָג אָפפאָרן צוריק קיין מינסק, וואָלט אפשר געווען מעגליך, אַז גאָלדפאַדן זאָל מרוצה ווערן טאַקי נאָך היינט איבערלייענען זיין כתב=יד, וועלכן ער האָט דאָ ביי זיך. אויף דעם האָט אים גאָלדפאַדן פאָרגעלייגט, אַז די בעסטע זאַך איז, דאָס ער, צונזער, אַליין זאָל אָט איצט פאָרלייענען איין אַקט צי צוויי פון זיין טראַגעדיע, און דאַן וועט ער אים קענען זאָגן גלייך אויפ׳ן אָרט, צי איז די פיעסע פאָרשטעלונגס=פייהיג, אָדער ניט. צו דעם האָט דאַן גאָלדפאַדן מוסיף געווען: „כדי אייך זאָל, חלילה, ניט טריקענען אין האַלז, הייס איך שוין אַרויפטראָגן אַ סאַמאָוואַר. ביי אַ גלעזל טיי לייענט זיך גאָר אַנדערס; דאָס ווייס איך פון מיין אייגענער ערפאַרונג״.

אליקום האָט אַרויסגענומען פון בוזים=קעשענע דעם כתב=יד און האָט אָנגעהויבן צו לייענען. זיין לייען=מאַניר איז געווען שיין און עפעקט=פול. דורך דער בדחנות האָט זיך ביי אים מיט דער צייט אַנטוויקלט אַ באַזונדער פייהיגקייט צו דעקלאַמאַציע. די דיאַלאָגן זיינען ביי אים אַרויסגעקוי=מען ווי פון דער נאַטור, זיינע העלדן און העלדינען האָבן אין זיין מויל גע=לעבט; קינסטלעריש ריכטיג האָט ער איבערגעגעבן די אינטאָנאַציע פון די

*) אַ באַקאַנטער יידישער דיכטער פון יענער צייט.

פאַרשיידענע שטימען. אַ באַזונדערס שטאַרקן רושם האָט געמאַכט דער מאָנאָ־לאָג פון דער הויפּט־העלדין, אַ מיידל, וואָס איז פאַרליבט אין איר לערער, און אירע פאַנאַטישע עלטערן ווילן זי צווינגען חתונה צו האָבן מיט אַ חסידישן בחורל, אַ האַלבער אידיאָט, נאָר אַ זון פון רייכע עלטערן. דעם דאָזיגן העכסט דראַמאַטיש־רירנדיגן מאָנאָלאָג האָט אליקום פאָרגעטראָגן מיט אַזוי פיל טאַ־לענט, דאָס הערנדיג אים האָט זיך געגלויבט צו זעהן פאַר זיך די אומגליקליכע העלדין. גאָלדפאַדן האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אים אינמיטן לייענען איבערגעריסן מיט דער באַמערקונג: מ׳קען דאָך מיט אייך פאַרבייטן די בעסטע דראַמאַטישע אַרטיסטין; וואָלט איך אַזעלכן ווי איר געהאַט אַ מאָל! בנוגע דער עצם פּיעסע האָט דאַן גאָלדפאַדן אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז בכלל געפעלט זי אים, נאָר ער געפינט אין איר פאַרשיידענע דעפעקטן, וואָס מוזן אויסגעבעסערט ווערן. דער עיקר דעפעקט איז, וואָס זי איז צו לאַנגלאַך, און מ׳מוז איר אַ ביסל פאַרקירצן; באריכות וועגן די חסרונות פון דער פּיעסע און וועגן דעם ווי אַזוי מ׳וועט איר קענען שטעלן אויף דער בינע, וועט ער אים שרייבן אין אַ בריוו. דערביי האָט גאָלדפאַדן פאַרגעלייגט אליקום׳ען, ער זאָל אים געבן די פּיעסע מיט זיך. כ׳געדענק, אַז אליקום האָט אים דאַמאָלסט די פּיעסע געגעבן; איך ווייס אָבער ניט מיט וואָס די זאַך האָט זיך צווישן זיי פאַרענדיגט. איך ווייס נאָר דאָס, אַז אויפן סצענע איז די פּיעסע קיינמאָל ער־געץ ניט אויפגעפירט געוואָרן.

פון דעם דאָזיגן באַזוך איז ביי מיר פאַרבליבן אין עראינערונג אַן עפּי־זאָד, וועלכער איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּערזענליכקייט פונם ערשטן יידישן דראַמאַטורג.

ווי מיר זיצן אַזוי און טרינקען טיי האָט זיך געעפנט די טיר, און אין נומער איז אַריין אַ פּוילישער ייד פון אַ יאָר עטליכע און פערציג אַלט, לויט זיין קליין היטעלע מיט דער שמאָלער דענקע, קענטיג אַ חסיד. ווי גאָלדפאַדן האָט אים דערזעהן, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און געפרעגט אין אַ ברוגז׳דיגן טאָן:

— וואָס, שוין ווייטער?

— ניין, ניין, פּאַניע גאָלדפאַדן — האָט אים אויף דעם דער יידל געענט־פערט — ניט אומזיסט, ניט אומזיסט, כ׳האָב אייך געבראַכט.

דערביי האָט דער יידל אַרויסגענומען פון אונטערן מאַנטל אַ שטיקל סאַמעט, פון אַ צוויי אַרשין אַן ערך, מיט רויט געשפּריצטע פּינטלאַך, האָט דאָס דערלאַנגט גאָלדפאַדענען און געזאָגט:

— אָט האָט איר אויף אַ זשילעט; פאַרניצט עס געזונטערהייד!

— אָט אַזוי פאַרשטיי איך! — האָט גאָלדפאַדן אויסגערופן מיט גרויס צו־פרידנהייט; — זעצט זיך אַקאָרשט אַוועק, גיסט אייך אָן אַ גלאָז טיי און טרינקט; איר וועט דאָך, מסתמא, פאַר איין גאַנג נעמען אַ מאָס אויך?

— פאַרוואָס ניט? מהיכא תיתי! — האָט דער יידל געזאָגט — אַבי נאָר האָבן די זכיה.

ניט איך און ניט צונזער האָבן דאַן געוואוסט, ווער דער יידל איז און אום וואָס דאָ האַנדלט זיך. פון אָנפאַנג האָט אונז געוועסט אויסגעוויזן, אַז דאָס זאָל זיין אַ מאַנופאַקטור־קרעמער; דערנאָך האָבן מיר אָבער געזעהן, אַז דאָס איז אַ ייד אַ שניידער. קיין באַזונדערן אינטערעס האָבן מיר אָבער ביידע אין דעם דאָזיגן שמועס ניט געהאַט, און ווי מ׳זאָגט: ס׳איז אונז אין איין אויער אַריין און פון דעם אַנדערן אַרויס.

טרעפנדיג זיך אין עטליכע טעג ארום מיט דינעזאָנען רופט ער זיך צו מיר אָפּ:

— ווי איז אַייך געפעלן געוועזן די סצענע צווישן גאָלדפאַדענען מיטן שניידער?

כ׳האָב מיך שוין פאַרגעסן וועגן דער גאנצער זאַך, און האָב זעריבער דינעזאָנען ניט גלייך געענטפערט.

— איר געדענקט שוין ניט דעם יידל, וואָס האָט געבראַכט גאָלדפאַדע־נען דעם שטיקל סאַמעט?—האָט מיך דינעזאָן געפרעגט.

— יאָ, יאָ, כ׳געדענק—האָב איך מיר דערמאָנט—נו, מילא, איז וואָס איז דאָ דער מער?

— די מעשה איז ניט אַזוי גלאַט און ניט אזוי געוויינליך ווי איר מיינט—האָט דינעזאָן געזאָגט—; דאָס איז אַ מעשה, וואָס האָט אויף מיר גע־מאַכט דעם ערגסטן רושם, וואָס איר קענט זיך נאָר פאָרשטעלן.

— מיט וואָס? וואָס איז דאָ אַזוי געשעהן?—האָב איך מיך געוואונדערט. דאָ האָט מיר דינעזאָן דערציילט פאָלגנדעס:

— דער דאָזיגער שניידער, איז, ווי איר זעט אים אָן, אַ גרויסער מעלאָ־מאַן; פאַר דעם יידישן טעאַטער וואָלט ער אַייך אַוועקגעגעבן דאָס לעבן. זינט עס שפּילט דאָ אין ווארשע די יידישע טרופּע, איז ניטאָ אַ נאַכט, וואָס ער זאָל דורכלאָזן און ניט זיין אין עלדאָראַדאָ. בשעת יעדער ספּעקטאַקל ציט זיך עפּעס אויף אים אָן ווי אַ נייע הויט, בעת מ׳שפּילט איז ער תמיד מלא התפעלות; אַפּלאָדירט ביז עס ווערן אים געשוואָלן די הענט און שרייט „ביס!״ ביז צום הייזעריג ווערן, איז אויפגעקנעפּלט מיט די אַקטיאָרן און מיט די אַקטריסעס; צווישן איין אַקט מיט דעם צווייטן לויפט ער אַרויף הינטער די קוליסן, און ברענגט זיי יעדעס מאָל אָן פון כל־טוב. פון דעם אָוונט אָן, וואָס ער האָט דערזעהן אין טעאַטער דעם מחבר פון די ספּעקטאַקלען, גאָלדפאַדענען, האָט ער ניט געקענט רוהען ניט אַנדערש, אַז ער מוז זיך מיט אים באַקאָנען; אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט וויסן, וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ מין ייד, וואָס קען מאַכן אַלעמען לאַכנדיג אָדער וויינענדיג. איינמאָל, בעת כ׳בין מיר אַזוי געזעסן און געשמועסט מיט גאָלדפאַדענען ביי אים אין האָטעל, ערשט דער יידל גייט אַריין און ניט אויסרייד נדיג אַ וואָרט שטעלט ער זיך אַוועק ביים טיר. אַז גאָלדפאַדן האָט אים אַ פרעג געטאָן: וואָס פאַרלאַנגט איר, ר׳ ייד? האָט ער אים געענטפערט: כ׳בין אַהער געקומען, ווייל כ׳וויל האָבן די זכיה

אייך אָנצוקוקן. ווי גאָלדפאַדן האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך געגעבן א שטעל פון אָרט און אויסגעשריען מיט כעס: אַזוי, אָנקוקן מיר זייט איר אַהער געקומען? אַ וואונדער בין איך ביי אייך? מיך קוקט מען ניט אָן אומזיסט!... דער יידל איז ווי צומישט געוואָרן און באַלד געכאַפּט און געמאַכט פּליטה. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט איינהאַלטן און איז דאָך געקומען אָנקוקן גאָלד־פאַדענען, און אָנשטאָט אָנקוק־געלט האָט ער אים געבראַכט די שטיקל סאַמעט, און דאָס האָט איר דאָך שוין געזעהן, אַז לא די, וואָס גאָלדפאַדן האָט זיך בייס שניידער גאַנץ קאַלט צוגענומען די סאַמעט, האָט ער נאָך אים פאָרגע־לייגט, ער זאָל אים נעמען א מאָס, דאָס הייסט, אַז ער זאָל אים נאָך אַליין אויפנייען די זשילעט אָן געלט, און אַלץ נאָר פאַר דער איין זכיה אָנצו־קוקן אים...

בעת דינעזאָן האָט מיר איבערגעגעבן דעם פאַקט, איז ער געווען זעהר אויפגערעגט. „דוקא ווייל איך בין גאָלדפאַדנס אַ גרויסער חסיד, קען איך אים דעריבער אַזאַ זאַך ניט מוחל זיין". אַזוי האָט מיר דינעזאָן דאַמאָלסט געזאָגט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום, אַז כ'בין געקומען קיין מינסק, און האָב דאָס ביי אַ געלעגנהייט דערציילט אליקומ'ען, האָט ער זיך אָפּגערופן קאַלט:

— איך האַלט דאָס גאָר ניט פאַר אַזאַ עולה; איך בין אַ פּאָעט, און דו קומסט און ווילסט הנאה האָבן פון מיין פנים, טאַ—ר' יעקב משלם! מיט געלט צי מיט שוה־כסף,—דאָ איז שוין ניט קיין נפקה־מינה...

.IV

דער וואוקס פון צונזערס פּאָפּולאַריטעט.—דאָס מאַכט אים ביי זיך גרויס.—ער הויבט אָן אויסצוזייכן דעם קרייזל.—ער וויל מ'זאָל פייערן זיין 25־יעריגן יו־בילעי.—ווי איך מיטן נפכ'ן אָרדענען אים אַין אַ יובילעי.—עס פאַלט מיר אַריין אין האַנט זיין גראַמען־ביכל.—דער שלעכטער איינדרוק, וואָס דאָס מאַכט אויף מיר.—די פייערונג פון אליקומס יובילעי.—אליקום וויל מיר ניט מוחל זיין.—אַ קאַמף צווישן העבראעאיזם און יידישיזם מיט עטליכע און דרייסיג יאָר צו־ריק.—דער נצחון פון יידישיזם.—אליקום פּאַרלאָזט רוסלאַנד.—פאַרוואָס ער טוט דאָס.—זיינע ערשטע לידער אין אַמעריקע.—נייע מענשן—נייע שמועסן, נייע שמועסן—נייע לידער...

פון צייט צו צייט איז געוואָרן צונזער אַלץ מער פּאָפּולערער. ניט בלויז חובבי־ציון, נאָר אויך פאַרשיידענע וואוילטעטיגע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס פון אַזעלכע גרויסע שטעט ווי קאָוונע, ריגע, ליבאַווע און אַנדערע האָבן אים אָנגעהויבן איינצולאַדן צו זיך אויף געזאַנג־אָוונטן. אין יעדער אָרט איז ער אַרויסגעטראָטן מיט זיינע ציונאַדן, און אומעטום האָט ער געהאַט גרויס ער־פאָלג. אין אייניגע שטעט האָט מען אים אויסער זיין גרויסן האָנאָראַר אויך

אויך אונטערגעטראָגן באַגריסונגס=אַדרעסן, אין וועלכע ער איז געוואָרן גע=קרוינט פון אַנדערע אַלס „פאָלקס=דיכטער" און פון אַנדערע אַלס „נאַציאָנאַלער משורר", און אויך מתנות פון פאַרשיידענע ווערט=זאַכן צום אָנדענקען פון זיינע פאַרערער.

דער דאָזיגער וואוקס פון זיין פּאָפּולאַריטעט האָט תיכּף אָנגעהויבן צו הזיקן אויף זיין באַציהונג צו זיך אַליין. די תהלות ותשבחות, וואָס דער עולם האָט אויף אים געשאָטן, האָבן אים אַביסל פאַרדרייט דעם מח, פאַרשכור׳ט. ער איז געוואָרן ביי זיך האָפּערדיג, שטאָלץ און גרויס אין זיינע אויגן. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער אויף פיל פאַרגרעסערט זיין בדחנות=האָנאָראַר. אויף חתונות פון פאַרמעגליכע בעלי=בתים האָט ער שוין אויפגעהערט לגמרי צו פאָרן; אַן אויסנאַם האָט ער געמאַכט נאָר פאַר גאַנץ רייכע. צונויפקומענדיג זיך אין קרייזל איז שוין ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען צו פּועל׳ן ביי אים ער זאָל עפּעס זינגען; ער האָט זיך שוין אויך אָנגעפאַנגען אַרויסצומאַכן פון אָנטייל צו נעמען אין די פאָלקס=פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די מינסקער חובבי=ציון. תמיד פלעגט ער שוין אויף דעם אויסגעפינען פאַרשיידענע תירוצים און אויסריידעניש.

מיר האָבן באַמערקט, אַז דער עיקר גייט דאָ ביי אים נאָר אום כבוד, און אַז זיין אייגן=ליבע געפינט זיך עפּעס אַביסל אומבאַפרידיגט פון אונזערע קרייזל=לייט. קלאָר געוואָרן איז דאָס אונז דורך אַ פּראַזע, וועלכע ער האָט אגב=אורחא דורכגעוואָרפן צווישן די ציינער אין אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט איינעם פון קרייזל. די פּראַזע איז באַשטאַנען אין די פאָלגנדע ווערטער: „היינטיגן פאַר פּסח (דאָס איז געווען אין 1836=טן יאָר) ווערט 25 יאָר זינט כ׳האָב אָנגעהויבן צו שרייבן מיינע לידער". מיר האָבן תיכּף פאַר=שטאַנען, אַז דאָס איז פון זיין זייט אַן אָנצוהערעניש, דאָס ער פאַרלאַנגט מיר זאָלן פייערן זיין יובילייִ. מיר האָבן זיך וועגן דעם מישב געווען און ס׳איז ביי אונז געבליבן ניט איינצורייסן מיט אים און ממלא צו זיין זיין רצון.

איך מיט נפכ׳ן האָבן זיך תיכּף אַוועקגעזעצט און פונאַנדערגעשיקט פּאָסט=קאַרטלאַך אין די גרעסטע צענטערס פון דער הבת=ציון=באַוועגונג, אין וועלכע מיר האָבן מודיע געווען, אַז אָנערקענענדיג די זעהר גרויסע פאַרדינסטן, וואָס צונזער האָט פאַר אונזער געדאַנק, האָבן מיר באַשלאָסן צו פּייִערן דעם קומענ=דיגן חול=המועד פּסח זיין פינף=און=צוואַנציג=יאָריגן ליטעראַרישן יובילייִ, און בכן לייגן מיר זיי פאָר אָפּצורופן זיך אויף דער דאָזיגער געשעהעניש מיט באַגריי=סונגען דורך טעלעגראַמעס אָדער בריוו.

דערווייל האָט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט מיר געוועסט איינגאַנצן קאַלט געמאַכט צום ענין פון אליקומס יובילייִ. אין אַ געוויסן טאָג בין איך אַרויפגע=געאַנגען צו אליקום׳ען אויפן קוואַרטיר דורכצורעדן זיך מיט אים טאַקע וועגן זיין יובילייִ. כ׳האָב אים דאַן ניט געפונען אין דער היים, און בין געבליבן וואַרטן. זיינער אַ קליין יינגל, וועלכער האָט מיך גוט געקענט, איז צו מיר

צוגעגאַנגען און האָט מיר געגעבן די האַנט, האַלטנדיג בשעת־מעשה אין דער צווייטער האַנט אַ קליין געשריבן ביכעלע. צופעליג האָב איך ביי אים גענומען דאָס ביכעלע און האָב אין אים אַריינגעקוקט. ערשט כ'האָב דערזעהן, דאָס עס אַנטהאַלט לאַנגע רשימות פון ווערטער, וועלכע עס גראַמען זיך איינער מיט דעם אַנדערן, ווי, למשל: בטחון—צוקראָכ'ן—צובראָכן—,אָנדערוואָכן, אָדער: גאָרטן—סאָרטן—דאָרטן א. א. וו. אין יענער מינוט איז אליקום אַראָפּגעפאַלן אין מיינע אויגן מיט צעהן שטאַפּלען טיפער ווי געווען. כ'האָב תמיד געצווייפלט אין זיין „קונסט" און געהאַלטן אים מער ניט ווי פאַר אַ גראַמען־מאַכער; אָבער איך האָב ניט דערוואַרט, אַז די גראַמען זיינען ביי אים פאַרצייכנטע און איינ־געחזר'טע. דאַמאָלסט איז מיר אויך אַנטפּלעקט געוואָרן דער סוד פון זיין פלינ־קער פערזן־מאַכעריי, וועלכע כ'האָב דערמאָנט אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלאַך. און אַזעלכן קלייבן מיר זיך דאָס צו צו פייערן אַלס דיכטער? וועט דאָס ניט זיין קיין חלול־הקודש, קיין פּראָפאַנאַציע קעגן דער ווירקליכער, אמת'ער קונסט?—אַזאַ געדאַנקען איז מיר דענסטמאָל אַרויף אויפן זין. כ'האָב איבערגעגעבן דעם פאַקט אייניגע פון אונזערע באַקאַנטע, און האָב דערביי געפּרובט זאָגן, פיליכט איז אַ סברה, אַז מיר זאָלן זיך גאָר אָפּזאָגן פון יובילייי. יענע זיינען אָבער מיט מיר ניט איינשטימיג געווען און האָבן איינגעפונען, אַז צום יובילייי האָט דאָס ניט, ווייל סוף־סוף זעט מען דאָך באַשיינפערליך דעם גרויסן נוצן, וואָס ער ברענגט אונזער אידייע מיט זיינע לידער. כ'האָב מיך דאַן געמוזט אונטערגעבן דעם רוב.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך ביי אַ געוויסער געלעגנהייט אַ פרעג געטאָן אליקום'ען, צי ס'איז אמת וואָס מ'זאָגט, אַז עס זיינען דאָ אַזוינע משוררים, וועלכע האָבן ביי זיך פאַרטיגע, פאַרנאָטירטע רייסטערס מיט אַלערליי גראַמען?

אויף דעם האָט מיר אליקום געענטפערט:

— גאַנץ געוויס, אַ משורר קען גאָר אָן אַזאַ רייסטער ניט אויסקומען.

כ'האָב מיט אים ניט געוואָלט אַריינגיין אין דיספוטן און אויפווייזן אים ווי ניט ריכטיג און ווי לעכערליך דאָס איז. איך האָב אים נאָר געפרעגט:

— קענט איר מיר, אויף טשיקאַוועס, אָנווייזן כאָטש אויף איינעם פון אונזערע משוררים, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט אַזאַ רייסטער?

— אָך, איך ווייז אייך שוין אָן. אָט נעמט, למשל, דעם העבּרעאישן משורר ד"ר י צ ח ק ק אַ מ י נ ע ר. כ'האָב ביי אים אַליין געזעהן אַ גאַנצע העפט פאַרשריבן מיט העבּרעאישע גראַמען ווי: שָׁם, עָם, כָּם, רָם און אַזוי ווי־טער און ווייטער.

איך קער מיך אום צו אליקום'ס יובילייי.

אונזער פאָרשלאָג איז אומעטום אָנגענומען געוואָרן. אין דעם טאָג פון יובילייי זיינען אָנגעקומען באַגריסונגס־טעלעגראַמעס פון ו ו י ל נ ע (מיט די אונ־טערשריפטן פון שמואל יוסף פין, לעוואַנדע און י"ל גאָלדבערג), פון וו אַ ר ש ע

Ex bibl. univ. Tart.

(שפ״ר, יאַסינאָווסקי, פרידבערג, דינעזאָן, אליעזר קאַפּלאַן און אַ.), פון מאָסקווע (ק. ז. וויסאָצקי, ד״ר טשלענאָוו, מאיר פינעס א. אַ.), פון אָדעס (ליליענבלום, פראַנקפעלד א. א.), און אויך פון קאָוונע און פון ריגע און פון נאָך אַנדערע שטעט. אַ באַגריסונגס=בריוו איז געווען נאָר איינער: פון דוד גאָרדאָן, דער רעדאַקטאָר פון „המגיד“. אַ באַזונדער איינדרוק האָט געמאַכט די ווילנער דעפּעשע, וועלכע האָט זיך פאַרענדיגט אין העברעאיש פערעפראַזירנדיג די באַקאַנטע פראַזע פון ר׳ יהודה הלוי: „עת נחלום שיבת שבותנו, כנור אתה לשירינו“*).

די פייערונג איז פאָרגעקומען ביי אליקום׳ען גופא. געעפנט דעם אָוונט האָט דער פּאָרזיצער פון די מינסקער חובבי=ציון, דער ראַבינער אברהם חנה׳ליש, וועלכער האָט באַגריסט דעם יובילאַר מיט זעהר וואַרימע ווער=טער. דערנאָך האָבן גערעדט נאָך דער ריי כמעט אַלע חברים פון קרייזל. אליקום איז געווען גערירט ביז טרערן. זיין שעה׳איגע תשובה=רעדע האָט ער געהאַלטן אין לייכטע, געלויפיגע גראַמען, און גאַנץ עפעקט=פול האָט ער פאַר=ענדיגט מיט דער שבועה: „אם אשכחך ירושלים“ א. אַ. וו.

אויף מאָרגן באַגעגנט ער מיך אין גאַס און פרעגט מיר:

— נו, איר האָט שוין אָנגעשריבן?

— וואָס אָנגעשריבן?

— די קאָרעספּאָנדענציע אין „מליץ“.

— וועלכע קאָרעספּאָנדענציע מיינט איר? און וועגן וואָס?

— וועגן מיין נעכטיגן יובילײ.

— כ׳האָב נ י ט געשריבן.

— מסתמא וועט איר נאָך שרייבן, ווי עפּעס אַנדערש?

איך האָב וועגן זיין יובילײ ערגעץ נ י ט געשריבן, און ער האָט מיר ד אָ ס קיינמאָל ניט געקענט מוחל זיין.

פון יעמאָלט אָן איז ביי מיר דער עצם ענין פד יובילייען פיל וואָכעדי=נער געוואָרן, און צו די צייטונגס=ידיעות וועגן געוויסע יובילאַרן האָב איך מיך אָנגעהויבן צו באַציהען מיט אַ געוויסן חשד...

און נאָך אַ לעצטן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פון מיינע זכרונות וועגן אליקום צונזער וויל איך דאָ איבערגעבן.

עמיצער (איך געדענק שוין היינט ניט ווער) פון די חברים האָט אין אַ געוויסן טאָג אַריינגעפירט אין אונזער קרייזל איינעם זעהר אַן אינטעליגענטן יונגענמאַן, וועלכער האָט פריער אַ לאַנגע צייט געוואוינט אין טיף=רוסלאַנד און איז אָקאָרשט=וואָס געקומען קיין מינסק, וואו ער האָט באַקומען אַ שטעל אויף דער ליבאַווע=ראָמנער אייזנבאַן. דער דאָזיגער יונגערמאַן, אַ פּאַרקאָכטער

*) „בעת מיר חלומ׳ען דעם חלום פון אונזער ערלייזונג, זייט איר די פידל פאַר אונ=זערע לידער“.

אַסימילאַטאָר לויט זיינע אידייען, איז געווען ווייט פון יידן און פון יידישקייט; האָט גערעדט נאָר רוסיש, און יידיש האָט ער כמעט ווי ניט פאַרשטאַנען. אונזער קרייזל האָט אָבער אויף אים געהאַט אַזאַ השפּעה, דאָס אין אַ קורצער צייט, בערך, איז ער געוואָרן אַ הייסער נאַציאָנאַלער ייד און אַן איבערגעבע־נער חובב־ציון; ער האָט זיך געמאַטערט און אָנגעהויבן צו רעדן יידיש, און איז געוואָרן אַ חסיד פון אליקומס לידער. האָט זיך געדאַרפט מאַכן, אַז דעם יונגענמאַנס פרוי, וועלכע איז געווען אַן אויסטערלישע שיינהייט און הויך גע־בילדעט, דערצו נאָך אַ גרויסע כלל־טוערקע, איז קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס און איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזן דריי קליינע עלנדע יתומים. אין שטאָט האָט איר טויט געמאַכט אַ גוואַלדיגן רושם, און כמעט אין יעדער הויז האָט מען וועגן דעם גערעדט מיט גרויס מיטלייד און באַדויערן. דער מאַן, וועלכער האָט דער פרוי הייס געליבט, איז שיר פון גרויס עגמת־נפש ניט אַראָפּ פון זינען. ער האָט זיך דערוווייטערט פון לייטן, און ניט אָנגענומען קיין שום טרייסט. אַ גאַנץ היבשע צייט האָט אים קיינער פון אונז אין די אויגן ניט אָנ־געזעהן. מיר האָבן נאָר געהערט, אַז ער האָט געבעטן פון דער באַן־פאַרוואַלטונג אַן אורלויב, און איז ערגעץ־וואו אָפּגעפאָרן מיט די קינדער; וואוהין — האָבן מיר ניט געוואוסט. אין דריי חדשים אַרום, בערך, האָט זיך דער יונגערמאַן צוריק־געקערט קיין מינסק. אויפן צווייטן טאָג איז ער אַריין צו אליקומען און האָט אים געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער האָט באַשלאָסן צו שטעלן שוין זיין פאַרשטאָרבע־נער פרוי אַ מצבה, וואָלט ער פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל אים אויפשרייבן דעם נוסח; קיין אַנדערן וויל ער דאָס ניט איבערגעבן, ווייל ער האַלט, אַז אויסער אים, אליקומען, וועט גאָר קיינער ניט זיין ביכלת אָפּצושילדערן אין ווערטער דעם גרויסן בראָך. „כ'וואָלט זעהר געוואָלט — אַזוי האָט פאַרענדיגט דער יונגערמאַן — אַז די מצבה זאָל מאַכן דעם איינדרוק ווי איך שטיי און רייד דאָס מיט מיין פרוי און גיס פאַר איר אויס מיין ביטער האַרץ. יעדער טאָג וויל איך צו איר אויפן קבר גיין, אָנשפאַרן זיך אויפן שטיין און איבער־חזר'ן פאַר איר אייערע הייסע ווערטער"...

אליקום האָט אָן דעם פאַרשטאַנען, אַז דער יונגערמאַן מיינט, דאָס מ'שרייבט נוסחאות פון מצבות אין יידיש, און ער האָט צו אים געזאָגט:

— מצבות שרייבט מען ביי אונז נאָר אין העבּרעאיש, און די שפּראַך איז דאָך אייך פרעמד.

— איז דען אויף דעם דאָ אַ געזעץ, אַז מצבות מוז מען שרייבן נאָר אין העבּרעאיש? — האָט דער יונגערמאַן געפרעגט פאַרוואונדערט — און פאַרוואָס זאָל מען דאָס עפּעס ניט טאָרן אין יידיש? ווי איז, אַז איך פאַרשטיי ניט קיין העבּרעאיש, צי דעריבער דאַרף איך שוין ניט האָבן די מעגליכקייט איבערצו־לייענען קיין מצבה?

— אייגנטל'יך זייט איר אפילו גערעכט — האָט אים אליקום געענט־פערט; — ווי איך ווייס איז אויף דעם קיין דין ניטאָ, גאָר ס'איז שוין אַזאַ איינ־

געפירטער מנהג פון אַלטע צייטן. איך האָב נאָך אויף מײַן לעבן קיין מצבה געשריבן אין יידיש אויף קיין בית־עלמין ניט געזעהן.

דער יונגער אלמן האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזן אליקומען און האָט זיך, ממש, אויף אים אָנגעזעצט ניט אַנדערש, אַז ער מוז פאַר אים אָנשרייבן אַ יידישן נוסח. נעמענדיג אין אַכט זײַן גרויסן אומגעוויינליכן אומגליק מעג מען פאַר אים מאַכן אַן אויסנאַם, און ברעכן דעם מנהג.

— ווייסט איר וואָס (ג׳וועל אייך זאָגן — האָט זיך אָפּגערופן אליקום — ; מיר האָבן דאָ בײַ אונז אין מינסק אַ יידן, וואָס שרײַבט די העברעאישע נוסחאות כמעט צו אַלע מצבות; דאָס איז אַ ייד אַן אָרטאָדאָקס, אָבער אויך אַ גרויסער משכּיל און אַ העברעאישער משורר, און דערצו נאָך אונזערער אַ חובב־ציון. ער הייסט ר׳ נפתּלי משכּיל־לאיתן. אָט מיט אים וועל איך מיך וועגן אייער ענין מישב זײַן, און עס קען זײַן, אַז מיר וועלן געפינען אַ וועג ווי דורכצושמוגלען די יידישע מצבה.

אויף מאָרגן האָט זיך אליקום געזעהן מיט נפתּלי משכּיל־לאיתן, וועלכער האָט אויך אײַנגעפּונען, אַז ס׳איז עפּעס ניט אַזוי פּאַסיג משנה צו זײַן אַן אַלטן מנהג. דערבײַ האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אויף זײַן לעבן אָנגעזעהן בית־עלמין׳ס אין פאַרשיידענע שטעט, און ערגעץ האָט ער ניט באַגעגנט קיין מצבה מיט אַ יידישן נוסח. צום סוף האָט משכּיל־לאיתן געגעבן אַן עצה איבערצורעדן וועגן דעם מיט די גבּאים פון חברה־קדישא, ווײַל דאָס ווענדט זיך נאָר אָן זיי; זיי דאַרפן נאָר געבן זייער הסכּמה אַוועקצושטעלן די יידישע מצבה אויפן בית־עולם.

די גבּאים פון חברה־קדישא האָבן פריהער וועגן דעם ניט געוואָלט זעהן און הערן. זיי האָבן געטענה׳ט מיט איין קול, אַז אַ יידישער נוסח אויף אַ מצבה איז אַ זאַך, פון וועלכער אונזערע אבות־אבותינו האָבן ניט געוואוסט, און דאָס וועט ממש זײַן אַ חלול־הכּבוד פאַר די מתים. אײנער פון די גבּאים האָט געטענה׳ט, אַז אַ בית־עלמין רופט מען בײַ יידן „הייליגער אָרט״, און דעריבער מוז מען זיך דאָרטן באַנוצן נאָר מיט „לשון הקדש״. ס׳איז אויך גע־ווען אַזעלכער, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די העברעאישע מצבות וועלן אַמאָל קענען דינען דעם היסטאָריקער אַלס באַדייטנדער מאַטעריאַל; יידיש וועט שוין אָבער לאַנג ניט עקסעסטירן, וואָרים זי וועט געוויס פאַרשלונ־גען ווערן פון דער רוסישער שפּראַך. בקיצור: גאַנץ חברה־קדישא האָט זיך אײַנגעעקש׳נט און האָט בשום אופן ניט מסכּים געווען לאָזן אַוועקשטעלן אויפן בית־עלמין אַ מצבה מיט אַ יידישן טעקסט. דער יונגערמאַן האָט אָבער אַרײַנגע־נומען די זאַך אין מח אַלס אַ מין „אידייע פיקס״, און האָט זיך אויף קיין פאַל פון איר ניט געוואָלט מיאש זײַן. ער האָט ניט גערוט און האָט אויסגעזוכט אַלערליי מיטלען און וועגן און פּראָטעקציעס ביז אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו פּועל׳ן, אַז זײַן וואונש זאָל דערפילט ווערן אַלס יוצא מן הכּלל און מ׳זאָל אים ערלויבן אַוועקשטעלן אויף זײַן פרוי׳ס קבר אַ מצבה מיט אַ יידישן נוסח.

דער יונגערמאַן האָט תיכף אָנגעזאָגט די בשורה אליקומ׳ען, וועלכער האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבן דעם פּאַרלאַנגטן יידישן נוסח, און, געוויינליך, מיט דעם נאָמען פון דער פאַרשטאָרבענער בראשי החרוזים. אין צוואַנציג, אַן ערך, טיפדורכגעפילטע שורות האָט אליקום אָפּגע־שילדערט אין זעהר בולטע שטריכן די פיזישע און גייסטיגע גרויסקייט פון דער יונג פאַרשטאָרבענער פרוי, די גרויס פונם פאַמיליען־אומגליק, דאָס עלנד פון די דריי קליינע יתומים׳לאַך און דאָס אויף אייביג צורואינירטע, צובראָ־כענע לעבן פון איר מאַן. זייענדיג בכלל אַ מייסטער אויף צוצוקלייבן די געדיכט־סטע פאַרבן — וואָס ס׳האָט תמיד נאָר קאַליע געמאַכט דעם עפעקט פון זיינע ביל־דער — האָט דאָס אים דעם מאָל געהאָלפן, פאַרקערט, פיל שטאַרקער צו מאַכן דעם איינדרוק. בעת מ׳האָט אַוועקגעשטעלט די מצבה מיט אליקומ׳ס טעקסט אויפן בית־עולם, איז גאַנץ מינסק געלאָפן אויף חדושים אָנקוקן די דאָזיגע נאָך קיינמאָל ניט געזעהענע נייס, און לייענענדיג די ווערטער האָט דער עולם, און באַזונדערס די פרויען, פאַרגאָסן לעבן איר ימ׳ען ביטערע טרערן. נאָך אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט ניט געטראָפן אַ פאַל, אַז עמיצער זאָל באַ־זוכן דעם בית־עלמין און זאָל זיך ניט אָפּשטעלן לעבן יענער מצבה, און ניט אַוועקגיין פון איר מיט אַ צובראָכן האַרץ. אָט אַזוי האָט דער יידישיזם מיט עטליכע און דרייסיג יאָר צוריק אָפּגעהאַלטן זיין ערשטן נצחון אויפן מינסקער בית־עלמין...

* * *

ביסלאַכווייז האָט אליקומ׳ען אָנגעהויבן צו דערעסן די בדחנות, און צום סוף איז זי אים אינגאַנצן מיאוס געוואָרן, און ער האָט באַשלאָסן אַוועקצו־וואַרפן זיין פּראָפעסיע. ער האָט זיך געוועסט גענומען צו מסחר. האָבנדיג אַ קליינעם קאַפּיטאַל האָט ער זיך צוגעקליבן אַ שותף, אוןביידע האָבן זיי גע־עפנט אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. ווייל אליקומען אַליין איז דער דאָזיגער פאַך געווען פרעמד, און ער האָט זיך אין אַלץ געדאַרפט פאַרלאָזן אויפן שותף, וועלכער איז גראָד געווען אַ מענש ניט קיין ראַיעלער, איז דאָס געשעפט פון דער ערשטער מינוט אָן אַוועק ניט גוט, און וואָס ווייטער אַלץ ערגער און ערגער, ביז ער האָט פון עסק לגמרי אָפּגעשניטן פאַרלירנדיג דערביי כמעט זיין גאַנצן קאַפּיטאַל. נעמען זיך צוריק צו בדחנות, — האָט ער שוין ניט געוואָלט, און האָט אָנגעהויבן אַרומצופאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט און איינצוואָרדע־נען דאָרטן פאַר זיך קאָנצערטן מיט דער הילף פון געוויסע אַנטרעפּרעניאָרן. ער איז אָבער לאַנג ניט אַרומגעפאָרן. סוף ווינטער 1889 האָט ער מודיע גע־ווען זיינע פריינד און באַקאַנטע, אַז ער האָט ביי זיך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און אויסצוואַנדערן קיין אַמעריקע, און אויף מאָרגן נאָך פסח האָט ער דאָס אויך מקיים געווען בפועל.

וועגן די סבות, וועלכע האָבן גורם געווען צו זיין אַרויסוואַנדערונג, כמעט שוין אויף דער עלטער, קיין אַמעריקע, זיינען דאַמאָלס אומגעגאַנגען אין מינסק פאַרשיידענע ווערסיעס. ער, אליקום אַליין, האָט איטליכן אַריינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז די רוסישע מאַכט האָט זיך דערוואוסט דורך אירע שפּיאָנעס, אַז אין זיינע ציונאַזן, מיט וועלכע ער טרעט אַרויס פאַרן עולם, באַשולדיגט ער דער רעגירונג אין די יידישע פּאָגראָמען, און דער מינסקער גובערנאַטאָר, פירשט טרובעצקאָי, האָט באַקומען אַן אויפטראָג פון פעטערבורג, אַז ער זאָל אים שיקן רופן צו זיך און הייסן אים תיכף פאַרלאָזן רוסלאַנד. אַלע אליקומס ביאָגראַפן האָבן זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און איבערגעגעבן עס דער עפענטליכ-קייט אַלס אַ געוויסן פאַקט. אין מינסק האָט דאָס אָבער קיינער ניט געגלויבט. ס׳איז נאָך אַ סברה, אַז ס׳האָט זיך עמיצער אָפּגעפונען, וועלכער האָט וועגן דעם געמאַכט אַ חקירה ודרישה וואו מען באַדאַרף, און ער האָט דערגאַנגען, אַז די גאַנצע מעשה מיטן גובערנאַטאָר איז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן... זייטיקע מענשן האָבן געזאָגט, אַז זיינע קאָנצערטן האָבן אים אָנגעהויבן אַריינ-צוטראָגן ווייניג הכנסה, און ס׳האָט שוין געהאַלטן נאָהענט דערביי, אַז ער זאָל בלייבן אָן חיונה, האָט ער זיך דעריבער אַוועקגעלאָזן קיין אַמעריקע צו זוכן דאָרטן פרנסה; נאָך אַנדערע האָבן דאָס דערקלערט מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרזאָרגן קינדער (ער האָט זיי געהאַט אַ גאַנצן צענדליג). דעם אמת׳ן, ריכטיגן טעם האָט אָבער קיינער ניט געוואוסט.

אין אַמעריקע האָט צונזער די ערשטע פּאָר יאָר גאָרנישט געשאַפן, און ער איז אַרומגעפאָרן איבער די שטעט מיט זיין פעקל ציונאַדן, וועלכע האָבן ביים דאָרטיגן עולם אויך שטאַרק אויסגענומען. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן לידער אויף טעמעס גענומען פון׳ם אַמעריקאַנער לעבן. קודם-כל האָט ער באַזונגען קאָלומבוסן און וואַשינגטאָנען; דערנאָך האָט ער שוין באַ-דויערט און באַוויינט די אַרבעטער אין די שוויץ-הייזער, און איז שוין אויף דעם געבליבן שטיין. און ווי אַמאָל אַזוי איז אויך איצטער גאַנץ לייכט געווען צו דערקענען, אַז דאָס זיינען נאָר געווען: „אין אויער אַריינגעטרומייטערטע פּרעמדע שמועסן מיט אייגענע גראַמען"...

יעקב דינעזאָן.

(נעבאָרן—1856; געשטאָרבן—1919).

אין די מיטעלע 70=ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט איז יעקב דינעזאָן געווען דער פּאָפּולערסטער יידישער שריפטשטעלער. זיין ערשטער ראָמאַן „הנאהבים והנעימים", אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק, איז געוואָרן אַ טיש=בוך כמעט אין יעדער יידיש הויז. אָבער אין אַ יאָר דריי, פיר אַרום, בשעת שמ״ר, בוכבינדער און אַנדערע זייער גלייכן האָבן זיך גענומען פאַר=פלייצן די יידישע גאַס מיט זייערע שונד=ראָמאַנען, האָט דינעזאָן אָנגעהויבן צו פאַרלירן ביסלאַכווייס זיין פּאָפּולאַריטעט, ביז ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי, דאָס זיין נאָמען זאָל אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן.

אָנפאַנג די 90=ער יאָרן איז דינעזאָנס נאָמען ווידער אַרויפגעשוואומען אין דער יידישער עפנטליכקייט, אָבער דעם מאָל שוין ניט אַזוי צוליב זיך אַליין, ווי צוליב פּרץ׳ן, זיין אינטימסטן פריינד. פון דאַמאָלסט אָן האָט מען שוין ניט גערעדט וועגן דינעזאָנען אָן און פאַר זיך, נאָר וועגן דינעזאָנען דעם נאָהענסטן פריינד פון פּרצ׳ן. פּרץ איז געוואָרן די זון, און דינעזאָן זיין באַגלייט=שטערן...

אויך איצטער, נאָך דינעזאָנס טויט האָט מען אין דעם צענטער פון אַלע ביז אַהער פאַרעפנטליכע נעקראָלאָגן און עראינערונגס=אַרטיקלען אַוועקגע=שטעלט פּרצ׳ן. איטליכער, וואָס האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן און צו דערציילן וועגן דינעזאָנען, האָט קאָנצענטרירט זיינע ערציילונגען אַרום דער פּערזאָן פון פּרצ׳ן. עס געווינט זיך עפּעס דער איינדרוק, אַזוי ווי דער דינעזאָן, וואָס פאַר די 90=ער יאָרן, וואָס פאַר פּרצ׳ן, וואָלט געווען אַן אומבאַשריבענעס בלאַט פּאַפּיר, אַ מין „טאַבולאַ ראַזאַ"...

אין אמתן איז אָבער די זאַך ניט אַזוי. דינעזאָן דער מענש, ניט נעמענ=דיג אים אין חשבון אַלס ערשטן ראָמאַניסט אין דער יידישער ליטעראַטור, איז

פון תמיד אָן געווען אַן אינטערעסאַנטע פערזענליכקייט פאַר די, וואָס האָבן אים געקאָנט פון נאָהענט. איך, למשל, וואָס האָב מיך באַקאָנט מיט דינעזאָנען, פריהער דורך בריוו און נאָכדעם פערזענליך, און די לעצטע 70־ער יאָרן, גע־פין־פאַרקערט, אַז די צייט פאַר ווארשע, און אויך די ערשטע דריי, פיר יאָר נאָך זיין קומען קיין ווארשע, איז ער געווען אין כמה פּרטים פיל אינטע־רעסאַנטער, פיל אָריגינעלער און אַ סך אינדיווידועל־בולט׳ער. אַ באַזונדער רושם האָט ער דאַמאָלס געמאַכט מיט דער קאָנטראַסטישקייט פון זיין וועזן. פון איין זייט: ווייכקייט און באַהאַרציגקייט אַלס די הויפּט־שטריכן פון זיין כאַראַקטער מיט דעם שטענדיגן האָניג־זיסן שמייכל אויף די ליפּן, און פון דער אַנדער זייט — עפּעס אַן עקשנות׳דיגע איינגעשלאָסנקייט, קאָנצענטרירטקייט אין זיך, און ווי מעלאַנכאָליש געשטימט.

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז ערשט אונטער פרץ׳עס השפּעה איז דינע־זאָן געוואָרן רעדעוודיג און לעבהאַפט און אָפנהערציג. איך געדענק גאַנץ גוט דינעזאָנען בשעת ער איז נאָך געווען זעהר קאַרג אויף ווערטער, און האָט מער געהערט ווי גערעדט, אַמאָל זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײלע, און פלוצלונג אויפגעכאַפּט זיך ווי פון אַ חלום... איך עראינער מיך נאָך אַ פּרט: האָט דינעזאָן אַריבערגעכאַפּט ווען עס איז זיין געוויינליכע מאָס רעד, איז דאָס געווען נאָר בעת ער האָט מיט עמיצן פאַרפירט אַ שמועס וועגן מ אָ ה י ל ע ו ו און מ אָ ה י ל ע ו ו ע ר. מאָהילעוו איז געווען די איינציג טעמע, צו וועלכער דינעזאָן האָט זיך ליב געהאַט אומצוקערן ביי יעדער געלעגנהייט, און וועגן וועלכער ער האָט גערעדט מיט אַ באַזונדער אינטערעס און מיט גרויס חשק. ס׳איז אָן אים געווען גאַנץ לייכט צו באַמערקן, אַז ניט ער וויל און ניט ער קען פאַרגעסן מאָהילעוו, ווי אַ זאַך, וואָס איז אים אַנגעבאַקן טיף אין האַרצן... און דאָס איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען פאַר די, וואָס האָבן געוואוסט — און איך בין איינער פון יענע — אַז מאָהילעוו איז די וויגעלע און דער קבר פון דינעזאָנס צורונענע יוגנט־חלומות און פון זיינע אין רויך אַוועקגעגאַנגענע יוגנט־האָפנונגען. אין מאָהילעוו האָט דינעזאָן זעליש פיל אַריבערגעטראָגן און איבערגעלעבט, און זיינע איבערלעבענישן האָבן אין אים איבערגעלאָזן טי־פע שפּורן, וועלכע האָבן זיך ערשט גאַנץ שפּעט, און כמעט אומבאַמערקט פאַר אים אַליין, אָנגעהויבן צו פאַרגלעטן. ס׳איז אָנגעשטאַנען אַ צייט, וואָס זעהר זעלטן, ווען ניט ווען, האָט מען שוין געהערט דינעזאָנען רעדענדיג וועגן מאָהילעוו. איר אָרט, ווען אַפילו אין אַ פיל קלענערן מאַשטאַב, האָט ביי אים פון דאַמאָלס אָן פאַרנומען אַ צווייטע שטאָט, וועגן וועלכער ער האָט אויך גאַנץ אָפט ליב געהאַט צו רעדן. דאָס איז געווען — ק י ע ו ו. אויף קיעוו האָט דינעזאָן פאַרלאָזן רייך מיט איבערלעבענישן, אָבער די קיעווער איבעלע־בענישן זיינען שוין געווען גאָר פון אַן אַנדער מין, און ניט אַזוי טראַגיש ווי די מאָהילעווער. די דאָזיגע פאַרשיידענהייט פון די איבערלעבענישן האָט זיך ביי אים גאַנץ לייכט געלאָזט דערקענען אָן דעם טאָן, אין וועלכן ער האָט

וועגן זיי געדערדט; בעת אַז רעדענדיג וועגן מאָהילעוו האָט ער אַרויסגעוויזן אַן עפּישע רוהיגקייט, וועלכע איז צייטנווייס איבערגעגאַנגען אין אַ שטימונג פון פּאַטאָס, האָבן ביי אים די קיעווער איינדרוקן אַרויסגערופן אַ נערוועזע אויפגערייצטקייט און אַ שטאַרקע ערביטערונג.

איך ווייס ניט צי דינעזאָן האָט זיינע פּערזענליכע איבערלעבענישן ערגעץ־וואו ביי זיך פאַרצייכנט. זאָגן האָט ער אפילו געזאָגט, דאָס ער שרייבט זכרונות. ווי מיר דאַכט אָבער האָט ער עס ניט געטאָן, און מער ווי די ביסל ערינערונגען פון זיינע קינדערשע יאָרן, וועלכע ער האָט פאַרעפנטליכט אין „פנקס" און אין „יוד" האָט ער ניט אויפגעשריבן. ווי איך האָב געקענט דינעזאָנען, איז ער געווען פון יענעם סוג מענשן, וואָס געוויסע, באַזונדער אָפּגעצוימטע ווינקעלאַך פון זייער עבר, ווערט פון זיי באַטראַכט אַלס קדש־קדשים, וואוהין זיי האָבן ניט גערן אַריינצולאָזן אַ פרעמדן בליק. כ'בין נאָך ניט בטוח, צי האָט ער אין דעם פּרט געמאַכט אַן אויסנאַם אפילו פאַר פּרצ'ן. איך רעכן אָבער, אַז איצטער, נאָך דינעזאָנס טויט, בעת ער ווערט שוין אויס יחיד און גייט אַריין אין דער געשיכטע פון אונזער ליטעראַטור און קולטור, קען מען שוין, און ניט בלויז מ'קען, נאָר מ'דאַרף אויך אויפהויבן דעם פאָרהאַנג, וועלכער האָט ביז אַהער פאַרשטעלט פון דער וועלט דאָס, וואָס אונזער פאָלקס־שרייבער און פאָלקס־ליבלינג האָט פאַר זיין גאַנצן לעבן געטראָגן איינגעטוליעט אין דער טיפעניש פון זיין נשמה. מ'דאַרף דאָס טאָן, כדי צו געבן דעם קומעדיגן קריטיק־פּסיכאָלאָג דעם שליסל צו דער פאַרשטענדניש פון דינעזאָנען אַלס גרויסע און שטאַרקע מאָראַלישע פּערזענליכקייט, וועלכע האָט געוויס געהאַט אַ השפעה אויף דעם גאַנצן מהות און אַנטוויקלונג פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט.

אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך וועל איך איבערגעבן איינינגע מער כאַראַקטעריסטישערע עפּיזאָדן פון דינעזאָנס פּערזענליכע איבערלעבענישן. דאָס זיינען פאַקטן, וועלכע כ'האָב ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן געהערט פון פּערזאָנען, וואָס האָבן גוט געקענט דינעזאָנען פון דער יוגנט, אָדער בייגעוואוינט זיי אַליין. דערצו געפין איך אָבער פאַר נויטיג צו ברענגען דאָ פריהער עטליכע קורצע נאָטיצן פון דינעזאָנס ביאָגראַפיע.

צו צוועלף יאָר איז דינעזאָנען אָפּגעשטאָרבן זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ ייד אַ למדן, און אין די לעצטע יאָרן אַ געפאַלענער בעל־הבית. געוואוינט האָבן דאַמאָלסט זיינע עלטערן אין ניי־זאַגער (קאָוונער גובערניע), וועלכע האָט געשמ'ט פאַר אַ שטאָט פון חכמים וסופרים. דינעזאָן האָט באַקומען אַן עכט אָרטאָדאָקסישע ערציהונג. צו צוועלף יאָר איז ער שוין דורכגעגאַנגען ביי עטליכע מלמדים און האָט געקענט גוט אָפּלייענען אַ בלעטל גמרא מיט תוספות'ן. ווי דינעזאָן אַליין דערציילט אין זיינע זכרונות, האָט זיך שוין ביי אים אין יענער צייט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ חשק צום שרייבן. נאָך זיין פאָטערס טויט האָט אים גענומען צו זיך זיינער אַ פעטער פון דער מוטערס

צד,—אַייזיק עליאַשאָוו האָט ער געהייסן—וועלכער האָט געוואוינט אין מאָ=
הילעוו אויפן דניעפּער. דער דאָזיגער עליאַשאָוו איז געווען אַ ייד אַ ירא,
דאָך ניט פרעמד פון די חכמות חיצוניות, און באַזונדערס פון חשבון, און האָט
געהאַט אין שטאָט אַ שם פאַר אַן אויסגעצייכנטן מאַטעמאַטיק. די ערשטע צייט
האָט ער זיין קליינעם זעהר באַגאַבטן פלימעניקל אָפּגעגעבן אין אַ חדר צו אַ
מלמד אַ חריף, און דערנאָך האָט ער אים אַריינגעבראַכט אין דער ישיבה פון
איינעם אַ געוויסן ר' אבא, אַ גרויסער מפולפל און אַ שאַרפער מח, וואָס וואו
נאָר ס'איז געווען אין שטאָט אַ גוטער בחור, אַן עילוי, האָט ביי אים גע=
לערנט. דינעזאָן האָט זיך גערעכנט פון דעם ר' אבא'ס בעסטע תלמידים, און
פון די וואוילע מאָהילעווער בחורים בכלל, און האָט געהאַט אַ נאָמען אין די
לומדישע ספערן. אַז אים האָט אָנגעהויבן צו גיין דאָס זיבעצענטע יאָר, האָט
ער שוין געלערנט אַליין אין שמעריל צוקערמאַנס בית=מדרש. אָט דער שמעריל
צוקערמאַן, אַ ייד אַן אָרטאָדאָקס, אַ למדן און פון העכסטן יחוס, איז געווען
אַ גרויסער גביר, וועלכער האָט געשמ'ט אין דער גאַנצער געגנט פאַר אַ מענש
אַ בעל=צדקה מיט אַ ברייטער אָפענער האַנט. באַזונדערס האָט ער צו זיך מקרב
געווען פאַראָרימטע לומדים און וואויללערנער. זיין הויז האָט געדינט אַלס זאַמל=
פונקט פאַר רבנים און שיינע יידן מכל המינים בכלל. באַרימט איז אויך געווען
אין גאַנץ ליטע זיין גרויסע ביבליאָטעק פון אַלערליי יידישע ספרים, וועלכע
האָבן אַנטהאַלטן אויך פיל זעלטענע אַנטיקן. ער האָט געהאַט די ערשטע דעה
ביי קהל, איז געווען גבאי ראשון כמעט אין אַלע חברות און געזעלשאַפטליכע
אינסטיטוציעס, באופן, אַז מ'האָט אָן אים אין שטאָט גאָרנישט געטאָן. באַרימט
אַלס מוסטערהאַפטע יידינע איז געווען אויך זיין פרוי מירל כאַטייוויטשער (אַזוי
האָט זי ביים פאָלק געהייסן נאָך דער שטעטל כאַטייוויטש אין מינסקער גו=
בערניע, פון וואַנען זי האָט געשטאַמט), אָדער: מירל שאַרלאַטאָווע, לויט איר
מיידלשער פאַמיליע. אָט דער שמעריל צוקערמאַן האָט אויסגעבויט אויף זיינע
הוצאות אַ שיינעם בית=המדרש, אין וועלכן עס זיינען יום ולילה געזעסן און
געלערנט די שענסטע יונגע=לייט פון שטאָט. די דאָזיגע יונגע=לייט זיינען שוין
געווען ממילא פון זיינע מקורבים, פון זיינע הויז=איינגייער, און האָבן תמיד
געהאַט דעם פרייסטן צוטרעט צו זיין ביבליאָטעק.

ווי געזאָגט, איז דינעזאָן אויך דער=לאָזן געוואָרן צו לערנען אין צוקער=
מאַנס בית=מדרש. צו דער דאָזיגער זכיה האָט אים פאַרהאָלפן דער נאָמען, וואָס
ער האָט געהאַט צווישן די שטאָט=לומדים. ער איז באַלד געוואָרן אַן אָפטער
באַזוכער פון צוקערמאַנס הויז, און באַזונדערס פון זיין ביבליאָטעק, אויף
וועלכער ער האָט זיך, זייענדיג אַ גרויסער ליבהאָבער פון ספרים, ממש אַרויפ=
געוואָרפן מיט גרויס לוסט. נאָך ניט גאַנצע זיבעצן יאָר אַלט האָט שוין דינע=
זאָן דורכגעלייענט דעם „כוזרי", דעם „מורה נבוכי הזמן" און נאָך אייניגע פי=
לאָסאָפישע ספרים, וועלכע האָבן אויף אים געהאַט אַ ווירקונג אין דעם זין,
דאָס ער האָט אָנגעהויבן אַריינצוטראַכטן זיך אין די פאַרשיידענע לעבנס=ער=

שיינונגען פון היינט און פון פאַרצייטן, צו גריבלען זיך אין די אַלטע און די נייע געשיכטליכע פּראָבלעמעס, אויף וויפיל ער האָט דאָס פאַרמאָגט צו טאָן לויט זיין דאַמאָלסטדיגער נאָך גאַנץ אָרימער גייסטיגער אַנטוויקלונג און דענקונגס־קראַפט.

אין יענער צייט האָט זיך דינעזאָן גאַנץ צופעליג צונויפגערעדט מיט איינעם אַ יונגען מאַן פון די לערנער אין צוקערמאַנס בית־מדרש, וועלכער האָט אים דעם ערשטן מאָל געגעבן צו לייענען, אין דער שטילן געוויינליך, פון די נייע העברעאישע השכלה־ביכלאַך: די ווערק פון מרדכי אהרן גינזבורג, אברהם מאַפּו, קלמן שולמאַן, און אויך סמאָלענסקינס „השחר". די דאָזיגע ווערק, און מער פון אַלץ די ביכלאַך פון „שחר", האָבן אויף אים געמאַכט אַן אומגעהייער גרויסן אַנדרוק. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען—אַן איבערקערענישפּראָצעס פון אַלע זיינע ביזאַהעריגע טראַדיציאָנעלע אָנשויאונגען און „אַני־מאמינ׳ס". ער האָט אָנגעהויבן נאָכצודענקען וועגן זיין צוקונפט, וועגן דעם לעבנס־ציל, צו וועלכן ער דאַרף זיך צוגרייטן, און האָט באַשלאָסן די ערשטע זאַך אַוועקצוגיין פון צוקערמאַנס בית־מדרש און פון צוקערמאַנס סביבה בכלל, און צו נעמען זיך פאַר דער וועלטליכער בילדונג.

אָבער ניט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך האָט דינעזאָן געקענט פאַרווירקליכן זיין באַשלוס. פון זיין פעטער עליאַשאָוו איז ער שוין לאַנג אַוועק, ווייל ער האָט אים ניט געוואָלט פאַלן צו לאַסט, און האָט זיך מפרנס געווען פון דעם, וואָס ער האָט אונטערריכט בעלי־בתי׳שע בחורים אין תלמוד, און צוליב דעם האָט ער נאָך געמוזט פאַרבלייבן לערנען אין צוקערמאַנס בית־מדרש, כּדי ניט צו פאַרלירן דעם רענאָמע פון אַ וואויללערנער. ער האָט זַ׳בער אויסגענוצט די צייט אויף צו פאַרפולקומען זיך אין דער העברעאישער און רוסישער שפּראַך און אין אַנדערע למודים. עס איז אַוועק אַ קורצע צייט, און דינעזאָן האָט אָנגעהויבן צו שיקן קאָרעספּאָנדענציעס אין „המגיד" וועגן מאָהילעווער קליינליכע געשעהענישן, און אַ פּאָר מאָל האָט ער געפּרובט שרייבן וועגן אַזעלכע זאַכן אויך אין „המליץ". דורך דעם האָט ער זיך דערוואָרבן אין מאָהילעוו אַ נאָמען פון אַ גרויסן קענער אין העברעאיש. דאָס האָט אים געגעבן די מעגליכקייט צו באַקומען תּלמידים אויף צו לערנען זיי די העברעאישע שפּראַך. ערשט דאַמאָלסט האָט ער געוואָרפן צוקערמאַנס בית־המדרש. ער האָט נאָך אָבער ניט איבערגעריסן זיינע באַציהונגען צו צוקערמאַנס הויז, אַביסל צוליב דער ביבליאָטעק, און אַביסל אויך צוליב דעם, וואָס אפילו ווערנדיג שוין אַ „משכּיל" מיט משכּיל׳שע" אידייען האָט ער ניט געוואָלט, אָדער ס׳איז אים געווען שווער, אַרויסצווייזן דאָס עפנטליך פאַר דער גאַס. אין דעם פּרט איז ער געווען אַ קאָנטראַסט כּמעט צו אַלע איבעריגע יונגע משכּילים פון יענעם דור, וואָס איידער זייער „משכּיליזם" האָט נאָך באַוויזן זיך אויסצוקריסטאַליזירן און אויסגעפורימט צו ווערן אין אַ בולט׳ן, ממשות׳דיגן פּנים, האָבן זיי אים שוין

אַ רויען, אַ ניט־דערבאַקענעם אַרויסגעשטעלט לייטן, ווי דער רוס זאָגט, „נאַ פּאָקאַז״, מ׳זאָל וויסן...

כדי נאָכצוגיין נאָך דינעזאָנען טריט ביי טריט פון דאַמאלסט אָן — דאָס איז געווען אָנהייב 1874־טן יאָר — דאַרף מען דערצו גוט קענען דעם גייסטיגן מצב פון מאָהילעוו אין יענער צייט.

כ׳האָב מיר שוין אַמאָל*) אָפּגעשטעלט ~~אויף דעם~~ זעהר מערקווירדיגן פאַקט, אַז אין אַזאַ עקסט פאַנאַטישע און אין קולטורעלן זין זעהר אָפּגע־שטאַנענע שטאָט ווי מאָהילעוו, וועלכע איז נאָך דערצו ביז דאָ גאָר ניט לאַנג געווען אָפּגעריכן פון אַ באַן און אַזוי אַרום אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט, איז נאָך כמעט פריהער ווי אומעטום אַריינגעדרונגען ביי יידן ניט בלויז די אַזויגערופענע „קאַזשאַנע״ השכלה, נאָר אפילו דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם אין זיינע פאַרשיידענאַרטיגע שטרעמונגען. די ערשטע יידישע חברים פון דער רע־וואָלוציאָנערער פאַרטיי „נאַראָדאָוואָלצעס״ זיינען געווען געבאָרענע מאָהילעווער, אָדער זיי האָבן געענדיגט די מאָהילעווער גימנאַזיע, ווי, למשל: א ל ע ז ר צו־ק ע ר מ אַ ן, אַ ק ס ל ר אָ ד און די ברידער ל ע וו ע נ ט אַ ל. צווישן דער יידי־שער יוגנט אין מאָהילעוו האָט יעכאָלט אויסגעבראָכן אַ מין עפּידעמיע פון אַנטלויפעניש. יונגע בחורים און מיידלאַך פלעגן נעמען זעקל און פּעקל, אַמאָל אויך ווי מ׳שטייט און גייט, און אַנטלויפן פון די עלטערן אין אַנדערע שטעט צו לערנען זיך דאָרטן, כדי צו קענען ווערן זעלבסטשטענדיג און איבער־אַנדערשן דאָס לעבן לויט די נייע, מאָדערנע אידייען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעזאַפּט פאַרבאָרגענערהייד פון די רוסישע סאָציאַליסטישע ביכלאַך, וואָס זיינען אויף פאַרשיידענע וועגן אַריבערגעשמוגלט געוואָרן קיין מאָהילעוו, דאָס רוב פון קיעוו. אַנדערע עלטערן האָבן זיך געפּרובט נאָכיאָגן נאָך זייערע קינ־דער, און אַמאָל האָט זיך זיי אויך איינגעגעבן צוריקצוקערן זיי אַהיים, ווי ס׳האָט פּאַסירט, למשל, מיט דעם אויבנדערמאָנטן אלעזר צוקערמאַן, וואָס זיין פאָטער האָט אים געכאַפּט אין ה אָ מ ע ל און געבראַכט צוריק קיין מאָהילעוו (פון וואַ־נען ער איז אין אַ קורצער צייט ווייטער אנטלאָפן). און אַנדערע, האַרטהער־ציגערע, האָבן זיך תיכף די ערשטע מינוט מיאש געווען פון די „איבערגעפּירטע״ זין צי טעכטער און זיינען געבליבן זיצן אויף אַן אָרט. און צווישן דער מאָהי־לעווער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיך דאַן געפונען אַ דריי, פיר גביר׳ישע אינטעליגענטע הייזער, וואו מ׳האָט די דאָזיגע אַנטלויפעניש פון דער יוגנט אונטערשטיצט מיט אַלע קרעפטן. אין די דאָזיגע הייזער האָט מען די בחורים און די מיידלעך, די קאַנדידאַטן צום אַנטלויפן, באַזאָרגט מיט אַלץ, וואָס זיי איז נויטיג געווען אויפן וועג: מיט וועש, מיט דאָקומענטן וכדומה. אונטער־שטיצט די דאָזיגע לויפעניש פון די יידישע יונגע לייט האָט אויך דער געביל־

---

*) זעה מיין אַרטיקל „די ערשטע סאָציאַליסטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור״ אין מאַרטין בובערס מאָנאַטס־זשורנאַל „Der Jude“ (העפט נאָוועמבער־דעצעמבער 1918).

דעטער טייל פון דער מאָהילעווער קריסטליכער באַפעלקערונג, און אפילו די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט פון דער באַוועגונג געוואוסט און איר שטאַרק סימפּאַטיזירט.

צו יענער צייט זיינען געווען אין מאָהילעוו אויך אַזעלכע יידישע יונגע לייט, וואָס זיינענדיג שוין אַפילו אָנגעשמעקט מיט די נייע סאָציאַליסטיש־מאַטעריאַליסטישע אידייען פון פּיסאַרעוון און טשערנישעווסקי'ן, זיינען זיי פונדעסטוועגן געבליבן זיצן אויף די ערטער, און אויך ניט צוגעשטאַנען צום סאָציאַליזם. די נייע אידייען האָבן אויף זיי, אמת, געווירקט, אָבער די ווירקונג איז געווען פּונקט אין פאַרקערטן זין. זיי זיינען אויך „אַוועק אין פאָלק", וואָס דאָס איז געווען די לעצטע מסקנה פונם דאַמאָלסדיגן סאָציאַליזם, אָבער ניט אין רוסישן, ווי ס'האָבן זיך נוהג געווען די יידישע סאָציאַליסטן פון יענער צייט, נאָר אין יידישן פאָלק. זיי זיינען אַוועק אין די יידישע מאַסן צו פאַרשפּרייטן צווישן זיי בילדונג און וויסן און מאַכן זיי פאַר נוצליכע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. צוליב דעם צוועק זיינען זיי געוואָרן פּריוואַטע און אומזיסטע לערער אין דער שטאָטישער תּלמוד־תּורה, וואו ס'האָבן זיך געלערנט הונדערטער קינדער פון די אָרימסטע פאָלקס־שיכטן. אין דעם דאָזיגן פינסטערן נעסט האָבן זיי אַריינגעבראַכט ליכט. און ניט בלויז לערער זיינען זיי געווען פאַר די קינדער, נאָר אויך טרייע פאָטערס, וועלכע האָבן זיך באַזאָרגט אויך אום זייער פיזישן צושטאַנד, אום זייער מאַטעריעלן מצב, אום זייער עסן און טרינקען און געהעריגן נאַכט־לעגער. און ניט אַזוי גרינג איז זיי דאָס אָנגעקומען. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין זעהר אַ ביטערן קאַמף מיט די שוואַרץ־מאה'דיגע פּרנסים פון דער מאָהילעווער קהלה, יענע אַזוי טרויעריג באַרימט־געוואָרענע העלדן פון דער אַזויגערופענער „מאפליה" אין סמאָלענסקינס ערציילונגען, וועלכע האָבן בשום אופן ניט געוואָלט דערלאָזן אַיינצופירן אין תּלמוד־תּורה וואָסערע ס'איז נייע אָרדענונגען. אַרויסגעטראָגן דעם נצחון האָבן דענסטמאָל ניט די פינסטערע כּחות, ניט די פּלעדערמייז, נאָר די ענערגישע יונגע לייט, וועלכע האָבן ריטערליך געקעמפט אונטער דער פאָן פון דער השכלה און דעם צייט־גייסט.

צו די דאָזיגע יונגע קעמפער האָט דאַמאָלסט געהערט אויך יעקב דינזאָן. דער לערער פון תּנ"ך און העברעאיש איז דינעזאָן געווען אין דער מאָהילעווער תּלמוד־תּורה. ווייך און צאַרט פון דער נאַטור, האָט ער די דאָזיגע ווייכקייט און די דאָזיגע צאַרטקייט אריבערגעטראָגן אויף די קינדער. לויט זיין איניציאַטיווע איז ביי דער תּלמוד־תּורה איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קיך, פון וועלכער מ'האָט די תּלמידים טעגליך מיטאָגן געגעבן, אָנשטאָט וואָס ביז דעם האָבן זיי געדאַרפט אומגיין איבער די הייזער עסן „טעג". מאָהילעווער קהל האָט געהאַלטן די דאָזיגע קיך פאַר אַן איבעריגן לוקסוס און האָט אויף איר אפילו קיין צוּבראָכענעם פעניג ניט געגעבן. אַן אָפּגעשפּאָרטן הונדערטער האָט דינעזאָן דאַמאָלסט געהאַט פון זיינע „שטונדן", האָט ער דערפון געמאַכט די התחלה, און

דאָס איבעריגע האָט ער און זיינע חברים און חבר׳טעס צונויפגעקליבן ביי פאַרשיידענע מנדבים. צווישן דינעזאָנס חברים, וועלכע האָבן מיט אים צוזאַמען געאַרבעט אַלס לערער אין מאָהילעווער תלמוד־תורה, זיינען געוועזן אויך דער שפּעטער געוואָרענער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, דער אויבנדערמאָנטער אלעזר צוקערמאַן, און דער איצט באַקאַנטער העברעאישער שריפטשטעלער מרדכי בן הלל הכהן*).

פון דאַנען גיי איך איבער צו מיינע זכרונות.

I.

באַדאַנע הורעוויטשעס הויז אַלס צענטער פון דער בילדונגס־דורשטיגער ייִדישער יוגנט אין מאָהילעוו.—די אַנטלויפונגס־באַוועגונג איז אַריבער אין די רײכע הײזער.—דער אײַנדרוק אויף די עלטערן.—באַדאַנעס קינדער.—דינעזאָן ווערט בײַ באַדאַנען אַ הויז־לערער.—דער גרויסער צוטרוי פון די הורעוויטשעס צו דינעזאָנען.—דינעזאָנס נסיעה קײן ווילנע.—זײַן באַגעגעניש מיט די ווילנער השוב׳סטע שריפטשטעלער.—אין דינעזאָנען דערוועקט זיך דער חשק צו ווערן אַ שרײַבער.—זײַן באַשלוס צו שרײַבן זײַנע ווערק אין ייִדיש.—זײַן ערקלערונג צוליב וואָס ער טוט דאָס.—זײַן ערשטע ערצײלונג „בעון אבות".—איר אינהאַלט.—די ערצײלונג ווערט פאַרבאָטן פון דער צענזור.—זײַן טעמע ווערט אויסגענוצט פון אלעזר צוקערמאַן און פאַרעפנטליכט אין סמאָלענסקינס „השחר".—דינעזאָן שרײַבט אָן דעם „הנאהבים והנעימים".—אײַזיק מאיר דיקס מײנונג וועגן דעם דאָזיגן ראָמאַן.

צו די פון מיר אויבנדערמאָנטע געציילטע מאָהילעווער גבירי׳שע, אינטעליגענטע הייזער, וועלכע האָבן אונטערשטיצט די דאַמאָלדיגע אַנטלויפונגס־באַוועגונג פון דער יוגנט, האָט געהערט אויך דאָס הויז פון דעם אין יענער צייט אין גאַנץ וויים־רוסלאַנד באַקאָנטן עושר יהושע מנחם הורעוויטש. דאָס איז געוועזן אַ ייד אַ סוחר, וואָס האָט כל ימיו אָנגעפירט מיט קאָלאָסאַלע געשעפטן, צוליב וועלכע ער פלעגט דאָס רוב מזן זיין אין וועג, און האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר זעהר אַ ראַיעלן אונגעוויסנהאַפטן, און דערצו אויך אַ קלוגן און אַ פּראַקטישן מענשן, פאַר אַ גוטן און אַ געפּילפּולן פון דער נאַטור, מיט אַ שטאַרקער נייגונג צו טאָן לייטן טובות און צו העלפן נויטבאַדערפטיגע און געדריקטע. אַ באַזונדערס גרויסע ראָל האָט געשפּילט אין מאָהילעוו זיין פרוי באַדאַנע, וועלכע איז געוועזן אַ טאָכטער פונ׳ם באַוואוסטן ווילנער גביר

---

*) די דאָזיגע פּרטים האָט מיר אַמאָל דערצײלט דינעזאָן אַלײן. אײניגע פון זײ זײנען אױך איבערגעגעבן געװאָרן, װען אפילו אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם, דורך זײן דאַמאָלדיגן חבר אלעזר צוקערמאַן אין זײן ערצײלונג „עולם הפוך". זעה „השחר", 6־טער יאָרגאַנג, זײט 85.

און משכּיל, אַן איידים פון וועלט־באַרימטן גאון ר׳ שמואל שטראַשון, ר׳ יוסף בצלאל הארקאַווי, און די עלטערע שוועסטער פון דער באַקאַנטער ווילנער דרוקערין דבורה ראָם. די דאָזיגע באַדאַנע, וועלכע איז אַליין געווען געבּילדעט און וואוילערצויגן, האָט געפירט אַ יידישלאַך, און צוגלייך מיט דעם אויך אַן אמת אַריסטאָקראַטיש הויז. זי האָט געגעבן אירע קינדער (פינף זין מיט אַ טאָכטער אַ בּת־יחידה) אַ פּילזייטיגע מאָדערנע ערציהונג. אַלע האָבן זיי באַזוכט די מאָהילעווער גימנאַזיע, און פאָרגעזעצט צו דערזעלבער צייט זייער בּילדונג אויך אין דער היים. צוליב באַדאַנען אַליין, און אויך צוליב אירע העכסט אַנטוויקלטע קינדער, איז געוואָרן איר הויז אַ צענטער פאַר אַלע מאָהילעווער בּילדונגס דורשטיגע יידישע יונגע לייט. די יידישע אינטעליגענטע יונגוואַרג פלעגט זיך גאַנץ אָפט צונויפקלייבן ביי די הורעוויטשעס, פירן דאָרטן צוזאַמען הייסע ויכּוחים און דיספּוטן וועגן פאַרשיידענע פראַגן פון ליטעראַטור און לעבן, אויסגיסן איינער פאַר דעם אַנדערן די הערצער, בּויען פּלענער וועגן דער צוקונפט, און אויך אַמוזירן זיך, מאַכן זיך לוסטיג דורך שפּילן, זינגען און טאַנצן. בעת צווישן דער מאָהילעווער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן דער אַלגעמיינער „שטורם און דראַנג״ נאָך בּילדונג, און מאַנכע געוועזענע קלויזניקעס און ישיבה־לייט זיינען געוואָרן „עקסטערנעס״, האָט מען זיי פון באַדאַנעס הויז באַזאָרגט מיט אומזיסטע לערערס און מיט לערנביכער. שפּעטער אַביסל, בעת ס׳האָט זיך אָנגעפאַנגען די אַנטלויפעניש פון די פאַנאַטישע עלטערן, איז באַדאַנעס הויז געוואָרן איינער פון די זאַמל־פּונקטן,. וואו די אָנגעגרייטע צום אַנטלויפן פלעגן זיך באַראַטן וועגן די אָנגעלעגנהייטן פון זייער נסיעה, און זעגענען זיך מיט פריינד און באַקאַנטע. ביי באַדאַנען אין הויז האָט מען געקענט קריגן אומלעגאַלע ליטעראַטור, פאַרשיידענע פאַרבאָטענע סאָציאַליסטישע ביכלאַך און בראָשורן, ווי דער דאַמאָלסט צווישן דער יוגנט זעהר פּאָפּולער געוועזענער טשערנישעווסקי׳ס ראָמאַן „Что дѣлать?״ וכדומה.

ביסלאַכוויַיז האָט זיך דער סאָציאַליזם אַלץ מערער אַיינגעוואָרצלט צווישן דער מאָהילעווער יידישער אינטעליגענץ. ס׳איז געקומען דערצו, אַז ס׳האָבן אָנגעהויבן צוזושטיין צו די סאָציאַליסטן־נאַראָדאָוואָלצעס און אוועקצוגיין אין רוסישן פאָלק אריין ניט בלויז קינדער פון די מיטעלע בעל־הבּתּישע שיכטן, נאָר אויך בּחורים און מיידלאַך פון די „אויבערשטע צעהן טויזנט״. קודם־כּל זיינען אַוועק די קינדער—דאָס רוב זיינען עס געווען פריילינס—פון יענע עטליכע רייכע, אינטעליגענטע הייזער, וואו מ׳האָט פריהער שטאַרק סימפּאַטיזירט און פיל אונטערשטיצט די אַנטלויפונגס־באַוועגונג פון די מיטעלערע קלאַסן. און אַוועק זיינען זיי ניט אַליין, נאָר מיט באַגלייטערס־געליבטע, מייסטנס קריסטן, און פאַרכאַפּנדיג מיט זיך דעם גאַנצן אויסשטייער, און אַמאָל אויך מיט די צירונג. מ׳האָט דאַמאָלס דערציילט, אַז אַ פּאָר פון די פּאָטערס האָט דאָס אַנטלויפן פון זייערע דערוואַקסענע, און שוין אין שידוכים שטייענדיגע טעכטער, געקאָסט זייער לעבן...

באַדאַנס הורעוויטשעס הויז איז פונם דאָזיגן טרויעריגן שיקזאַל געבליבן פאַרשוינט. איר פקחותדיגע וואַכזאַמקייט און מוטערליכע השגחה האָט געבראַכט דערצו, אַז אירע קינדער זיינען ניט אַוועק מיטן שטראָם און זיינען פאַרבליבן זיצן אין דער היים... פון אירע פינף זין האָבן זיך פיר פאַרנומען אויפן פּאָטערס שטייגער, און זיינען געוואָרן מיט דעם צייט גרויסע סוחרים-קאַפּיטאַליסטן. נאָר איינער איז צוגעשטאַנען צום סאָציאַליזם. ער האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט אין רוסלאַנד און איז אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד*). איר איינציגע טאָכטער, וועלכע האָט באַזעסן גרויסע פייהיגקייטן צו מוזיק, האָט זי אַוועקגעשיקט קיין ווין, וואו זי איז אַריין אין קאָנסערוואַטאָריום.

אָט די דאָזיגע באַדאַנע הורעוויטש האָט אַריינגענומען צו זיך אין שטוב יעקב דינעזאָנען אַלס העברעאישן לערער פאַר אירע קינדער. פון פאַרשיידענע מענשן האָט זי זיך אָנגעהערט וועגן דינעזאָנס גרויסע קענטענישן אין דער העברעאישער שפּראַך, וועגן זיין פּעדאַגאָגישער טעטיגקייט און מסירת-נפש׳דיגער אַרבעט אין תלמוד-תורה, און וועגן דער אַכטונג און ליבע, וועלכע ער געניסט אומעטום, וואוהין ער גייט נאָר אַריין, און זוכנדיג אַ העברעאישן לערער פאַר אירע קינדער, האָט זי זיך תיכף אָפּגעשטעלט אויף אים. אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק האָט ער אויף איר געמאַכט מיט זיינע מיינונגען וועגן ערציהונג, וועלכע ער האָט איר אַרויסגעזאָגט בשעת דעם ערשטן געשפּרעך, וואָס זי האָט מיט אים געהאַט, בעת זי האָט אים פאַרלאַדן צו זיך. דינעזאָן האָט דאָס דאַן באַטראַכט פאַר אַ גאַנץ בכבוד׳יגע שטעל, און האָט איר אָנגענומען זעהר גערן.

מיט זיין איידעלן באַנעמען און באַשיידענעם כאַראַקטער האָט דינעזאָן תיכף אָפּגעקויפט פאַר זיך אַלע שטוביגע. ביי זיינע יונגע אינטעליגענטע תלמידים האָט ער שטאַרק נושא חן געווען מיט די אינטערעסאַנטע און באַלערנדיגע שמועסן, וועלכע ער האָט געפירט מיט זיי, און אַמאָל אויך מיט זייער גאַנצן קרייזל אויף פאַרשיידענע טעמעס. זיי האָבן געזעהן, אַז דער געוועזענער „באַנקקוועטשער" פון שמעריל צוקערמאַנס בית-מדרש, איז פיל באַלעזן און אַנטוויקלט, און אורטיילט וועגן אַלץ אַזוי שאַרף-שכל׳דיג און אַזוי לאָגיש ווי עפּעס אַן אַנדער „געענדיגטער", — דער דאַמאָלסטדיגער אידעאַל פון דער מאָהילעווער יידישער געבילדעטער יוגנט. אַזוי איז דינעזאָן פון דער ערשטער מינוט אָן

---

*) דער דאָזיגער באַדאַנעס זון, גרשון הורעוויטש, וועלכער איז געווען זעהר אַ באַגאַבטער שריפטשטעלער — ער האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים „גרשון באַדאַנעס" — האָט זיך דאַן באַזעצט אין בערלין, וואו ער איז אַריין אין דעם דאָרטיגן קרייזל פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן-עמיגראַנטן, צו וועלכן ס׳האָט דאַמאָלס געהערט אויך דער באַרימטער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר און עסקן, דער רעדאַקטאָר פון „האמת", ליבערמאַן. דאָרטן האָט ער מיטגעאַרבעט אין דייטשע סאָציאַליסטישע צייטונגען און זשורנאַלן, ביז ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ חשד מצד דער בערלינער פּאָליציי, און זי האָט אים אַרעסטירט. אין בערלינער געפענגעניש איז ער אַ געוויסע צייט געזעסן צוזאַמען מיט ליבערמאַנען.

געוואָרן ביי באַדאַנע הורעוויטש אַן אייגענער מענש אין שטוב. אי די עלטערן אי די קינדער זיינען אין אים געווען שטאַרק אָנפּאַרטרויט, קיין זאַך, אפילו די געהיימסטע שטוביגע אָנגעלעגנהייטן, האָט מען פון אים ניט געהאַלטן פאַר־באָרגן, גאַנץ אָפט פלעגט מען זיך מיט אים מישב זיין וועגן מאַנכע ענינים. באַדאַנעס מאַן האָט געהאַלטן דינעזאָנען פאַר אַ „טיפן קאָפּ", און פלעגט מיט אים האַלט האָבן אַרומרעדן פראַגן פון מסחר, וועלכע האָבן אים באַזונדערס אינטערעסירט. ניט איינמאָל איז דינעזאָן געשיקט געוואָרן פון די הורעוויטשעס אין פאַרשיידענע שטעט אַלס זייער פאַרטרעטער אין געוויסע פאַמיליען־אינטערעסן און געשעפטס־זאַכן.

דורך איינער פון די דאָזיגע נסיעות איז דינעזאָן אַ יידישער מחבר גע־וואָרן. דאָס איז געווען סוף 1874־טן יאָר. יעמאָלט איז דינעזאָן מיט דער פול־מאַכט פון דער פרוי באַדאַנע הורעוויטש געפאָרן וועגן אַ געוויסע פאַמיליען־אָנגעלעגנהייט קיין ווילנע צו איר שוועסטער דבורה ראָם. אין ווילנע איז דאַן דינעזאָן אָפּגעזעסן צוויי וואָכן, און די גאַנצע צייט האָט ער קוואַרטירט ביי די ראָמס. דאָרטן האָט ער געהאַט די געלעגנהייט באַקאַנט צו ווערן מיט עט־ליכע פון די דאַמאָלסטדיגע אָנגעזעהענסטע יידישע שריפטשטעלער ווי אדם הכהן לעבענזאָן, קלמן שולמאַן, אַייזיק מאיר דיק און אַנדערע, וועלכע זיינען געווען ביי דבורה ראָם שטענדיגע אַיינגייער. באַזונדערס האָט זיך דאַן דינעזאָן באַ־פריינדעט מיט דיקן, מיט וועלכן ער האָט געפירט שעהן־לאַנגע שמועסן וועגן שרייבער און ספרים. דיק האָט דערציילט דינעזאָנען וועגן דער גרויסער פאַר־שפּרייטקייט פון זיינע ביכלאַך, וועגן דעם ערפאָלג, וואָס זיי האָבן ביים פאָלק און דעם גרויסן נוצן, וועלכן זיי ברענגען אים. דערביי האָט זיך דיק שטאַרק באַקלאָגט פאַר דינעזאָנען אויף דבורה ראָם, אַז זי צאָלט אים פאַר זיינע ווערק לויטער גראָשנס, און ווען ניט זיין ווייבס פאַרדינסטן מן הצד, וואָלט ער ניט געהאַט פון וואַנען צו לעבן. דינעזאָן, וועלכער איז פון תמיד אָן געווען אַ ליב־האָבער פון ליטעראַטור, און זינט ס'האָבן זיך אָפּגעדרוקט זיינע מאָהילעווער בריוו אין „מגיד" און „מליץ" האָט ער ניט אויפגעהערט צו חלומ'ען וועגן דערגרייכן אַ העכערע מדרגה אין שרייבעריי, האָט די גאַנצע צייט צוריקפאָרנדיג אַהיים קיין מאָהילעוו אָפּגעטראַכט כסדר ווי אַזוי צו פאַרפאַסן עפּעס אַ באַזונדער ווערק. און הגם ער האָט דאַן גוט באַהערשט דעם ליטעראַרישן העברעאישן סטיל און האָט זיך פאַרהאַלטן צו דער דאָזיגער שפּראַך מיט אַ באַזונדער ליבע, האָט ער דאָך פון דער ערשטער מינוט אָן באַשלאָסן, אַז וואָס ער זאָל ניט שרייבן זאָל ער דאָס אַלץ שרייבן נאָר אין י י ד י ש. ווי דינעזאָן האָט מיר אַמאָל אין אַ געשפּרעך ערקלערט, האָט ער זיך דאַמאָלסט אָפּגעשטעלט אויף יידיש צוליב די פאָלגנדע טעמים: ערשטנס, האָבן אויף אים אין דעם געווירקט זיינע שמועסן מיט דיקן, וועלכער האָט אים וויפיל מאָל באַטאָנט, אַז נויטיגער פון אַלץ איז צו שרייבן נאָר פאַרן המון; צווייטנס, האָט אים די ספּערע פון הורעוויטשעס הויז, וואו די ספּעציעלע דאגות לטובת דעם פאָלק זיינען קיינמאָל ניט אַראָפּ

פון דער טאָג=אָרדענונג, פיל נעהענטער געמאַכט צום האַרצן די פאָלקס=אינטע=רעסן; דריטנס, האָט זיך אים געדאַכט, אַז זינט אים איז אויסגעקומען צו האָבן עפּטערס צו טאָן מיט די הונדערטער עלטערן פון די תּלמוד=תּורה=קינדער, האָט ער אין זיך דערפילט אַ באַזונדער פייהיגקייט צונויפצורעדן זיך מיט די מאַסן און באַאיינפלוסן זיי, און פערטנס האָט ער שוין פריהער געפּרובט אָנשרייבן אַלס קאָנספּעקטן פאַר זיינע תּלמוד=תּורה=תּלמידים צוויי נאַטור=וויסנשאַפטליכע ביכ=לאַך וועגן „דונער און בליץ“, „שניי און רעגן“ און אַנדערע, און מבינים האָבן אים דאַן געזאָגט, אַז זיי זיינען אַרויס ליטעראַריש=סטיליסטיש גאַנץ גע=לונגען, באופן, דאָס מ׳וואָלט זיי געקאָנט דרוקן. איבערלייגנדיג זיך די זאַך אין וועג איז ער געקומען קיין מאָהילעוו מיט אַ פאַרטיגן באַשלוס, צו פאַרווענדן זיינע פרייע שעה׳ן אויף אָנצושרייבן אַ יידיש ווערק און אַ—בעלעטריסטישע.

דינעזאָן האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ פּאַסיגע טעמע פאַר אַ ערציילונג. אינגיכן איז אים אַזאַ טעמע געקומען צו דער האַנט. אין מאָהילעוו האָט דאַן פּאַסירט די דאָזיגע זעהר טראַגישע געשיכטע: איינער פון די שטאָטישע גבירים, אַן אולטראַ פאַנאַטיק, האָט מיט געוואַלט פאַרקנס׳ט זיין טאָכטער פאַר אַ בחור׳ל אַ פינסטערן, אַן אומוויסנדיגן און אַ גרויסער גראָבער יונג מיט אַ סך יחוס אויפן בית=עלמין. דאָס מיידל אָבער האָט געשטרעבט צו בילדונג און געהאַט פאַר זיך גאָר גאַנץ אַנדערע אידעאַלן; זי איז געווען אַן אָפּטע באַזוכערן פון באַדאַנע הורעוויטשעס קרייזל, האָט זיך דאָרטן גערעכנט פון די מער אינטע=ליגענטערע מיטגלידער; מ׳האָט אין איר אויך אויסגעפונען, אַז זי האָט אַ באַ=זונדער פייהיגקייט צו פּאָעזיע, און מ׳האָט איר געראַטן ניט צו פאַרלאָזן איר טאַלענט... אין קרייזל האָט מען אויך געוואוסט, אַז זי ליבט אירן אַ שוועסטער=קינד, אַ גימנאַזיסט. וואָס די מיידל האָט ניט צוקלאָגט און וואָס זי האָט זיך ניט צו=בעטן ביים פאָטער, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף אירע יונגע יאָרן און זאָל איר ניט נויטן צום גוואַלט=שידוך, האָט ניט געהאָלפן. די זאַך איז דערגאַנגען צו גורעוויטשעס קרייזל, און אַלע האָבן גענומען איינרעדן דער מיידל, אַז זי זאָל טאָן דאָס, וואָס עס טוען פיל פון איר גלייכן און אַנטלויפן. איז זי אָבער אויף דעם געווען צו שוואַך; זי האָט זעהר ליב געהאַט די מוטער, און האָט ביי זיך ניט געקענט פועל׳ן פון איר צו אַנטלויפן; דערצו איז איר אויך שווער געווען צו שיידן זיך פון איר געליבטן... דער פאָטער האָט איר גענומען טרייבן אומברחמנות׳דיג צו דער חתונה, און אירע אינערליכע יסורים זיינען געוואָרן, ממש, גיהינום׳שע. אַלע האָבן געזעהן ווי די מיידל גייט אויס פון טאָג צו טאָג ווי אַ ליכט. איר שווער געמיט פלעגט זי אויסגיסן אין רוסישע לידער, און פו=נאַנדערטיילן זיי צווישן אירע חברים און חברטעס פון קרייזל. קיינער האָט איר אָבער ניט געקאָנט העלפן. איר פאָטער איז געווען פון די האַרטע יידן, און דערצו נאָך אַ תּקיף ביי „נאַטשאַלסטוואָ“, און מ׳האָט קעגן אים ניט גע=קענט אָננעמען קיין שום מיטלען. אַ ליאַדע טאָג האָט מען דערוואַרט, אַז די מיידל זאָל זיך אַליין נעמען דאָס לעבן... אין אַ געוויסן טאָג איז זי אַבער

אַריין צו באַדאַנען כלומר׳שט באַרוהיגט און עפּעס ווי פריילעכלאַך און האָט דערציילט, אַז אַזוי ווי זי באַזיצט ניט די נויטיגע קראַפט צו שטרייטן מיט איר פאָטער, האָט זי זיך באַשלאָסן אונטערצוגעבן זיין פאַרלאַנג און חתונה צו האָבן מיט זיין „אויסדערוויילטן". זי האָפט אָבער, אַז נאָך דער חתונה וועט זי אויף אים האָבן אַ גרויסע השפעה און וועט אים איינגאַנצן איבעראַנדערשן, באופן, דאָס ער וועט ווערן אין אירע הענט גאָר אַן אַנדער מענש. און אַ קורצער צייט אַרום איז די מיידל געשטאַנען אונטער דער חופה מיט איר פאָטערס קאַנ־דידאַט, און כמעט ווי אויף מאָרגן נאָך דעם האָט זי זיך שוין געמומען — ווי זי האָט זיך דאַן אויסגעדריקט — „איבערצושאַפן" איר באַשערטן אויף דאָס ניי. זי אַליין האָט אים אָנגעהויבן צו אונטעררעכטן פאַרשיידענע למודים, האָט אים געלערנט שטאַט און ווי אומצוגיין מיט מענשן. זי האָט אים אויך אַריינגעפירט צו באַדאַנען און פאָרגעשטעלט אים פאַר די מיטגלידער פון קרייזל. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז איר מיה איז געווען גאָר אומזיסט, אַז איר השפעה איז אַוועק אין רויך, און אַז דער גראָבער שורש איז פאַרבליבן ביי זיין גראָבקייט. איינמאָל, בשעת זי האָט מיט אים צוזאַמען געמאַכט אַ באַזוך ביי אירע אַ באַ־קאַנטע פאַר־פאָלק, האָט ער איר דאָרטן געמאַכט אַן אומדערהערטן סקאַנדאַל, מיט וועלכן ס׳האָט דערנאָך געקלונגען די שטאָט, און פון גרויס צער איז זי קומענדיג אַ היים אַריין אין שטאַל, און האָט זיך דאָרטן אויפגעהאַנגען.

אָט די דאָזיגע מאָהילעווער שטיק טרויעריגע ווירקליכקייט האָט דינעזאָן אויסגענוצט אַלס טעמע צו אַן ערציילונג אין צוויי טייל אונטערן נאָמען „ב ע ו ן־א ב ו ת" (צוליב די זינד פון עלטערן). אַז די ערציילונג איז ביי אים פאַרטיג געוואָרן, האָט ער זי פאָרגעלייענט פאַר באַדאַנעס קרייזל, וואו זי האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ שטאַרקן רושם. די אַלגעמיינע מיינונג איז דאַן געווען, אַז אין דינעזאָנען איז דאָ אַ סך פונקען פון קינסטלערישן טאַלענט; ער דאַרף נאָר ניט בלייבן שטיין אינמיטן. דינעזאָן האָט גלייך זיין ערציילונג אָפּגעשיקט קיין ווילנע צו דבורה ראָם, וועלכע האָט איר איבערגעגעבן אין צענזור. אין יענער צייט איז אין ווילנע געווען אַ צענזאָר פאַר יידישע ספרים איינער אַ ו ו אָ ה ל, אַ געוועזענער לערער פון ראַבינער־שול, און גראָד האָט געדאַרפט פאַסירן, אַז צו־פעליג איז אָט דעם וואָהלס פרוי געווען אַ נאָהענטע קרובה פון דעם מאָהילע־ווער אכזריות׳דיגן פאָטער, און אי זי אי איר מאַן האָבן געוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע, און דאָס איז געווען די אמת׳ע סבה פון דעם, וואָס וואָהל האָט דינעזאָנס „בעון־אבות" פאַרבאָטן, כאָטש ער האָט אויסגעקראַצט, און האָט אויף דעם געפונען גאָר אַן אַנדער תירוץ...

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז דיזעלביגע ערציילונג, און כמעט מיט אַלע אירע פרטים, איז אין אָנדערטהאַלבן יאָר אַרום באַאַרבעט געוואָרן אין העב־רעאיש דורך דינעזאָנס געוועזענעם חבר, דער שפּעטערדיגער סאָציאַליסט־רע־וואָלוציאָנער אלעזר צוקערמאַן, וועלכער האָט שוין דאַמאָלסט געוואוינט אין

ווין, און איז געדרוקט געוועןאין דער פאָרם פון אַ טאָג-ביכל אונטערן נאָמען „עולם הפוך“ (אַ פאַרקערטע וועלט) אין סמאָלענסקינס חדש-זשורנאַל „השחר“*).

דינעזאָן האָט זיך שטאַרק מצער געוועןאויפן פאַרבאָט פון זיין ערשטער ערציילונג. ריידנדיג מיט אים אַמאָל אין וואַרשע וועגן דער דאָזיגער ניט פאַרעפנטליכער ערציילונג, האָב איך פון אים געהערט די פאָלגנדע אינטערעסאַנטע באַמערקונג:

— לייט רופן מיך היינט „דער באַשאַפער פונם יידישן סענטימענטאַלן ראָמאַן“. וואָלטן זיי אָבער געלייענט מיין „בעון-אבות“, וואָלטן זיי צו דער דאָזיגער מיינונג ניט געקומען. מיין „בעון-אבות“ איז געוועןהעכסט רעאַליסטיש, און, אפשר, שוין צופיל רעאַליסטיש; דאָס איז געוועןאַ ריכטיגע קאָפּיע פון דער ווירקליכקייט, וועלכע כ'האָב אַליין בייגעוואוינט, און אין וועלכער כ'האָב מיך אין אַ געוויסער מאָס באַטייליגט. סענטימענטאַל בין איך ערשט געוואָרן נאָך דעם. אַ שפּעטערדיגע פּרשה פון מיין לעבן האָט מיך געמאַכט סענטימענטאַל...

כ'האָב שוין דאַמאָלסט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען דעם פּשט פון די דאָזיגע ווערטער. דעם לעזער וועט דאָס דערקלערט ווערט אין איינעם פון די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך.

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און דינעזאָן האָט זיך גענומען שרייבן אַ צווייטע ערציילונג. דאָס איז געוועןזיין גרויסער ראָמאַן „הנאהבים והנעימים“, וועלכער איז ביי אים פאַרטיג געוואָרן נאָך ווייניגער ווי אין אַ חודש צייט; מיט אַזאַ ענערגיע און מיט אַזאַ אימפּעט האָט ער אים געשריבן. דעם מאָל איז ער שוין לכתחילה צוליב זיין ראָמאַן אַליין געפאָרן קיין ווילנע. ער האָט געוואָלט אַליין זיין דערביי און זעהן, צי וועט זיין נייער חבור אַרויס אַ גאַנצער פון צענזאָרס הענט. דער „הנאהבים והנעימים“ האָט געפונען לייטזעליגקייט אין די אויגן פון צענזאָר, און ער האָט אים דורכגעלאָזן בשלום**) און דבורה ראָם האָט אים תּיכּף איבערגעגעבן צום דרוק.

ווי דינעזאָן האָט מיר אַמאָל דערציילט האָט ער, באַקומענדיג צוריק דעם ראָמאַן פון צענזור, אים פאָרגעלייענט צוויי אָוונטן נאָך דער ריי ביי דבורה ראָם אין שטוב פאַר א קליינער געזעלשאַפט פון אירע באַקאַנטע, אַלע פון דער ווילנער יידישער אַריסטאָקראַטיע, צווישן וועלכע ס'איז געוועןאויך אַייזיק מאיר דיק. אַז ער האָט געענדיגט לייענען, האָט אים איטליכער פון די אַנוועזנדע אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן דער ערציילונג. דער אַלגעמיינער

*) זעה די הערה אויף דער 63 זייטל.

**) נאָר אין איין פּרק, וואו עס ווערט דערמאָנט די פּעטערבורגער תּפיסה, האָט דער צענזאָר אויסגעמעקט ביי אַ האַלבער זייטל.

אַיינדרוק איז געווען זעהר אַ גוטער. אויך דיק איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

— איך וואָלט דאָס ניט געקענט; אַזאַ גרויסער ספר מיט אַזוי פיל העלדן! וואו נעמט מען דאָס אַזאַ כּוח צו טראָגן דאָס אַלץ אויפן קאָפּ? איך בין מיך נוהג האָבן צו טאָן נאָר מיט איין פּאַרשוין, צוויי טרעפט איר ביי מיר נאָר איינמאָל אין אַ שמיטה. ווייטער געפין איך, אַז אַייער ספר איז עפּעס אַ ביסל צו אומעטיגלאַך; ס׳פעלט אין אים אָט יענער תּבלין, וואָס קיצלט דעם מילץ..

.II

דינעזאָן וויל מפצה זיין די משכּילים מיט אַן העברעאישן אַרטיקל.—די אומער־וואַרטע רעזולטאַטן פון זיין אַרטיקל.—סמאָלענסקינס באַמערקונג וועגן ייִדיש.—דער שלעכטער אײַנדרוק פון דער דאָזיגער באַמערקונג אויף דינעזאָנען.—די־נעזאָן אַנטפּלעקט אין זיך, אַז ער איז פאַרליבט.—זיין באַזונדער באַמיהען זיך צו האַלטן זיין ליבע פאַרבאָרגן.—זײַנע געפילן ווערן באַמערקט פון זײַטיגע.—דינעזאָנס לײַדן.—זיין באַשלוס אויפצודעקן פאַר איר זיין האַרץ.—זיין שוואַכ־קײַט דאָס צו פאַרווירקליכן.—זי פאָרט אָפּ קיין ווין, און דינעזאָן פאַרבלײַבט מיט זיין סוד.—עטליכע פאַקטן פון מיין פערזענליכן לעבן.—דער מאָהי־לעווער קרײַזל אין ווין.—סמאָלענסקין אַלס מיטגליד פון דעם קרײַזל.—דער קרײַזל וועגן דינעזאָנס ליבע.—דינעזאָן וויל קומען קיין ווין, און פאַר־בלײַבט אין מאָהילעוו.—מיט וואָס דינעזאָנס ליבע האָט זיך פאַרענדיגט.—דינעזאָנס טרויעריגע שליחות קיין ווילנע.—דינעזאָן קומט צוריק קיין מאָהילעוו און ווערט קראַנק.

נאָכדעם ווי דינעזאָן האָט אָפּגעדרוקט זיין „הנאהבים והנעימים”, וועלכער האָט ביים גרויסן עולם שטאַרק נושא חן געווען, האָט זיך אים גאָרניט גע־קאָנט לייגן אויפן שכל, אַז ס׳וועט נאָך אַוועקגיין אַ משך פון אַ יאָר פופצעהן איידער ער וועט פאַרעפנטליכן אין דרוק אַ צווייטע זאַך. אים האָט זיך, פאַר־קערט, געדאַכט, אַז פון איצטער אָן וועט ער נאָכאַנאַנד נעמען שרייבן און דרוקן, דרוקן און שרייבן, און ער האָט שוין אפילו וועגן דעם, זייענדיג דעם לעצטן מאָל אין ווילנע, געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דבורה ראָם. און ווירקליך: ס׳איז אַריבער נאָר אַ קורצע צייט, בערך, זיבנט ס׳איז אַרויס זיין „הנאהבים והנעימים”, און ער איז שוין צוגעטראָטן צו שרייבן אַ נייע ערציילונג,— „אביגדור ל” האָט זי געהייסן. דינעזאָן איז נאָך אָבער דאַן געווען, ווי אַלע משכּילים פון יענער צייט, אַ שטאַרקער אָנהענגער פון העברעאיש, אַ הייסער חסיד פון דער העברעאישער ליטעראַטור מיט אירע שרייבער, באַזונדערס פון סמאָלענסקינען, וועמען ער האָט, ממש, פאַרגעטערט, און דעריבער האָט ער

געוואָלט ווייזן פאַר דער משכיל׳שער וועלט, אַז זיין פאַרנעמען זיך מיט שרייבן יידיש, הייסט ניט, דאָס ער האָט שוין אָפּגעשניטן איינגאַנצן פון דער השכלה שפּראַך, פון לשון־קודש. און געמיינט האָט ער עס צו דערווייזן דורך דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל אין „שחר״*), אין וועלכן ער האָט פאַרבייגייענדיג אויפגעהויבן אין הימל אַריין סמאָלענסקינען און ליליענבלומען, דעם רעדאַקטאָר פונם העבּרעאישן בלאַט „הצפירה״, חיים־זעליג סלאָנימסקין און אַנדערע. ער האָט גערעכנט, אַז נאָך דעם דאָזיגן אַרטיקל, וואו ער דערקענט זיך פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם פריינד און ליבהאָבער פון העבּרעאיש, איז ער שוין דערמיט יוצא פאַר זיין משכיליזם, און קען זיך שוין רוהיג און זיכער פאָרזעצן זיינע יידישע ווערק, ניט איינרייסנדיג דערביי מיט די משכילי־הדור. אָבער גאָר אומגעריכטערהייד פאַר אים האָט געבראַכט זיין אַרטיקל פונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן. נאָך מער: זיין אַרטיקל האָט אים ניט בלויז ניט אויסגעגליכן מיט זיינע חברים, די משכילים, און האָט אים ניט מקרב געווען צו זיי, נאָר אויך דערווייטערט און אָפּגעשטויסן האָט ער אים פון זיי. אָפּגעשטויסן האָט ער אים אָבער, אויף אַ געוויסער צייט צום ווענעגיגסטן, אויך פון יידיש...

צו דינעזאָנס דערמאָנטן מאמר אין „השחר״, אָט דאָ וואו ער רעדט וועגן אַ געוויסן יידיש בלאַט, האָט סמאָלענסקין אין אַ באַמערקונג אַרויסגעוואָרפן אַזאַ פראַזע: „אַ משכיל וועלכער שרייבט יידיש, איז דאָס ווי צוויי קאָנטראַסטן אין איין מענשן. אַ טעות האָבן די, וואָס מיינען, אַז כדי צו שרייבן אין דער דאָזיגער פאַרדאָרבענער שפּראַך, דאַרף מען האָבן אַ וועלכע עס איז פייהיגקייט״.

וועגן דעם דאָזיגן איינדרוק, וואָס די דאָזיגע סמאָלענסקיס באַמערקונג האָט אויף דינעזאָנען אין איר צייט געמאַכט, האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט פאָלגענדעס:

— כ׳בין דאַמאָלסט געווען אַ קינד פון מיין דור, אַ משכיל מיט משכילישע השגות. צוגעטראָטן צו שרייבן יידיש בין איך ניט אָן אַ געוויסן געפיל פון פחד, אַז דאָס וואָס איך טו איז אַ פגימה אינם כבוד פון דער השכלה, וועלכע האָט געקוקט, ווי ס׳איז באַוואוסט, פון תמיד אָן אויפן „זשאַרגאָן״ מיט קרומע אויגן. אין מיר האָט אפילו גובר געווען דער פאָלקס־אינסטינקט, יענער אינסטינקט, וועלכער איז צוזאַמענגעבונדן און צונויפגעוועבט מיט דער מוטער־שפּראַך. דאָך האָב איך מיך ניט געקענט לויז מאַכן פון געדאַנק, אַז מיטן אויפשרייבן און אָפּדרוקן פון מיין „הנאהבים והנעימים״ איז עפּעס מיין השכלה ווי וואַכעדיג געוואָרן, און זי וועט שוין ניט ווערן יענע „בת־השמים״, פאַר וועלכער איך האָב געקעמפּט מיט אַזאַ פייער קעגן די פינסטערע כחות זייענדיג

---

*) דער אַרטיקל הייסט „ה ה ר ג ל ו ה ב ק ר ת״ (די געוואוינהייט און די קריטיק), און איז געדרוקט אין „ש ח ר״ 6־טער יאָרגאַנג, העפטן 6—5.

אַ לערער אין דער מאָהילעווער תלמוד־תורה. האָב איך עס יעמאָלט געזוכט און נעגלויבט צו פאַרגלעטן אין אַן אַרטיקל, וואָס איך האָב געשריבן אין „השחר" און אָנגענומען זיך אין אים פאַר דער קריוודע פון אונזערע בעסטע העברעאי־שע שרייבער. ערשט מיט אַמאָל קומט צו גיין, און ניט קיין אַנדערער ווי סמאָלענסקין אליין, אָט דער מאַן, וועלכער איז ביי מיר תמיד געווען אַן אָפּ־גאָט, און וואָס זיינעם אַ וואָרט האָב איך שטענדיג געהאַלטן פאַר אַן אַקסיאָמע, פאַר אַ הלכה למשה מסיני, און ער פסק'נט אָפּ, אַז שרייבן יידיש איז פאַר אַ משכיל אַ חרפה, און אַז פאַרפאַסן ווערק אין יידיש קאָן יעדערער, און מ'דאַרף גאָר דערצו קיין שום כשרון ניט האָבן. אמת, מיט דער באַמערקונג האָט ער מיר אפילו אַביסל אָפּגעשלאָגן מיין חשק צו שרייבן יידיש, אָבער פון דער אַנדער זייט האָב איך מיך נוקם געווען אין סמאָלענסקינען און האָב מיין העברעאישע פען איינגאַנצן און לצמיתות אַוועקגעוואָרפן!...*)

— בכלל — אַזוי האָט דינעזאָן דאַן פאַרענדיגט — איז מיר סמאָלענסקינס באַמערקונג, און דוקא צו מיין אַרטיקל, געווען ווי אַ באַמבע. מיר האָט זיך עפּעס געדאַכט, אַז פון לכתחלה אָן איז געווען זיין כוונה נאָר מיך אַליין צוטרעפן פאַר מיין „הנאהבים והנעימים". זיינענדיג דאַמאָלסט בלאו הכי ניט ביים מוט, האָט דאָס מיר נאָך מער דענערווירט, און בין אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען דערפון ווי אַ צעמישטער.

אין יענער צייט איז דינעזאָן געווען שווערמיטיג און גייסטיג זעהר ני־דערגעשלאָגן. ער איז נאָך דאַמאָלסט ניט געקומען צו זיך פון דעם העכסט אָננעשטרענגטן און געדריקטן זעלישן צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך גע־פונען די לעצטע דריי פערטל יאָר. שרייבנדיג זיין ערשטן ראָמאַן „בעון־אבות", טיף־דורכפילנדיג בשעת מעשה די דראַמע פון דער מיידל, וועלכע מ'וויל דערוואַרטערן מיט גוואַלד פון איר געליבטן, האָט ער אין אַ שיינעם פרימאָרגן אין זיך אַנטפּלעקט, אַז ער, דער שילדערער פונם צווייטנס ליבע, איז אַליין פאַרליבט... ער האָט אַנטדעקט, אַז ער איז ניט גלייכגילטיג צו זיין תלמידה — די איינציגע טאָכטער פון באַדאַנע הורעוויטש... די שעה'ן, וואָס ער לערנט מיט איר פילט ער זיך איבער גליקליך; ער וואָלט וועלן, אַז די דאָזיגע שעה'ן זאָלן זיך אַזוי ציהען און ציהען... שפילט זי פאַר אים אויפן קלאַוויר דעם מאָטיוו פון מיכל גאָרדאָנס אַ ליד, וועלכען ער האָט איר אויס־געלערנט, מיינט ער, אַז ער איז אויפן זיבעטן הימל... און תמיד וואָלט זיך אים וועלן זיין נאָר לעבן איר, נאָר לעבן איר. ניט מיט איין פריילן באַ־געגנט ער זיך כמעט טעגליך ביי די הורעוויטשעס, און אַנדערע פון זיי זיינען

*) „לצמיתות", — אַזוי האָט מיר דאַמאָלס דינעזאָן בוכשטעבליך געזאָגט. מיט דער צייט האָט ער דאָס אָבער, אַפּנים, פאַרגעסן. אין 25 יאָר אַרום נאָך דעם אינצידענט מיטן „השחר" האָט דינעזאָן פאַרעפנטליכט אַ העברעאישע ערצעהלונג אונטערן נאָמען „מפני מה מאריכין ימים" אין נחום סאָקאָלאָווס זאַמלבוך „ספר השנה", דריטער יאָרגאַנג.

אפשר, שענער, קליגער און אויך געבילדעטער, אָבער צו קיינער פון זיי ציט אים ניט זיין האַרץ ווי נאָר צו א י ר...

מיט זיין גאַנצן יוגנטליכן פייער האָט דינעזאָן געליבט; ער האָט אָבער געטראָגן זיין ליבע אין האַרצן פאַרבאָרגן פון אַ מענשנס אויג. קיינער האָט עס ניט געזעהן און קיינער האָט עס ניט געמערקט. זיין ליבע איז ביי אים געווען טייער און הייליג, און ער האָט זיך געסטאַרעט ניט וואָכעדיג צו מאַכן איר דורך אַ וועלכער ס׳איז זייטיגע מחשבה. די סענטימענטאַלסטע ליבעס־פראַזן פון זיין „הנאהבים והנעימים״ זיינען געשריבן געוואָרן אונטער דעם איינד־רוק פון זיין דאַמאָלסטיגער אינערליכער פערזענליכער איבערלעבעניש. צווישן די שורות פונ׳ם דאָזיגן ראָמאַן האָבן זיך דאָ און דאָרטן אָפגעשפיגלט די נער־וועאישע צאַפּלענישן פון זיין טיף־ליבנדער נשמה, האָט דאָ און דאָרטן אָפּגע־קלונגען די וויברירנדיגע ציטערניש פון אירע געהיימסטע סטרונעס. אָבער קיין ווידער־קלאַנג האָט זיך ביי אים ניט אַראָפּגעריסן פון די ליפּן, אפילו ניט דעם שוואַכסטן עכאָ פון זיינע געפילן; אַזוי האָט ער זיי אָפגעהיט, און אַזוי האָט ער אויף זיי געוואַכט...

לאַנג האָט עס אָבער ניט געקאָנט דויערן. ווי דער צייטיגער עפּל, וואָס רייסט זיך פון בוים, איז געקומען אַ צייט, ווען דינעזאָן האָט שוין מער ניט געקענט באַהערשן זיינע געפילן, און האַלטן זיי כסדר איינגעשפּאַרט בחדרי־חדרים... אויף זיין פנים האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ מסור... ס׳האָט זיך אָנגע־פאַנגען צו וואַרפן אין די אויגן, אַז אין זיין תלמידה׳ס געגנוואַרט קוקט ער עפּעס אויס גאָר אַנדערש, און אַז זיין באַציהונג צו איר טראָגט גאָר אַן אַנדער כאַ־ראַקטער, אַ פיל פריינדליכערן, אינטימערן. באַמערקט האָבן דאָס צוערשט די פרעמדע, די זייטיגע, און באַזונדערס די מיטגלידער פון באַדאַנע הורעוויטשעס קרייזל. פון די שטוביגע גופא, האָט דאָס קיינער ניט באַמערקט, און ווייניגער פאַר אַלעמען די געליבטע אַליין...

די דאָזיגע לאַגע האָט זיך געצויגן אַ האַלב יאָר אַן ערך. דינעזאָן האָט אָנגע־הויבן צו ליידן... געליטן האָט ער דערפון, וואָס ד י, צו וועלכער עס געהערן אַלע זיינע טייערסטע און הייליגסטע געפילן און חלומות, און וועגן וועלכער ער הערט ניט אויף צו טראַכטן טאָג און נאַכט, הויבט אים גאָר ניט אָן צו פאַר־שטיין, און האָט קיין שום אַנונג ניט פון דעם, וואָס עס קומט אין אים פאָר. נאָך פילע איבערלעבענישן און אינווייניגסטע מלחמות האָט ער באַשלאָסן אויפצודעקן פאַר איר זיין האַרץ. הגם לויט ווי ער האָט געקענט די הורעוויטשעס און זייערע אָנשויאונגען, האָט ער אפילו גאַנץ גוט געוואוסט, אַז צו רעאַלישע רעזולטאַטן קען דאָס בשום אופן ניט ברענגען, האָט זיך אים פונדעסטוועגן געוואָלט, אַז זיין ליבע זאָל ניט פאַרבלייבן קיין סוד פאַר דער, צו וועמען זי געהערט. עס זיינען אָבער אַוועק טעג און וואָכן, און ער האָט זיין באַשלוס ניט געקענט פאַרווירקליכן. צו שוואַך איז ער אויף דעם געווען, און צו באַ־שיידן. דערווייל האָט מען אין שטוב אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער טאָכטערס אָפּ־

פאָרן קיין ווין. דערוועקט האָט זיך דער געדאַנק צוליב די פאָלגנדע טעמים: ערשטנס, האָט באַדאַנע געקראָגן מורא, אַז מיט דעם וואוקס פון דער נאַראָ-וואָליער באַוועגונג אין מאָהילעוו זאָל אויך איר טאָכטער סוף-סוף ניט פאַלן פאַר אַ קרבן דער אַנטלויפונגס-עפּידעמיע, און צווייטנס, כּדי זי זאָל דאָרטן פאַרפולקומען איר מוזיקאַלישע אויסבילדונג. צוליב דעם ענין, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ באַזונדער פאַמיליען-באַראַטונג, צו וועלכער מ'האָט, ווי שטענדיג, צו-געצויגן אויך דינעזאָנען. מ'קען זיך לייכט פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ האַרץ דינעזאָן האָט אָנטייל גענומען אין דער דאָזיגער באַראַטונג. ער איז אָבער גע-ווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געפונען פאַר נויטיג און פאַר דרינגענדיג, אַז זי זאָל פאָרן קיין ווין...

די לעצטע טעג פאַר איר אָפּפאָרן פון מאָהילעוו זיינען געווען פאַר דינעזאָנען טעג פון טאַנטאַלוס-יסורים. וויפיל מאָל האָט ער זיך שוין געמאַכט אַ האַרץ אַרויסצוזאָגן איר זיינע געפילן, איינמאָל האָט זיך שוין געוועסט אַרויס-געריסן ביי אים פון מויל: איך האָב אייך עפּעס צו פאַרטרויען וואָס וויכטיגעס", און זי האָט זיך דאַן גראָד פאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס ער וויל איר זאָגן. ער איז אָבער געבליבן שטיל, און האָט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט.

און אַזוי איז זיין תּלמידה אין אַ געוויסן טאָג אַוועקגעפאָרן קיין ווין, און דינעזאָן איז פאַרבליבן מיט זיין סוד...

כּדי פאָרצוזעצן מיינע נאָטיצן וועגן דינעזאָנען געפין איך פאַר נויטיג איבערצוגעבן דאָ עטליכע פאַקטן פון מיין אייגענעם פּערזענליכן לעבן.

אין חדש מאַי 1876, נאָר אָקאָרשט-וואָס אַוועקגעלאָזן די באַנק פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, בין איך געקומען קיין ווין. געקומען בין איך אַהין לערנען זיך, אָדער, ווי ס'האָט דאַן געהייסן: שטודירן, לויט דער עצה פון סמאָלענסקינען, דער דאַמאָלסטדיגער לייכט-שטערן און וועג-ווייזער פון פיל תּלמודיש-אויסגעבילדעטע יונגע לייט אין מיין עלטער. איינער פון די מינסקער אינג-עליגענטע גבירים, וואָלף ראַפּאָפּאָרט (אַ זון פונם ווייט און ברייט באַרימטן ר' זיסעלע ראַפּאָפּאָרט), וועלכער האָט מיר גוט געקאָנט און האָט זיך זעהר אינטערעסירט מיט מיין וועלטליכער אויסבילדונג, האָט מיר דאַן געגעבן קיין ווין אַ שריפטליכע רעקאָמענדאַציע צו איינעם זיינעם אַ באַ-קאַנטן, אַ געוויסער ראָזנשטיין. דער דאָזיגער ראָזנשטיין האָט מיט אַ יאָר פופצעהן פאַר דעם געוואוינט אין מאָהילעוו, און איז דאָרטן געווען אַ גרוי-סער עושר. מיט דער צייט האָט זיך אָבער אַ דריי געטאָן די רעדל, און ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ יורד. דאַן איז ער מיט דער פאַמיליע אַרויסגעפאָרן קיין ווין, און האָבנדיג אַ שם פון דערהיים פאַר זעהר אַן ערליכן מאַן, איז ער דאָרטן געוואָרן אַ קאָמיסיאָנער-פאַרמיטלער צווישן עסטרייכישע געשעפטס-פירמעס מיט גרויסע יידישע האַנדעלס-הייזער אין רוסלאַנד. ראָזנשטיינס פאַמיליע (אַ פרוי מיט צוויי שוין דערוואַקסענע טעכטער און אַ איינגערער זון, אַ שילער),

װעלכע איז געװען אַ גאַנץ אינטעליגענטע, האָט געדינט פּאַר אַ צענטער פון די מאָהילעװער, װאָס האָבן זיך יעמאָלט אויפגעהאַלטן אין װין, און באַזונדערס פון דער שטודירנדער יוגנט. זעהר אַן אָפטער אײַנגייער איז דאָרטן געװען אויך סמאָלענסקין, װעלכן ס׳האָבן פאַרבונדן מיט די ראָזנשטיינס אַלטע בשותּפות׳דיגע זכרונות פון דער צייט, װאָס זיי האָבן נאָך געװאוינט אין מאָהילעװ. בעת סמאָלענסקין איז געװען אַ זינגערל ביים מאָהילעװער שטאָט־חזן, פלעגט ער אַמאָל אַ שבת, אָדער אַ יום־טוב, קומען מיטן חזן און מיט די אַלע איבעריגע משוררים צו דעם ראָזענשטיינען, װעלכער איז דאַמאָלס געװען איינער פון די שול־גבאים, און אויפזינגען לכבוד אים פאַרשיידענע נגונים. איך געדענק, אַז סמאָלענסקין פלעגט דאָס האָלט האָבן צו דערמאָנען, און אַז ראָזנשטיין פלעגט דערמיט זעהר שטאָלצירן.

דעם גאַנצן ערשטן חדש נאָך מיין קומען קיין װין האָב איך מיך אויפגעהאַלטן ביי דער דאָזיגער פאַמיליע ראָזנשטיין. פאַר דער צייט האָב איך באַװיזן באַקאַנט צו װערן מיט אַלע מאָהילעװער, די שטענדיגע באַזוכער פון ראָזנשטיינס הויז. צװישן זיי איז אויך געװען דער הײַנטיגער העברעאישער שריפטשטעלער און פאָפּולערער קיעװער נאַציאָנאַליסטישער עסקן משה קאַמיאָנסקי, דער שוין דאַמאָלס געװעזענער סאָציאַליסט־רעװאָלוציאָנער אלעזר צוקערמאַן*), און באַדאַנע הורעװיטשעס טאָכטער—דינעזאָנס אידעאַל, װעלכע פלעגט אַהין אויך אַריינקומען, אמת זעלטענער פּאַר אַל׳עמען. װעגן דער דאָזיגער יעמאָלטדיגער פריילין הורעװיטש איז מיר הײַנט פאַרבליבן אין זכרון די פאָלגנדע קליינליכע פּרטים: אַז זי איז געװען פון מיטעלן װאוקס, אַ ברונעטין, און אַז צוקערמאַן פלעגט זיך אויף איר תּמיד בלאָזן, און כמעט מיט איר קיינמאָל ניט רעדן. איצטער נעם איך ערשט פאַרשטיין, אַז ער האָט דאָס דאַמאָלס געטאָן איבער זיין אָרגאַנישער שנאה צו די ריי כע. כ׳דערמאָן מיך װעגן איר נאָך אַ פּרט: מ׳האָט דערציילט, אַז אויף סמאָלענסקינס חתונה, װעלכע איז געװען מיט אַ האַלב יאָר צוריק, זײַנען פאָרגעקומען די טענץ אונטער איר קלאַװיר־באַגלייטונג, און אַז דער עולם איז אַװעק פון איר שפּילן ממש אַנטציקט, פאָראויס זאָגנדיג איר אַ גלענצענדע מוזיקאַלישע צוקונפט. קלאָרער פון אַלץ געדענק איך אָבער דעם פאַקט, אַז בעת ס׳פלעגט אַמאָל אײַנם מאָהילעװער קרייזל אויסקומען צו רעדן װעגן איר אונטער די אויגן, פלעגט מען כמעט תּמיד דערביי דערמאָנען דינעזאָנס נאָמען. דאַן האָב איך ניט געװאוסט, און האָב מיך אויך ניט אינטערעסירט צו װיסן, װעגן װאָס עס גייט דאָ דאָס געשפּרעך. אין אַ געװיסער צייט אַרום, נאָכדעם װי כ׳האָב דערגאַנגען די פּרטים װעגן דינעזאָנס ליבעס־עפּאָפּייע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז פאַר ראָזנשטיינס טעכטער, װעלכע האָבן כּסדר קאָרעספּאָנדירט מיט זייערע מאָהילעװער חבר׳טעס, איז דינעזאָנס ראָמאַן קיין סוד ניט געװען, און ממילא האָט

*) צוקערמאַן האָט זיך דאַמאָלס געלערנט זעצעריי אין סמאָלענסקינס דרוק.

שוין דערפון געוואוסט דער גאַנצער קרייזל, און וועגן דעם האָט מען דאָס דאַן געשמועסט. ניט פאַרגעסן האָב איך אויך, דאָס איינמאָל האָט עמיצער פון די מאָהילעווער דערציילט ביי ראָזנשטיינען, אַז דינעזאָן האָט אנגעפרעגט אין אַ בריוו ביי סמאָלענסקינען, צי ער זאָל קומען קיין ווין, און אויב ער קען האָבן אויסזיכטן זיך איינצואָרדענען זיך דאָרטן.

צוויי יאָר איז דאָס פריילין הורעוויטש אָפּגעווען אין ווין; דערנאָך איז זי פון דאָרטן אָפּגעפאָרן צו פאַרענדיגן איר מוזיקאַלישע בילדונג אין פאַריז. אינ׳ם משך פון דער צייט האָט איר דינעזאָן פיל מאָל געשריבן; אָבער אַלע זיינע בריוו זיינען געווען געווידמעט נאָר דעם איין ענין, וועלכער האָט איר מער פון אַלץ אינטערעסירט—דער מוזיק, אויף וויפיל ער האָט עס פאַר־שטאַנען אַלס דילעטאַנט. וועגן זיינע געפילן האָט זיך ניט געפונען אין די בריוו אפילו דער קלענסטער וואונק. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ פריהערדיגן שטאַרקן אינווייניגסטן געראַנגל...

ערשט אין דריי יאָר אַרום איז זי צוריקגעקומען קיין מאָהילעוו. פאַר דער צייט האָט דינעזאָן געוועסט פיל מאָל ביי זיך באַשלאָסן צו לאָזן זיין לערער־שטעל ביי די הורעוויטשעס, און אַוועקפאָרן פון מאָהילעוו. אויף דעם איז ער אָבער אויך צו שוואַך געווען. ער האָט זעהר ליב באַקומען באַדאַנע הורעוויטשעס הויז מיט דער גאַנצער פאַמיליע, און האָט זיך צו זיי געפילט שטאַרק צוגעבונדן, און דעם געדאַנק וועגן צו שיידן זיך מיט זיי האָט ער פון זיך יעדעס מאָל אָפּגעטריבן מיט אַלע כחות.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט נאָכדעם ווי הורעוויטשעס טאָכטער האָט זיך צוריקגעקערט פון אויסלאַנד, און מ׳האָט איר אָנגעהויבן צו רעדן שידוכים. יעדער פאָרשלאָג פון אַ שדכן איז אַרומגערעדט געוואָרן אין אַ פאַמיליען־ראַט, און צו יעדער פאַמיליען־ראַט איז איינגעלאַדן געוואָרן אויך דינעזאָן... דאָס פריילין האָט דערפון געוואוסט, און פלעגט אָפט זאָגן דינעזאָנען אין שפּאַס: זעט, הער לערער, פאַרנאַרט מיר אָקאָרשט ניט... דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען דינעזאָן האָט איר נאָך ניט אויפגעהערט צו ליבן מיט דער גאַנצער גלוט פון זיין נשמה.

דינעזאָנען איז אָבער באַשערט געווען אַריבערצוטראָגן נאָך אַ פיל שווע־רערן נסיון. אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען צופאָרן צו באַדאַנע הורעוויטש צו גאַסט אירער אַ פּלימעניק, אַ יונגער נאָר וואָס געענדיגטער דאָקטאָרל, דבורה ראָמס אַ זון. דער גאַסט האָט זיך באַלד פאַרליבט אין זיין שוועסטער קינד, און גאָר אינגיכן איז שוין דינעזאָן געפאָרן קיין ווילנע אַלס באַפולמעכ־טיגטער פון די הורעוויטשעס אָפּצורעדן וועגן דער חתונה...

קומענדיג צוריק פון ווילנע איז דינעזאָן קראַנק געוואָרן, און איז אַ וואָכן דריי ניט אַראָפּ פון בעט.

III.

דינעזאָן װיל קומען קײן ברעסלוי אום אַרײַנצוטרעטן אין ראַבינער־סעמינאַר.— זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיט פּסח רודערמאַן.—דינעזאָן ניט איבער רודערמאַנען זײַן גאַנצע ליבעס־געשיכטע.—רודערמאַנס טרײסט־בריװ.—מײַן ערשטער בריװ צו דינעזאָנען.—דינעזאָן פאַרבלײַבט אויף אַן אָרט.—דינעזאָן פאָרט אַרויס מיט הורװיטשעס פאַמיליע קײן קיעװ.—דינעזאָן קערט זיך אום צו דער ליטעראַרי־שער טעטיקײט.—קיעװער „ליטעראַרישער זומפּ".—זײַן שלעכטער אײַנדרוק אויף דינעזאָנען.—דינעזאָן קומט קײן װאַרשע.—מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אים.—איך מאַך מיט אים װיזיטן בײַ װאַרשעװער ליטעראַטן.

אין 1877־טן יאָר בין איך פון װין אָפּגעפאָרן קײן ב ר ע ס ל ו י מיט דער
דעה אַרײַנצוטרעטן אין דעם דאָרטיגן ראַבינער־סעמינאַר. דאָרטן האָב איך מיך
באַקאַנט מיט אַ תלמיד פון סעמינאַר, אַ באָריסעװער יונגערמאַן מיטן נאָמען
פּ ס ח ר ו ד ע ר מ אַ ן. דער דאָזיגער רודערמאַן איז דאַן געװען אַ שטענדי־
גער מיטאַרבעטער פון „שחר", און האָט ביים העברעאישן לעזע־פּובליקום גע־
האַט אַ נאָמען פון אַ פיל פאַרשפּרעכעדיגן פּובליציסטישן טאַלענט. אײנמאָל
דערציילט מיר רודערמאַן אַ מעשה, אַז ער האָט דערהאַלטן אַ בריװ פונם מחבר
פון „הנאהבים והנעימים", װעלכער פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל אים צושיקן
דאָס פּראָגראַם פון סעמינאַר, װײַל ער װיל קומען קײן ברעסלוי אום צו שטו־
דירן דאָרטן אַלס דאָקטאָר־ראַבינער. רודערמאַן האָט ממלא געװען דינעזאָנס
בקשה, און האָט אים אַרויסגעשיקט דאָס פּראָגראַם. פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך
רידערמאַן אָנגעהויבן אויפצושרײַבן מיט דינעזאָנען. זײערע ערשטע בריװ האָבן
געטראָגן אַ אידײאישן כאַראַקטער. זײ האָבן זיך ביידע מתװכח געװען װעגן
חסידיזם. רודערמאַן, אַ געבאָרענער חסיד, אַ חבד־ניק, האָט הייס פאַרטיידיגט
דעם לאַדיער רבי׳ן ר׳ שניאור זלמן געגן דעם װילנער גאון, און דינעזאָן, אַ
פאַרברענטער מתנגד, האָט געהאַלטן סטאָל און אײַזן פאַרן גאון. אַרויפגעבראַכט
רודערמאַנען אויף ד ע ר טעמע האָט דינעזאָנס אַרטיקל אין „שחר", װעלכן
כ׳האָב דערמאָנט אין פאָריגן קאַפּיטל. אין דעם דאָזיגן אַרטיקל, אין װעלכן דינע־
זאָן האָט אין עטליכע שורות אָנגערירט דעם חסידיזם, האָט ער דערמאָנט, אַגב
אורחא, רודערמאַנען און אַרויסגעזאָגט אַ מײנונג ג ע ג ן אים. דערהאַלטנדיג דעם
ערשטן בריװ פון דינעזאָנען װעגן דאָס פּראָגראַם פונ׳ם ברעסלויער ראַבינער־
סעמינאַר, האָט זיך רודערמאַן באַנוצט מיט דער געלעגנהייט אויפצוקלערן די־
נעזאָנען זײַן שטאַנד־פּונקט בנוגע דעם חסידיזם, און פון דאַמאָלסט אָן איז בײַ זײ
װעגן דעם ענין אַװעקגעגאַנגען אַ גרויסע און אַ ברײטע קאָרעספּאָנדענץ. מיט
דער צײַט זײַנען זײערע בריװ געװאָרן אַלץ מער פרײַנדליכער, אַלץ מער אינ־
טימער. פון טעאָרעטישע טעמעס זײַנען זײ שוין אַריבער צו פּערזענליכע. די־
נעזאָן האָט אין דעם געמאַכט דעם אָנהויב. ער האָט זיך גענומען קלאָגן פאַר

רודערמאַנען אויף זיין אומצופרידענקייט מיט זיך אַליין, אויף זיין שווערמיטיגן לעבן... רודערמאַן האָט אים אויף דעם געענטפערט, אַז קיין סתּם לשון פּאַר־שטייט ער ניט, און אַז ער וויל פון אים הערן קלאָרע דבורים. אין אַ געוויסן טאָג איז רודערמאַן געקומען צוגיין פון סעמינאַר אויפן קוואַרטיר (מיר האָבן דאַמאָלס געוואוינט ביידע צוזאַמען), און זאָגט, אַז ער האָט דערהאַלטן פון דינע־זאָנען אַ בריוו ווי אַ מגלה די גרויס, אין וועלכן ער גיסט אויס פאַר אים דאָס האַרץ. אינ׳ם דאָזיגן בריוו האָט דינעזאָן איבערגעגעבן רודערמאַנען די גאַנצע געשיכטע פון זיין ליבע מהחל ועד כּלה. אין אונזערע אויערן האָט דאָס דאַן געקלונגען ניט ווי אַ געוויינליכע געפיל־אויסגיסונג פון אַ געליבטן, נאָר ווי אַ מין לעצטער וואָרט, ווי אַ ווידוי... רודערמאַן האָט מיט זיין עכט חסידישן אָפּ־טימיזם תּיכּף אָפּגעענטפערט דינעזאָנען אַ לאַנגן טרייסט־בריוו, וועלכער איז געווען געשריבן האַלב פילאָסאָפיש האַלב הומאָריסטיש, און מיט אַ גרויסן, שוין צופיל אומצערעמאָנישן, בטול בנוגע צום ענין פון ליבע בכלל. פאַרענ־דיגט האָט רודערמאַן דעם בריוו מיט אַן עצה טובה צו דינעזאָנען, ער זאָל זיך די נאַרישקייטן אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, און זאָל וואָס גיכער קומען קיין ברעסלוי און נעמען זיך צום שטודירן. צו דעם בריוו האָב איך יעמאָלט אויך צוגעשריבן עטליכע שורות. דאָס איז געווען פון מיין זייט אַ תּשובה אויף דעם געריס, וואָס דינעזאָן האָט מיר געשיקט אין אַ בריוו צו רודערמאַנען נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט אין „המגיד“*) מיין קאָרעספּאָנדענציע פון ברע־סלוי וועגן דעם דאָרטיגן ראַבינער־סעמינאַר. כ׳געדענק, אַז אין מיינע דענסט־מאָלדיגע עטליכע שורות האָב איך אים אויך שטאַרק צוגערעדט צו וואַרפן וואָס שנעלער מאָהילעוו און צו קומען אַהער. מיר האָבן פון אים אויך געהאַט אַ תּשובה, אַז ער האָט באַשלאָסן אונז צו פאָלגן און צו קומען קיין ברעסלוי. פון טאָג צו טאָג האָבן מיר אים ערוואַרט; ער איז אָבער ניט געקומען...

שווער איז נאָך אַלץ געווען דינעזאָנען צו שיידן זיך פון באַדאַנע הורע־וויטשעס פאַמיליע, און, אפשר גיכער, פון דער הויז, אין וועלכער ס׳האָבן זיך פונאַנדערגעבליט די קנאָספּן פון זיין ערשטער און אויך לעצטער ליבע, און אין די אָנפאַנג 80־ער יאָרן, אַז די פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעקליבן וואוי־נען אין קיעוו, איז דינעזאָן מיט איר אויך אַהין אַריבער, אָבער שוין ניט אַלס הויז־לערער, נאָר אַלס בוכהאַלטער און קאַסיר אין הורעוויטשעס קאַנטאָר.

אין קיעוו האָט דינעזאָן, קענטיג, אָנגעהויבן צו זיך צו קומען און אָפּ־כאַפּן זיך ביסלאַכווייז פון זיינע מאָהילעווער שווערע איבערלעבענישן. ער האָט פיל געשריבן, און אַלץ אין יידיש; ער האָט אָבער דאַן קיין זאַך ניט גע־דרוקט. ער האָט דאַמאָלס ווי פאַרלאָרן יעדער לוסט צום דרוק. אין יאָר 1884, אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי איך האָב אַרויסגעגעבן מיין איבערזעצונג פון פינס־

---

*) „המגיד“, 21־טער יאָר נומער 7.

קערס „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן‟, האָב איך אַמאָל גאַנץ אומגעריכטערהייד דער־האַלטן פון דינעזאָנען אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט מיר, אַז דערוויסנדיג זיך מיין אַדרעס באַנוצט ער זיך מיט דער געלעגנהייט מיר מודיע צו זיין, אַז ער וואוינט שוין דריי יאָר אין קיעוו און איז ביי די הורעוויטשעס אויף אַ שטעל, און אגב פרעגט ער זיך נאָך וואָס איך מאַך און וואָס עס הערט זיך פון רודערמאַנען. וועגן רודערמאַנען האָב איך דאַמאָלסט דינעזאָנען גאָרנישט געקאָנט שרייבן, ווייל זינט מיר זיינען ביידע אויס מאַנגל אין מיטלען אַוועק פון ברעסלוי, האָט אונז דאָס לעבן צושיידט און פאַרוואָרפן אין פאַרשיידענע ערטער יעדערן פון אונז מיט זיינע באַזונדערע אינטערעסן און מיט זיינע באַזונדערע דאגות, און מיר האָבן איינער פון צווייטן גאָרנישט געהערט. אין דעם דערמאָנטן בריוו האָט מיר דאַן דינעזאָן פאַרבייגייענדיג געשריבן, אַז ער האָט זיך באַקאָנט מיט די קיעווער שריפטשטעלער, און אַז ער „פאַרשילט דעם טאָג, וואָס ער איז אַריינגעקומען אין זייערע ד׳ אמות‟...

מיט וואָס די קיעווער ליטעראַטן, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך יעמאָלט געפינען אַזעלכע פּערזאָנען ווי יהל״ל, שאַצקעס, ווייסבערג, דאָליצקי, און אַנדערע האָבן דאָס אַזוי ניט נושא־חן געווען ביי דינעזאָנען,—דאָס האָב איך דאַן ניט פאַרשטאַנען. די זאַך איז מיר ערשט אויפגעקלערט געוואָרן אַ היבשע צייט שפּעטער, בעת דער רעדאַקטאָר פון „המליץ‟, א. צעדערבוים, האָט אין אַ באַ־זונדער הוספה צו זיין בלאַט אַנטדעקט פאַר דעם יידישן פּובליקום דעם גאַנצן קיעווער ליטעראַרישן זומפּ. דורך דער דאָזיגער הוספה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קיעווער זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער זיינען פאַרפלאָכטן אין גאַנצע נעצן פון כל׳ערליי אינטריגעס איינער קעגן דעם צווייטן, און די שנאה צווישן זיי איז אַזוי גרויס, אַז מ׳וואָלט גערן איינער דעם אַנדערן דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דעם, וואָס איינער אַ בטלנישער טינטלער, אַ מחבר פון עטליכע קאָרעספּאָנדענציעס, האָט מקנא געווען איינעם אַן אמת׳ן טאַלענט, און אַרום דעם דאָזיגן קליינעם בעל־מקנא האָבן זיך גענו־מען גרופּירן נאָך אַזעלכע ניט־פאַרגינערס, און ס׳איז אַוועק אַ סדרה פון כל מיני אינטריגעס און רכיל׳אַכצן. גאַנצענע טעג איז מען געזעסן בחברותא און מ׳האָט אַלץ אויסגעקלערט וועגן דעם טאַלענט כל המינים ליגנס און בלבולים, וועלכע מ׳האָט אַפּריהער איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, און דערנאָך האָט מען זיך צו דעם צוועק גענומען באַנוצן מיט אַ קליינעם אינהאַלטס־אָרימען און מסופּק׳דיג־ריינליכן העברעאישן גאַליציאַנער בלעטל. דורך דעם דאָזיגן פּאַמפּלעטנ־בלעטל האָט די קיעווער באַנדע פאַרשפּרייט געגן אַ געוויסן פּאָפּו־לערן דיכטער און אויך געגן דעם רעדאַקטאָר פון „מליץ‟, וועלכער האָט פאַר־סיידיגט זיין כבוד, פאַרשיידענע נידעריגע אויסגעטראַכטע מעשיות, וואָס ניט געשטויגן ניט געפלויגן. דורך אַלערליי מאַכינאַציעס האָבן זיי צו זיך צוגעצויגן, ביודעים ובלא יודעים, אויך אַזעלכע שריפטשטעלער, וואָס זיינען געשטאַנען ווייט פון דער בלאָטע. גאָר ניט אָנפּרעגנדיג זיי און ניט נעמענדיג ביי זיי קיין

ערלויבניש, האָט מען זייערע חתימות אונטער די שענדליכסטע פּאַסקווילן אוועקגעשטעלט. איינער, וועלכן די „ליטעראַרישע" באַנדע האָט אַריינגעשלעפּט אין דער וואַקכאַנאַליע אָן זיין ידיעה, איז געווען אויך יעקב דינעזאָן, וועמענס נאָמען מ׳האָט ניט פרעגנדיג ביי אים אונטערגעשריבן אויף די פּאַמפלעטן. מ׳קען זיך גאַנץ לייכט משער זיין וויפיל אַזאַ ערליכע נשמה און אַזאַ מאָראַליש-זוי־בערע פּערזענליכקייט ווי דינעזאָן האָט פון אַזאַ מעשה איבערגעליטן. אין אַ געשפּרעך, וואָס כ׳האָב אַמאָל געהאַט מיט דינעזאָנען וועגן דעם ענין, האָט ער מיר געזאָגט:

— אַ לאַנגע צייט נאָך דעם ווי צעדערבוים האָט אַנטפּלעקט עפנטליך דעם דאָזיגן ליטעראַרישן סקאַנדאַל מיט זיינע אָנטיילנעמער, און איך האָב אין רייסטער געפונען אויך מיין נאָמען, האָב איך פאַר קיינעם די אויגן ניט געקענט ווייזן. כ׳בין ביי זיך אַליין אויסגעקומען עפּעס ווי איך וואָלט געהרג׳ט אַ נפש... עטליכע וואָכן נאָכאַנאַנד בין איך געזעסן איינזאַם פאַרשפּאַרט אין מיין קוואַרטיר, און האָב מיך ניט געוואַגט אַרויסצוגיין אויפן גאַס. כ׳האָב מורא געהאַט מ׳זאָל נאָך מיר ניט נאָכלויפן און טייטלען מיט די פינגער. און ניט אַזוי לייכט איז מיר נאָך דעם אָנגעקומען צו נעמען די פען אין האַנט. די לייט האָבן מחלל געווען ברבים מיין בית-המקדש, און טמא געמאַכט מיין מזבח... אַ דם שונא בין איך זיי פון יעמאָלט אָן געוואָרן, איך האָב מער קיינעם פון זיי די האַנט ניט געגעבן, מיט קיינעם פון זיי זיך ניט באַגריסט. דאָס, וואָס זיי האָבן מיר אָפּגעקאָסט, וועל איך זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן! — די לעצטע ווערטער האָט דינעזאָן אַרויסגעזאָגט אין זעהר אַ נערוועזישער אויפרעגונג.

ענדע יאָר 1835 איז דינעזאָן געקומען פון קיעוו קיין וואַרשע, וואו ער האָט זיך באַזעצט ביי זיין שוועסטער, וועלכע האָט דאָרטן געהאַט אַ געשעפט פון קינסטליכע פעדערן. האַרט פאַר פּסח 1883 בין איך געקומען קיין וואַרשע. דערוויסנדיג זיך, אַז דינענזאָן געפינט זיך דאָרטן, בין איך אים באַלד געגאַנגען באַזוכן. דעם ערשטן טאָג פּסח איז פאָרגעקומען אונזער ערשטע באַקאַנטשאַפט. איך געדענק, אַז אויף מיין פראַגע, צו האָט ער זיך שוין באַקענט מיט די וואַרשעווער ליטעראַטן, האָט ער מיר דאַמאָלס געענטפערט, אַז ווייל ער געפינט זיך נאָך אונטער דעם איינדרוק פון די קיעווער געשעהעניש, טרויט ער זיך נאָך ניט אַריינצוגיין אין באַציהונגען מיט די וואַרשעווער שריפטשטעלער. כ׳האָב אים דערקלערט, אַז וואַרשע איז ניט קיעוו, און האָב אים פאָרגעלייגט צו באַזוכן מיט אים צוזאַמען די וואַרשעווער ליטעראַטן פון מיינע באַקאַנטע. דעם ערשטן טאָג פּסח האָבן מיר ביידע געמאַכט אַ וויזיט ביי חיים-זעליג סלאָנימסקין, און אויף מאָרגן האָבן מיר באַזוכט שפּ״ר׳ן, און אַזוי כסדר; ביי אַנדערע שריפטשטעלער איז שוין דינעזאָן נאָכדעם אַליין געווען.

IV.

פסח רודערמאַן קומט קײן װאַרשע.—זײַן קריטישע לאַגע.—דינעזאָנס באַציהונג צו רודערמאַנס מצב.—איך מיט דינעזאָנען זוכן פאַר אים ליטעראַרישע אַרבעט.—די האָפענונגען אויף סלאָנימסקי'ן און אויף שפּר'ן.—רודערמאַן האָט פאַרלאָרן יעדע פֿעהיגקײט צום שרײַבן.—רודערמאַן װערט מעלאַנכאָליש און ביסלאַכװײַז פּסיכיש געשטערט.—זײַן פּלוצלונגער טויט.—דער אײַנדרוק פון זײַן טויט אויף דינעזאָנען.—די װאַרשעװער גמינע װיל מקבר זײַן רודערמאַנען אויף פּראַגע.—סלאָנימסקי זאָגט זיך אָפּ צו טאָן עפּעס ג ע ג ן דעם.—רודערמאַנס לויה.—א ל ע ז ר אַ ט ל אַ ס װעגן רודערמאַנען.

איין טאָג, ווי כ'בין מיר אַזוי געזעסן אין מיין צימער, האָט זיך געעפנט די טיר, און גאַנץ אומגעריכטערהייד איז אַרייַנגעגאַנגען—פ ס ח ר ו ד ע ר מ אַ ן. כ'האָב אים ניט גלייך דערקענט. אין די צעהן יאָר, וואָס כ'האָב אים ניט געזעהן, האָט ער זיך אויסערליך פיל אומגעענדערט. דאַן נאָך אין די מיטעלע יאָרן, האָט ער שוין פונדעסטוועגן אָנגעהויבן גראָה צו ווערן. אויף זיין געזיכט איז געלעגן אַ געוויסע מידיגקייט, אַ מין רעזיגנירונג, און מיט דער נערוועזישקייט פון זיינע באַוועגונגען און זיין גאַנצן זעהר אָרימען הילוך האָט ער געמאַכט דעם אַיינדרוק פון אַ מענשן, וואָס ווערט גערודפ'ט פון זיין שיקזאַל און טראָגט פיל אויפן האַרצן.

וועגן זיינע איבערלעבענישן אינם משך פון די לעצטע צעהן יאָר, האָט ער מיר דערציילט אין קורצן, אַז אַלע זיינע חלומות וועגן ענדיגן אַ וועלכע ס'איז הויכשול, זיינען אַוועק אין רויך. אַפריער אין ברעסלוי, און דערנאָך אין בערלין, האָט ער זיך פיל געראַנגלט מיט זיין גורל, האָט פיל געליטן און אַריבערגעטראָגן, און צום סוף האָט אים די נויט גובר געווען און אַייגעבראָכן. ער איז דאַן אַוועק קיין לאָדז, און איז דאָרטן געוואָרן אַ שטונדן-לערער. די ערשטע צייט האָט ער זיך נאָך געטרייסט, אַז ער וועט פון דער לערעריי אָפּשפּאָרן אַ געוויסן קאַפּיטאַל, און וועט דאַן אַוועקפאָרן צוריק קיין אויסלאַנד צו פאַרענדיגן דאָרטן זיין שטודיום. ער איז אָבער פאַרזונקען געוואָרן אין דער לערעריי, און האָט זיך שוין פון איר מער ניט געקענט אַרויסכאַפּן. דערווייל האָט ער חתונה געהאַט, און ביי היינטיגן טאָג האָט ער שוין אַ פרוי מיט דריי קינדער. זיין פּראָפעסיע האָט אים אָבער קיינמאָל ניט באַפרידיגט, מיט דער צייט האָט זי אים אַלץ וואָס מער דערעסן, ביז ער האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן, און האָט געוואָרפן זיינע שטונדן. איצטער איז ער געקומען קיין וואַרשע, וואו ער האָפט צו געפינען פאַר זיך ליטעראַרישע אַרבעט.

כ'בין מיט אים תּיכּף אַוועק צו דינעזאָנען. דינעזאָן, וועלכע האָט נאָך ביז יענער מינוט רודערמאַנען פערזענליך ניט געקענט, האָט זיך אים תּמיד פאַרגעשטעלט אונטער די אויגן, לויט דעם אַיינדרוק, וואָס ער האָט אַמאָל

אַרויסגעטראָגן פון זיינע בריוו, אַלס זעהר אַ לעבעדיגער יונגערמאַן, וועלכער איז שטענדיג אויפגעלייגט און מונטער, און טראָגט אונטערן בוזים אַ פּאַק „שפּיצן און וויצן" מהנה צו זיין מיט זיי צובראָכענע הערצער און נידערגע־שלאָגענע גייסטער. דערזעהענדיג פאַר זיך רודערמאַנען אין דער איצטיגער פּאָזע, האָט ער זיך דערפילט אַזוי אַנטוישט, דאָס ער האָט די ערשטע מינוטן ניט געגלויבט זיינע אויגן. ערשט אין עטליכע מינוטן אַרום, נאָכדעם ווי איך האָב אים אין אַ פּאָר ווערטער דערקלערט דעם מצב, האָט זיך דינעזאָן אָפּגערופן צו רודערמאַנען:

— נו, און אַ סטאַנציע האָט איר שוין?

— כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ לעבן וואָקזאַל,—האָט געענטפערט רודערמאַן.

— ניין, אַזוי טויג ניט! האָט דינעזאָן געזאָגט—; דאָרטן איז פאַר אייך צו ווייט; איר דאַרפט זיצן אין שטאָט. קודם־כל דאַרף מען פאַר אייך קריגן אַ קוואַרטיר.

כ'האָב דאַן קיין צייט ניט געהאַט מיט זיי לענגער צו פאַרברענגען, און בין אַוועקגעגאַנגען. אויף מאָרגן אינדערפרי איז צו מיר אַריין רודערמאַן, און דעם מאָל אין אַ שפּאָגל נייעם אָנצוג מיט אַ נייעם הוט. ער האָט מיר דער־ציילט, אַז נעכטן איז ער אַרומגעגאַנגען מיט דינעזאָנען אַ לאַנגע צייט זוכן אַ קוואַרטיר, און אַז ער האָט געפונען אַ צימער אויף מוראַנאָוו. כ'האָב דאַן פאַרשטאַנען—און אַזוי איז דאָס טאַקע ווירקליך געווען—אַז מיטן נייעם קאָסט־יום האָט אים דאָס אויך נאָר דינעזאָן באַזאָרגט.

אינם זעלבן טאָג אין אָוונט זיינען מיר געזעסן ביי דינעזאָנען און זיך מישב געווען, ווי אַזוי מ'באַקומט פאַר רודערמאַנען ליטעראַרישע אַרבעט. מיר האָבן זיך דאַמאָלסט אָפּגעשטעלט אויף צוויי מעגליכקייטן: צו קריגן פאַר אים באַשעפטיגונג אין דער רעדאַקציע פון „הצפירה", אָדער ביי שפּר'ן, וועל־כער האָט דאַמאָלסט אַרויסגעגעבן זיין זאַמלבוך „כנסת ישראל". די ערשטע מעגליכקייט איז ביי אונז דאַמאָלסט אויסגעקומען פאַר זיכערער צוליב די פאָלגנדע טעמים: ערשטנס, איז אין אַ צייטונג דאָ מער וואָס צו טאָן און דערצו איז די אַרבעט אַ שטענדיגערע, און צווייטנס, האָבן מיר געבויט אויף דעם, וואָס רודערמאַן האָט אַ יאָר דריי פאַר ברעסלוי געלערנט אין זשיטאָמי־רער ראַבינער־שול, בעת סלאָנימסקי איז דאָרטן געווען דער אינספּעקטאָר, און ער דאַרף אים דעריבער גוט קענען.

נאָכדעם ווי רודערמאַן האָט אונז ערקלערט, אַז אים אַליין איז שווער צו גיין זוכן פאַר זיך אַרבעט, איז ביי אונז פאַרבליבן, אַז דינעזאָן זאָל זיך זעהן וועגן דעם מיט סלאָנימסקי'ן און איך—מיט שפ"ר'ן.

אין איין טאָג האָבן מיר ביידע, איך און דינעזאָן דערפילט אונזערע מיסיעס. דינעזאָן איז געקומען פון סלאָנימסקי'ן כמעט ווי מיטליידיגן; איך ביי שפר"ן האָב עפּעס יאָ געפועלט. סלאָנימסקי'ס תשובה איז געווען, אַז קיין

שטענדיגע שטעל אין רעדאַקציע האָט ער פאַר אים ניט; אַלע ערטער זײַנען באַזעצט. נאָר טאָמער וויל ער עפּעס שרײַבן און אַרײַנטראָגן אים, וועט ער דאָס גערן אָננעמען. שפּ״ר האָט געזאָגט, אַז דערווײַלע האָט ער שוין פאַר אים צו איבערזעצן פאַרן „כּנסת־ישראל״ אַ צוויי—דרײַ זאַכן פון דײַטש און פון רוסיש, און שפּעטער וועט ער זעהן.

מיר האָבן געזעהן, אַז אויף גרויסע גליקן איז שוין ניטאָ וואָס צו האָפן; נאָר דערווײַלע, אויף חיי־שעה, ווי מ׳זאָגט, איז דאָס אויך גוט. מיר האָבן איבער־גערעדט מיט רודערמאַנען און האָבן אים געראַטן, אַז טאַקע שוין מאָרגן זאָל ער צוטרעטן צו דער אַרבעט. ביז וואָס־ווען האָט אים דינעזאָן „אויסגעליען״ ניט בלויז אויף זײַן הוצאה, נאָר ער האָט אים אויך געגעבן עטליכע צענד־ליג רובל אַוועקצושיקן קיין לאָדז דער ווײַב מיט די קינדער.

ס׳זײַנען אַריבער אַ טאָג צעהן, און צו אונזער באַדויערן האָט זיך אַרויס־געוויזן אָ ט וואָ ס: פאַר דער „הצפירה״ האָט רודערמאַן קיין איין־איינ־ציגע שורה ניט אָנגעשריבן. ער האָט געזאָגט, אַז וויפיל ער האָט זיך ניט צוברעכן דעם מוח, האָבן זיך זײַנע געדאַנקען ניט געקלייעט און אויפן פּאַפּיר איז ביי אים גאָרנישט אַרויסגעקומען. ער רעכנט אָבער, אַז דאָס איז ביי אים אַזוי נאָר צײַטווײַליג; ער האָט שוין לאַנג ניט געשריבן, האָט ער זיך, פּשוט, אָפּגעוויינט; ער האָט שוין אויך לאַנג ניט געטראַכט, ניט געדענקט, לאַנג קיין ספר אין האַנט ניט געהאַלטן... ס׳מאַכט אָבער ניט אויס; אינגיכן וועט דאָס ביי אים איבערגיין; אַ טעמע פאַר אַ אַרטיקל האָט ער שוין: דורך אַ שוי־פענ־סטער פון אַ בוכהאַנדלונג האָט ער נעכטן דערזעהן צום ערשטן מאָל ראַדקינ־זאָנס ספר „תּולדות עמודי חבד״; וועט ער עס זעהן קריגן און שרײַבן וועגן אים אַ קריטיק... פאַר שפּ״ר׳ן די איבערזעצונגען האָט ער שוין געמאַכט פאַר־טיג, און האָט זיי אים שוין אויך אָפּגעגעבן.

אַז כ׳בין אַרײַנגעגאַנגען אויף מאָרגן צו שפּ״ר׳ן, האָט ער מיך משונה אָנגעקוקט, און ציהענדיג די ווערטער ווי פון פּעך מיט זײַן געוויינליכער קוועטשעניש, האָט ער געזאָגט:

— ווי ס׳ווייזט מיר אויס, איז אײַער רודערמאַן גאָר ניט רודערמאַן...

— וואָס הייסט? — האָב איך אים פאַרוואונדערט געפרעגט.

— איז ד אָ ס רודערמאַן דער ספרא רבא פון „השחר״, דער גרויסער העברעאיסט, דער אַמאָליגער אַפּאָלאָגעט פון חסידיזם? — האָט שפּ״ר אויס־געשריען.

— געוויס! — האָב איך אים געענטפערט — וואָס איז דאָ די פראַגע? דאָס איז יענער רודערמאַן, דער מפורסם...

— אויב איר זייט אַזאַ אַן אײַנגעשפּאַרטער — האָט שפּ״ר געזאָגט — טאָ קומט, איך וועל אײַך עפּעס ווייזן.

ביי די ווערטער האָט ער אַרויסגענומען פון אַ פּאַפּקע אַ כּתב־יד און האָט עס מיר דערלאַנגט מיטן אויסרוף:

— אָט נעמט, אויף טשיקאַוועס, לייענט!...

אײַנקוקנדיג זיך אין כתב־יד בין איך שיר ניט מבולבל געוואָרן פון גרויס איבערראַשונג. אויסער וואָס דאָס איז שוין ניט געווען די אַמאָליגע מיר גאַנץ גוט באַקאַנטע רודערמאַנס פערלדיגע האַנטשריפט, האָט דאָס נאָך געהאַט אַ צורה פון אַ מין היראָגליפן־כּתב, עפּעס אַלץ שטריכן און פּינטלאַך. דאָס איז נאָך אָבער ניט גאָר. בעת מ׳האָט שוין, נאָך גרויס מאַטערניש, דערקענט די אותיות, און גענומען צוזאַמענשטעלן פון זיי ווערטער, האָט זיך, ממש, ניט גע־קלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. ס׳איז נאָך גאַנץ ווייניג צו זאָגן, אַז דאָס איז ניט געווען קיין העברעאיש; דאָס איז אפילו ניט געווען קיין קוידערוועלש. כ׳געדענק, אַז כ׳בין עטליכע מינוט געשטאַנען אַ צומישטער, ניט וויסנדיג וואָס מ׳זאָגט אויף דעם, און וואָס מ׳הויבט אָן צו רעדן. שפ״ר האָט מיך אָבער מקדים געווען, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויב דאָס איז באמת יענער רודערמאַן, האַלט איך, אַז ער איז עפּעס איצטער ניט נאָרמאַל... און ווייסט איר, וואָס כ׳וועל אײַך זאָגן? נעכטן בעת ער האָט מיר געבראַכט דעם כּתב־יד, און כ׳האָב מיט אים אַ קליינע ווײַלע געשמועסט, האָט זיך מיר שוין אויך אויסגעוויזן, אַז מיט אים איז עפּעס ניט גלאַטלאַך.

— אָט, וואָס איר קענט זאָגן! האָב איך אָפּגעשלאָגן שפ״ר׳ן — איך מיט דינעזאָנען זעהען זיך מיט אים אַלע טאָג און פאַרברענגען מיט אים, און הויבן דאָס גאָר אפילו ניט אָן צו מערקן. ער איז שטיל און אומעטיגלאַך, פּשוט, ווייל אים איז ניט גוט אויפן האַרצן.

כ׳האָב גענומען ביי שפ״ר׳ן רודערמאַנס כּתב־יד, און האָב אים אַוועק־געטראָגן דינעזאָנען. אויף דינעזאָנען האָט דאָס געמאַכט נאָך אַ פּיל ערגערן אײַנדרוק ווי אויף מיר. אים האָט דאָס, ממש, אויפגעטרייסלט. אַ לאַנגע ווײַלע איז ער געבליבן זיצן שטיל. איך האָב אים איבערגעגעבן שפ״ר׳ס מיינונג, און האָב דערביי צוגעלייגט:

— אַ קלייניגקייט, וואָס צרות קענען מאַכן פון אַ מענשן?!

אויף דעם האָט זיך דינעזאָן אָפּגערופן:

— מ׳דאַרף אים אַריינפירן צו אַ נערוון־דאָקטאָר.

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דעם איז דינעזאָן אַריין צו רודערמאַנען, און האָט אים גענומען מיט זיך שפּאַצירן. אונטערוועגס האָט ער אים אַרויפגע־פירט צו זיינעם אַ באַקאַנטן יונגן דאָקטאָר, מיט וועלכן ער האָט שוין וועגן דעם אָפּגערעדט פריהער. דורך פאַרשיידענע פאָרטלען האָט דער דאָקטאָר גע־פועליט ביי רודערמאַנען, אַז ער זאָל זיך לאָזן אונטערזוכן.

נאָך דער אונטערזוכונג האָט דער דאָקטאָר געזאָגט רודערמאַנען, אַז ער געפינט אים ביים בעסטן געזונט; דערביי האָט ער דינעזאָנען געבעטן, אַז ער זאָל נאָך צו אים אַרויפקומען. אַז דינעזאָן איז אין דעמזעלביגן אָוונט געקומען צום דאָקטאָר, האָט ער צו אים געזאָגט:

— כ׳האָב געפֿונען בײַ אײַער פֿרײַנד היבשע סימנים פֿון נעוורצָסטעניע און פּסיכישער צושטערונג; ער באַנוויטיגט זיך אין אַ גרויסער און אַ זאָרגזאַמער קוראַציע. קודם־כּל טאָר ער קיין זאַך ניט טאָן, און מוז אָפּהיטן די שטרענג־סטע רוה.

אויף מאָרגן בין איך מיט דינעזאָנען אַרײַנגעגאַנגען צו שפּ״ר׳ן מישב צו זײַן זיך מיט אים וואָס צו טאָן. וועגן ליטעראַרישער אַרבעט, און אַ וועלכע ס׳איז באַשעפֿטיגונג בכלל, קען שוין איצט גאָר קיין רייד ניט זײַן. איצטער דאַרף מען אים זעהן קורירן. אָבער וואו נעמט מען אויף דעם די נויטיגע מיטלען? און זײַן ווײַב מיט די קינדער אין לאָדז קען מען דאָך עפּעס אויך ניט לאָזן אויף הפקר.

דאַן האָט שפּ״ר געגעבן אַן עצה, אַז מיר זאָלן וועגן דעם ענין פּאַר־עפֿנטליכן אין די צײַטונגען אַ וואַרימען אויפֿרוף צו די ליבהאָבער פֿון דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. ער האָט אויך אויסגעדריקט זײַן האָפֿע־נונג, אַז דער אויפֿרוף וועט אויפֿן יידישן פּובליקום האָבן אַ ווירקונג, און דער עולם וועט אָנהויבן צו שיקן נדבות אין די רעדאַקציעס, און דאַן וועט מעג־ליך זײַן אָוועקצושיקן רודערמאַנען אין אַ וואָסער עס איז סאַנאַטאָריע, און געבן דערווײַלע דער ווײַב מיט די קינדער אויף חיונה.

לויט דינעזאָנס בקשה האָט שפּ״ר דאַן גענומען אויף זיך אויפֿצושרײַבן דעם אויפֿרוף. דערבײַ האָט דינעזאָן באַמערקט, אַז אין אויפֿרוף דאַרף ניט דער־מאָנט ווערן רודערמאַנס נאָמען; עס דאַרף נאָר גערעדט ווערן וועגן אַ באַוואוסטן העברעאישן שריפֿטשטעלער סתּם.

אין אָונט האָב איך מיט דינעזאָנען באַזוכט רודערמאַנען, און האָבן בײַ אים פֿאַרבראַכט עטליכע שעה. דעם מאָל האָבן מיר אים שוין ביידע באַ־טראַכט נעהענטער און האָבן באַמערקט, אַז ער איז ווירקליך גײַסטיג ניט בײַ זײַן גאַנצן געזונט. כּמעט די גאַנצע צײַט איז ער געווען פֿאַרטראַכט און זעהר טרויעריג געשטימט; ווען עס איז האָט ער אונז געענטפֿערט אַ צעהנטן וואָרט; זײַנע אויגן זײַנען ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן אויף איין פּונקט, און ער איז גע־זעסן ווי אומבאַוועגליך.

מיט גרויס מיטלייד האָט אים דינעזאָן נעפֿרעגט:

— וואָס איז דאָס היינט מיט אײַך, הער רודערמאַן? וואָס האָט איר זיך דאָס מיט אַמאָל אַזוי אָפּגעלאָזן? איר זייט דאָך עפּעס אַ חבד׳ניק, ווי קומט דאָס צו אײַך? איר געדענקט ווי איר האָט מיר אַמאָל געטרייסט אין אײַערע בריוו פֿון ברעסלוי? אָט האָב איך אײַך געבראַכט דעם האָנאָראַר פֿאַר אײַערע אי־בערזעצונגען.

און רעדענדיג האָט דינעזאָן אַרויסגענומען פֿון טאַש, און האָט אים דער־לאַנגט צוויי פֿינפֿאונצוואַנציגערס.

רודערמאַן האָט צוגענומען דאָס געלט, און האָט דערבײַ אויסגערעדט מע־לאַנכאָליש־שטיל, קוים וואָס מיר האָבן געהערט:

— וואָס, איך טויג נאָך עפּעס? כ׳האָב נאָך ניט פאַרגעסן? מיר דאַכט, אַז ס׳איז געווען אַ רודערמאַן און — ניטאָ... אַ צובראָכענע כּלי איז דאָ, אַ שטיקל פון שברי־לוחות...

מיט אַ צובראָכענער האַרץ האָבן מיר זיך יענעם אָוונט צושיידט פון רודער־מאַנען. מיר האָבן אָבער דאַן ביידע ניט געאַנט, אַז דאָס זעהן מיר זיך שוין היינט מיט אים דעם לעצטן מאָל...

אויף מאָרגן אַ זייגער זיבן אינדערפרי — כ׳בין נאָך געלעגן אין בעט — ערשט דינעזאָן האָט אָנגעקלאַפּט צו מיר. אַריין איז ער בלאַס ווי אַ טוך, און האָט קוים אַרויסגערעדט:

— רודערמאַן איז אינמיטן נאַכט פּלוצלונג געשטאָרבן! מ׳האָט דאָס מיר פאַרטאָג אָנגעזאָגט פון זיין קוואַרטיר.

באַלד בין איך מיט דינעזאָנען אַהין אַריבער. קומענדיג האָבן מיר שוין געפונען רודערמאַנען ליגנדיג אָפּגעהויבן אויף דער ערד, און ביי אים צוקאָפּנס ברענען עטליכע ליכט אין מעשענע לייכטערס. קיינער איז אין שטוב ניטאָ, נאָר דער בעל־הבית פון זיין קוואַרטיר מיט דער בעל־הבית׳טע שטייען ביידע ווי צודולטע, שטייען און קלערן וואָס טוט מען דאָ? אַ מענש איז עלנד ווי אַ שטיין, האָט ניט קיין קרוב, קיין גואל, ווער זשע וועט זיך דאָ מתעסק זיין מיט זיין קבורה?

איך מיט דינעזאָנען האָבן דאָס גענומען ביידע אויף זיך. דינעזאָן איז גלייך אַוועקגעלאָפן אין דער גמינע, און איך — צו שפּר׳ן.

מיר האָט שפּ״ר גלייך געזאָגט, אַז מיט רודערמאַנס קבורה וועלן מיר דאָ, קען זיין, האָבן אַ גרויסן עגמת־נפש. דערביי האָט ער מיר דערקלערט אַ זאַך, וואָס כ׳האָב ביז דאַן ניט געוואוסט. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין וואַרשע זיינען דאָ צוויי בית־עלמינ׳ס: איינער אין שטאָט, אויף פּאָוואָנזעק, און דער צווייטער אין דער פאָרשטאָט פּראַגע. אויפ׳ן ערשטן בית־עלמין איז מען מקבר וואַרשעווער איינגעבאָרענע און סתם פּוילישע שיינע יידן און מיוחסים, און אויפן צווייטן לייגט מען אַלע ניט היגע און פּראָסטע מענשן. באַזונדערס פּירט מען אויף פּראַגע ליטוואַקעס.

— ס׳איז ביי מיר גאָר קיין ספק ניט — האָט מיר שפּ״ר געזאָגט — אַז אין דער גמינע וועט מען געוויס וועלן מקבר זיין דעם אָרימען, און פאַר זיי גאַנץ אומבאַוואוסטן ליטוואַק, אויפן פּראַגער בית־עלמין. מיר טאָרן דאָס אָבער ניט דערלאָזן. דאָס וועט זיין אַ פּחיתת הכבוד פאַר אונז לעבעדיגע העברעאישע שריפטשטעלער.

איך האָב שפּר׳ן געזאָגט, אַז דינעזאָן איז אָקאָרשט־וואָס אַוועק אין גמינע.

— דינעזאָן איז ווייניג — האָט זיך שפּ״ר אָפּגערופן — דינעזאָן אַליין וועט דאָרטן גאָרניט פּועל׳ן; מ׳קען אים אויך ניט. אָט איך וועל אַהין פּרובן צו גיין; קומט באַגלייט מיר.

מיטן טראַם זײַנען מיר אַוועקגעפֿאָרן צום גזשיבאָוו. בײַם טויער פֿון דער גמינע האָבן מיר באַגעגנט דינעזאָנען. ער איז שוין געגאַנגען פֿון דאָרטן מיט אַ צעטל.

— וואו וועט מען אים מקבר זײַן? — האָט שפּ״ר אַ פֿרעג געטאָן די־נעזאָנען.

וואָס הייסט וואו? — האָט אים דינעזאָן געענטפֿערט — ; מ׳וועט אים מקבר זײַן אויפֿן בית־עלמין.

— אויף וועלכן?

— וואָס הייסט אויף וועלכן?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דינעזאָן האָט, אַזוי ווי איך, אויך ניט אָנ־געהויבן צו וויסן די מעשה מיט די צוויי בית־עלמינס און וועמען מ׳איז אויף יעדערן פֿון זיי מקבר. אַרײַנקוקנדיק זיך אין צעטל, האָט שפּ״ר דערזעהן, אַז ער באַציט זיך טאַקי נאָר אויף פּ ר אַ ג ע.

דינעזאָן האָט אויך מסכּים געווען, אַז מ׳טאָר אַזאַ זאַך ניט דערלאָזן, און אַז מ׳מוז זעהן אָנווענדן אַלע מיטלען, דאָס מ׳זאָל רודערמאַנען מקבר זײַן אויף פּאָוואָנזעק.

דאַן האָט שפּ״ר אונז בײדן געלאָזן שטיין, און איז אַליין אַרײַן אין דער גמינע. דאָרטן האָט ער זיך דורכגעשמועסט מיטן פּאַרוואַלטער פֿון טויטנ־טיש, האָט אים דערציילט ווער דער נפֿטר איז, און האָט געבעטן מ׳זאָל אים מקבר זײַן אין שטאָט. ס׳האָט ניט געדויערט קיין מינוט צוואַנציג, און שפּ״ר איז אַרויס, און האָט אונז איבערגעגעבן, אַז ער האָט גאָרניט אויסגעפֿירט, און אַז לויט זײַן מיינונג קען אין דעם העלפֿן נאָר דער אַלטער ס ל אָ נ י מ ס ק י אַליין.

ד י מינוט, זײַנען מיר בײדע, איך מיט דינעזאָנען, אַריבערגעגאַנגען צו סלאָנימסקי׳ן. נאָך עד היום איז בײַ מיר פֿאַרבליבן אין זכּרון, און כּמעט וואָרט בײַ וואָרט, דעם זעהר כאַראַקטעריסטישן געשפּרעך, וועלכן מיר האָבן דאַמאָלס געהאַט מיט סלאָנימסקי׳ן.

— מיר זײַנען אײַך געקומען אָנזאָגן ניט קיין גוטע בשׂורה — האָט די־נעזאָן אַרויסגערעדט — אײַער אַן אַמאָליגער תּלמיד איז געשטאָרבן.

— מײַנער אַ תּלמיד? — האָט דער אַלטער געפֿרעגט — לאָמיך שוין וויסן ווער?

— פּסח רודערמאַן!

— פּסח רודערמאַן? — האָט זיך סלאָנימסקי אָפּגערופֿן אָן דעם קלענסטן סימן פֿון איבעראַשונג — אָט ערשט געקומען און שוין געשטאָרבן? ברוך דיין האמת!

— און די גמינע וויל אים מקבר זײַן אויף פּ ר אַ ג ע! — האָב א י ך מיך אַרויסגעכאַפּט.

— מילא בכן? — האָט געפֿרעגט סלאָנימסקי קאַלט ווי אַ ליאָד.

— אונז דאַכט — האָט אויף דעם געענטפערט דינעזאָן — אַז דאָס וועט זיין אַ גרויסער חלול־הכבוד ניט בלויז פאַר דעם נפטר, נאָר פאַר אונז אַלע יידישע שרייבער.

— אָט הויבט זיך שוין אָן אַ מעשה מיט די יונגע שרייבער! — האָט סלאָנימסקי אַ זאָג געטאָן אַביסל ברוגז׳לאַך —; איר מיינט, אַפנים, אין אמת׳ן, אַז אויף פּאָוואָנזעק עסן קיין ווערים ניט? כ׳ווייס ניט, וואָס פאַר אַ חלול־הכבוד איז דאָ פאַראַן? וואָס מאַכט עס טאַקע אויס, צי דאָ באַגראָבן, צי דאָרטן באַגראָבן? צוויי מאָל באַגראָבט מען ניט.

— ס׳וואָלט טאַקע ניט אויסגעמאַכט — האָב איך געזאָגט; — אָבער אַז אייער גמינע נעמט לכתחלה און באַשטימט איין בית־עלמין פאַר מיוחסים, דאָס הייסט פאַר פּוילישע יידן, און דעם צווייטן פאַרן נידעריגן סאָרט נפטרים, צו וועלכע מ׳פאַררעכנט באַזונדערס ליטוואַקעס, ווערט שוין דאָס דורכדעם אַ גרויסער אומ־כּבוד, און בפרט ווען דאָ רעדט זיך ניט וועגן סתּם אַ ליטוואַק, נאָר וועגן א העברעאישן שריפטשטעלער מיט אַ נאָמען.

— בכן איז וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר? — האָט געפרעגט סלאָנימסקי.

— מיר פאַרלאַנגען פון אייך — האָט דינעזאָן געענטפערט — דאָס איר זאָלט זיין אַזוי גוט און זיך משתּדל זיין פאַר דער גמינע, אַז מ׳זאָל רודערמאַנען לייגן אויף פּאָוואָנזעק.

— ווי? איך זאָל גיין אין דער גמינע מיך משתּדל זיין? — האָט סלאָנימסקי אויסגעשריען שוין מיט כּעס —; איר מיינט עפּעס, אַז איך בין אַ מענש אַ ל׳יידיגגייער? איר פאַרגעסט, אַז איך האָב אויף זיך אַ צייטונג? ווי באַט איר דאָס גאָר מיר אָן?

— אפשר וואָלט געווען גענוג — האָט דינעזאָן געזאָגט — אַז איר זאָלט אָנשרייבן אַ צעטעלע אין דער גמינע. אייערע אַ פּאָר ווערטער וואָלטן געוויס געווירקט. מיר בעטן אייך דאָס זעהר.

— איך שרייב קיין צעטעלאַך ניט! — האָט סלאָנימסקי אויסגעשאָסן אין דעמזעלביגן בייזן טאָן — אויף צעטעלאַך שרייבן האָב איך אויך קיין צייט ניט; כ׳האָב נאָך היינט ניט באַוויזן אפילו די פּאָסט איבערצוקוקן; זעהט וואָס פאַר אַ גרויסע פּאָסט כ׳האָב. — דערביי האָט ער אונז באַוויזן מיטן פינגער אויפן שרייב־טיש, וואו עס זיינען געלעגן פיל נאָך ניט קיין אויפגעעפנטע בריוו.

איך מיט דינעזאָנען זיינען געבליבן שטיין ווי געפּלעפט.

— כ׳זאָג אייך נאָכאַמאָל בדרך עצה טובה — האָט זיך סלאָנימסקי אָפּגערופן שוין אַביסל ווייכער באַמערקנדיג אונזער פאַרלעגנהייט — אָט מאַכט בעסער דערפון קיין וועזן ניט; גלויבט מיר, אַז פאַר דעם נפטר איז קיין שום נפקא מינה ניט וואו מ׳איז אים מקבר. אַי, די ל׳עבעדיגע? שפּייט אויף דעם!..

זעהענדיג, אַז עס מיט דעם אַלטן גאַרנישט צו מאַכן, האָבן מיר זיך מיט אים אָפּגעזעגנט, און זיינען אַוועקגעגאַנגען. אַז מיר זיינען שוין געווען אין פּאָדערצימער, האָט ער אונז נאָכגעשריען:

— זעהט, מ'זאָל מיר אַקאָרשט מודיע זײַן ווען עס וועט זײַן די לויה.

ס'האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן, אַז אונזער גאַנצער גאַנג צו סלאָנימסקי'ן איז געווען אַן'איבעריגער. בעת שפר איז געגאַנגען צוריק פון דער גמינע, האָט ער אָנגעטראָפן אויפן וועג דעם געשוואָרענעם אַדוואָקאַט ישראל יאַסי־נאָווסקי, דער דאַמאָלסטיגער פאָרזיצער פון די וואַרשעווער חובבי־ציון, און האָט אים דערציילט די געשיכטע. יאַסינאָווסקי, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט זיך מיט דער זאַך פאַראינ־טערעסירט, איז תיכף אַרײַנגעפאָרן אין דער גמינע, און נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט וועמען מ'באַדאַרף, האָט ער געפועלט, אַז מ'זאָל רודערמאַנען מקבר זײַן אויף פאָוואָנזעק.

רודערמאַנס לויה איז געווען אַ גאַנץ קלײנע. נאָך ניט קיין גאַנצער מנין מענשן זײַנען געגאַנגען נאָכן ארון. ס'זײַנען געווען מער ניט ווי אַ 6—7 העב־רעאישע שריפטשטעלער. אויף גענסיע־גאַס איז אונטערגעקומען סלאָנימסקי, אויף דזיקע האָט זיך באַהעפט צום קלײנעם עולם אויך נחום סאָקאָלאָוו; זיי זײַנען אָבער בײדע אָפגעגאַנגען מער ניט ווי אַ פּאָר גאַסן, און נעלם גע־וואָרן. אויפן בית־עלמין האָבן זיך אָפגעשטעלט פון די ליטעראַטן נאָר מיר זאַלבעפינפט: שפ״ר, אלעזר אַטלאַס, דער שריפטשטעלער־בוכהענדלער אברהם צוקערמאַן, דינעזאָן און איך.

איך דערמאָן מיך אַ קלײניגקײט:

אויפן בית־עלמין איז צו מיר צוגעגאַנגען אלעזר אטלאַס און האָט מיך געפרעגט, פון וואָס פאַר אַ קראַנקהײט רודערמאַן איז געשטאָרבן.

כ'האָב אים דערציילט, אַז לויט דער ערקלערונג פון דאָקטאָר איז רודער־מאַן געווען אַ נעוראַסטעניק.

אַטלאַס, וועלכער האָט גאַנץ אָפט האָלט געהאַט צו זאָגן אַ וויץ, און אַמאָל אויך מיט אַ ריין קלויזניקשן נאָכגעשמאַק, האָט זיך אָפּגערופן:

— ניט אומזיסט האָט מען אים גערופן רודערמאַן; ער איז געווען אַ צורודערטער...

— ניט תמיד, —האָב איך אויף דעם באַמערקט.

— כ'מיין „על שם סופו״..; —האָט זיך אטלאַס אַזוי ווי מתנצל געווען.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכטלאַך בעת איך מיט דינעזאָנען האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטאָט. מיר זײַנען אַרײַן אין אַ קאַפּיי־הויז. מ'האָט אונז דערלאַנגט טיי. דינעזאָן האָט גענומען אין האַנט אַ בלאַט. זיצנדיג לעבן אים האָב איך באַמערקט, אַז אַרײַנקוקנדיג אין דער צייטונג קייקלען זיך אַראָפּ פון זײַנע אויגן אַ טרער נאָך אַ טרער...

מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר און אַ זאָג געטאָן:

— רודערמאַן איז דער אײנציגער, וועלכן כ'האָב אַמאָל אָנגעטרויפ׳ אַ סוד, און איצטער האָט ער אים גענומען צו זיך אין קבר.

איך האָב תיכף פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. דינעזאָן האָט אָבער בשעת מעשה ניט געוואוסט — און דאָס איז פאַרבליבן פון אים אומבאַוואוסט א״יף אייביג — אַז פאַר מ י ר איז דאָס קיין סוד ניט...

V.

דינעזאָנס קליין צימערל ווערט אַ צענטר פון די וואַרשעווער ליטעראַטן.—זיין הייסע באַציהונג צו די שריפטשטעלער.—דינעזאָן אַלס הויז־פריינד פון די פרידבערגס.—דינעזאָן קוקט איבער זיינע אַלטע כתבים און שרייבט נייע.—זיין שוואַכקייט פאָרצולייענען פאַר אַנדערע זיינע ווערק.—דינעזאָן אַלס ערשטער קעמפער פאַר דעם כבוד פון דער יידישער שפראַך.—זיין אַרטיקל אין „פאָלקס־בלאַט".—דינעזאָנס ליבע צו יידיש און צו איר ליטעראַטור.—דינעזאָנס ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט פרצ׳ן.—דינעזאָן לייענט פאַר פרצ׳ן אַ קאַפּיטל פון זיין „אבינדורל".—דער אינהאַלט פון דער דאָזיגער ערציילונג.—דער איינדרוק, וואָס דינעזאָן און פרץ האָבן געמאַכט איינער אויף דעם אַנדערן.

פון דאַמאָל׳ס אָן פלעג איך מיר זעהן מיט דינעזאָנען גאַנץ אָפט, כמעט אַ טאָג איבער אַ טאָג, און באַזונדערס אין די נאָכמיטאָג־שעה׳ן. ער האָט דאַן געוואוינט ביי זיין שוועסטער, אויף נאַלעווקעי נומער 19, אין אַ קליין אַלקערל, וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ צענטער פון די אָנגעזעהענסטע וואַר־שעווער, און אויך נ י ט וואַרשעווער ליטעראַטן. אינ׳ם דאָזיגן אַלקערל האָב איך מיך וויפל מאָל געטראָפן מיט פרישמאַנען, מיט שפר׳ן, מיט פרידבערגן, און אַמאָל אויך מיט שלום־עליכמ׳ן און מיט גאָלפאַדענען. מ׳איז דאָרטן געזעסן אויף דער איינציגער בעט, ווייל פאַר שטולן איז אין דעם ברעקל צימערל ניט געווען קיין אָרט. אַלע האָבן זיך אבער ביי דינעזאָנען געפילט זעהר היימיש. דינעזאָן האָט באַזעסן אַ גרויסע צוציהונגס־קראַפט; דער עולם שרייבער האָט זיך ליב געהט צו אים צוצוטוליען. אַ סך האָט דערצו גורם געווען זיין גוטער, איידעלער כאַראַקטער, זיין דימענטענע נאַטור, זיין שטענדיגעס גרייט זיין אַריינ־צוגיין אין דער לאַגע פונ׳ם חבר און אויסצוהעלפן אים אין זיין נויט, ניט וואַרטנדיג ביז יענער וועט אים בעטן. אַ סך וואָלט איך געקענט דערציילן וועגן דעם, וואָס דינעזאָן האָט צוטאָן לטובת עלטערע און יינגערע שריפטשטע־לער אין די מיטעלע אַכציגער יאָרן. און דאָס, וואָס ער האָט געטאָן — האָט ער געטאָן גאַנץ באַשיידן, מיט א צניעות׳דיגער עניוות. צו איטליכן שריפטשטעלער האָט ער זיך באַצויגן ווי צו אַ טרייען חבר, ווי צו אַ ברודער. אין יענער צייט זיינען נאָך אונזערע שרייבער ניט געווען צוריסן, ווי היינט, אויף קריגערישע מחנות פון העברעאיסטן מיט יידישיסטן; דער גייסטיגער פירוד צווישן אַלט און יונג האָט זיך דאַן נאָך אויך ניט אַזוי שטאַרק בולט אַרויסגעוויזן. אַלע זיינען גע־ווען חברים, און אַלעמען האָט געצויגן צו דינעזאָנען. איך געדענק, אַז אויף אַ

חתונה ביי דינעזאָנס שוועסטערס אַ טאָכטער זיינען געווען כמעט אַ ל ע וואַר־שעווער ליטעראַטן. ס׳האָט יעמאָלט שיר ניט געהאלטן דערביי, אַז אויף מאָרגן זאָל ניט אַרויס די „ה צ פ י ר ה״... ווייל דער דאַמאָלסטדיגער צענזאָר, דער שריפטשטעלער פ ר י ד ב ע ר ג, האָט די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט אויף דער חתונה. דער „גוי״ פון רעדאַקציע האָט אים אָבער דאָרטן געפּאַקט, און דאָרטן האָט געמוזט פרידבערג צענזורירן די „הצפירה״.

דינעזאָן איז דאַן געווען אַ גרויסער „יושב־אוהל״, האָט ניט ליב געהאַט צו מאַכן קיין באַזוכן. אַן אויסנאַם האָט ער געמאַכט נאָר פאַר אַ פּאָר הייזער, און ריכטיגער: פאַר א י י ן הויז. ער האָט זיך צוגעבונדן צו די פרידבערגס, און באַ־זונדערס פלעגט ער גאַנץ אָפט אַריינגיין צו זיין איידים, דער באַוואוסטער יידישער שריפטשטעלער מ ר ד כ י ס פ ע ק ט אָ ר, וועלכער האָט דענסטמאָל גע־האַט פאַר אַ פרוי די טאַלענטפולע נאָוועליסטין, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטער דעם פסעוודאָנים „א י ז א ב ע ל א״. און איז נאָר דינעזאָן איינמאָל אַן איינגייער געוואָרן אין אַ הויז, איז ער איר שוין געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, און ווי אַן אייגענער, אַ שטוביגער, געטיילט זיך מיט איר אין אירע ליידן און פריידן...

זיין פרייע צייט האָט דינעזאָן פאַרבראַכט אויף שרייבן; גאַנץ אָפט פלעגט ער אויך אַרויסנעמען דאָס געשריבענע פון אַמאָל און עס איבערפיילן און אי־בערשלייפן און צוריק אַריינלעגן אין קעסטל. וועגן דרוקן האָט ער נאָך ניט געקלערט. און אַ שוואַכקייט האָט דינעזאָן געהאַט: פלעגט צו אים אַריינגיין אַ חבר, אַ ליטעראַט, פלעגט ער אים נעמען פאָרלייענען פון זיינע כתבים. און מ׳האָט געדאַרפט זעהן מיט וואָס פאַר אַ מין געפיל, מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטע־רונג דינעזאָן האָט פאָרגעלייענט זיינע ווערק! אַריינטאָנדיג זיך אינגאַנצן אין העפט, ניט וואַרפנדיג קיין בליק אויפן צוהערער, ווי ניט וועלנדיג זיך אינ־טערעסירן צו מאַכט אויף אים זיין לייענען אַ וועלכן ס׳איז רושם, האָט ער אַריינגעגאָסן אין יעטווידער פראַזע אַזאַ ווייכקייט, אַזאַ טיפע באַהאַרציגקייט, אַז ווילנדיג צו ניט ווילנדיג האָט ער געמוזט באַרירן די נשמה פון זיין וויזאַ־ווי. איך פלעג פון אים באַקומען אַזעלכע כבודים זעהר אָפט. אַמאָל, אָפלייענענ־דיג פאַר מיר אַ פּאָר קאַפּיטלאַך פון זיינע אַן ערציילונג, האָט ער אַוועקלעגנ־דיג דעם כתב־יד צוריק אין זיין שרייב־טישל, אַזאָג געטאָן צו מיר מיט זיין זיסן שמייכל:

— אויסגעלופטערט אַביסל מיינע קינדערלאַך; איצט וועלן זיי זיך שוין קענען אַזוי ווייטער ליגן אין זייער רוה. ס׳וועט נאָך אָנשטיין זייער ליכטיגער טאָג!...

איינמאָל בין איך אַריינגעקומען צו דינעזאָנען און האָב אים געפונען אַביסל אויפגערעגט. אַז כ׳האָב ביי אים געפרעגט, וואָס דאָס באַטייט, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ בלאַט „המליץ״, און האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ בריוו פון זשיטאָ־מיר, אונטער וועלכן עס איז געווען געחתמ׳עט איינער אַ ד״ר שלמה סקאָמאָראָווסקי.

דער דאָזיגער סקאָמאָראָווסקי דערציילט, אַז ער האָט זיך געווענדט מיט אַ בקשה צום באַוואוסטן היסטאָריקער פּראָפעסאָר גרעץ, ער זאָל אים ער־לויבן איבערצוזעצן זיין געשיכטע אין יידיש, און אַז ער, גרעץ, האָט אים אָפּגעזאָגט, מאָטיווירנדיג זיין אָפּזאָג מיט דעם, וואָס יידיש איז ניט קיין שפּראַך, נאָר אַ „זשאַרגאָן“, וועלכן די רוסיש־פּוילישע יידן דאַרפן, לויט זיין מיינונג, אָפּגעבן אין אַרכיוו. דינעזאָן האָט געזעהן אין דער דאָזיגער תשובה פונם באַ־רימטן יידישן געלערנטן אַ גרויסע באַליידיגונג פאַר דער יידישער שפּראַך און פאַר די יידישע שרייבער.

— מ׳קען דאָס ניט, און מ׳טאָר דאָס ניט פאַרשווייגן — האָט דינעזאָן געזאָגט—; אויף אַזאַ זאַך מוז מען רעאַגירן; געגן אַזאַ באַליידיגונג מוז מען פּראָטעסטירן.

— אפשר זאָלט איר דאָס טאַקי אַליין טאָן? איר ווייסט דאָך מסתמא: „קריינא דאגרתא“ און ווי ווייטער שטייט.

דינעזאָן האָט זיך געקווענקלט. ערשטנס האָט ער שוין לאַנג אויסער בעל־לעטריסטיק גאָרנישט געשריבן, און צווייטנס — און דאָס איז ביי אים דער עיקר—האָט ער ניט וואו צו שרייבן. ס׳איז אפילו דאָ דאָס „פאָלקסבלאַט“, אָבער אין לעווי׳ס צייטונג פאַרטרויט ער זיך ניט עפּעס צו דרוקן; ער האָט מורא, אַז דער רעדאַקטאָר, דער מטורף זאָל, ווי זיין שטייגער איז, ניט פאַר־דאַרבן זיין אַרטיקל און ניט אַריינשטעלן אין אים דוקא דעם היפך פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. סיידן שרייבן דאָס אין איינעם פון די העברעאי־שע בלעטער; ווייס ער אָבער ניט, צו דאָס האָט אַ זין.

אויפן אַנדער טאָג האָט מיר דינעזאָן דערציילט, אַז ער האָט זיך פאָרט ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אַוועקגעשיקט אין „פאָלקסבלאַט“ אַ שאַרפן פּראָטעסט־אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט אויפגעוויזן דעם פּראָפעסאָר גרעץ די ניט אויסגעהאַלטנקייט און די פאַלשקייט פון זיינע מיינונגען בנוגע דער באַ־דייטונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אינם לעבן פון יידישן פאָלק.

— איך האָב נאָר געדאַרפט יוצא זיין פאַר מיין געוויסן—האָט מיר די־נעזאָן דערביי געזאָגט;—אַי וואָס, טאָמער קומט לעווי און פירט מיר איבער מיין אַרטיקל, איז שוין דאָס ניט מיין שולד.

דינעזאָנס אַרטיקל געגן גרעצן האָט זיך אין אַן אַכט טאָג אַרום אָפּגע־דרוקט אין „פאָלקסבלאַט“*) און ווי ער האָט אים געשריבן, אָן אַ שום שנוי. עס איז געווען אַזאַ זכות, וואָס דעם מאָל האָט לעווי׳ן פאַרדרייט דער קאָלטן, און ער האָט זיך אפילו צום אַרטיקל ניט צוגערירט.

אָט אַזוי איז דינעזאָן געווען דער ערשטער, וועלכער האָט נאָך מיט אַ יאָר 39 צוריק געהאַט די דרייסטקייט עפנטליך צו באַקעמפן די אַנטיפּאַטיע,

*) „פאָלקסבלאַט“, 1888, נומער 2 (אין דער ליטעראַרישער ביילאַגע).

וועלכע מ׳האָט דאַן אין יידישע אינטעליגענטע קרייזן אַרויסגעוויזן צו דער יידישער שפּראַך.

דינעזאָן איז כּל ימיו געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון יידיש און פון איר ליטעראַטור. יעדן נייעם טאַלענט, אַפילו ניט קיין גרויסן, האָט ער באַגעגנט מיט פיל באַגייסטערונג; יעדער נייער יידישער ספר האָט אים שטאַרק דערפריידט. עד היום קען איך ניט פאַרגעסן מיט וואָס פאַר אַ התפּעלות ער האָט מיר אין אַ געוויסן טאָג אונטערגעטראָגן דעם יידישן זאַמלבוך „דער וועקער", וועלכער איז אַרויס אין אָדעס אונטער ליליענבלומס רעדאַקציע און אונטער דער פאָן פון חבת-ציון, כאָטש ער איז קיין חובב-ציון קיינמאָל ניט געווען. דער טאָג, וואָס פרוג האָט אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש, איז געווען ביי דינעזאָנען אַן אמתער יום-טוב. מיט אַ באַזונדער נחת-רוח האָט ער פאַרפאָלגט דאָס פונאַנדערבליהען זיך פונם גרויסן שלום-עליכמס טאַלענט.

דינעזאָנס אייגענער חשק געדרוקט צו ווערן נאָך זיין פופצעהניאָריגן שטילשווייגן האָט זיך אין אים דערוועקט נאָך דעם אַרויסגאַנג פון דיביידע גרויסע יידישע זאַמלביכער: ספּעקטאָרס „הויז-פריינד" און שלום-עליכמס „פאָלקס-ביבליאָטעק". די לעבעדיגקייט, וועלכע איז דאַן אַנטשטאַנען אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט דינעזאָנען צוריק אַריינגעצויגן אין שטראָם. די התחלה האָט ער געמאַכט מיט אַ פּאָר זאַכן, וועלכע ער האָט פאַרעפנטליכט אין די אויבנדערמאָנטע זאַמלביכער. דערנאָך האָט ער גענומען קלערן וועגן אַליין אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך, און צוגעבן צו יעדערן פון זיי זיינע אַ גרויסע ערציילונג. דער דאָזיגער געדאַנק איז אָבער געבליבן פון אים ניט פאַרווירקליכט, ווייל אַ קורצע צייט נאָך דעם האָט ער זיך באַקאָנט מיטן פרץ׳ן, וועלכער האָט שפּעטער אַליין אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די „יידישע ביבליאָטעק" מיט דינעזאָנס מאַטעריעלער הילף און מיט זיין גרויסער ערציילונג „הערשעלע".

נאָך דינעזאָנס טויט האָט דער באַוואוסטער שריפטשטעלער נאָמבערג דערציילט וועגן אים אין „מאָמענט", אַז ער האָט געהאַט אין זיין לעבן צוויי גרויסע מאָמענטן: ווען ער איז זיך צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעקומען מיט פרץ׳ן, און ווען פרץ איז געשטאָרבן. צום ערשטן מאָמענט, צו דינעזאָנס באַקאַנטשאַפט מיט פרץ׳ן, בין איך געווען דער גורם, און האָב אים אַליין ביי-געוואוינט.

מיט פרץ׳ן בין איך באַקאַנט געוואָרן נאָך אין יאָר 1886*). ער איז דאַן געקומען קיין וואַרשע אויף אַ פּאָר טעג און צופעליג האָב איך מיך מיט אים געטראָפן ביי שפ״ר׳ן. פון דאַמאָלסט אָן פלעגן מיר זיך גאַנץ אָפט צונויפ-שרייבן. איינמאָל האָט ער מיר צוגעשיקט פון זאַמושץ אַ העפטל מיט צוועלף

---

*) זעה מיינע ערינערונגען וועגן פרץ׳ן אין דער „יידישער וועלט" פאַרן יאָר 1915, העפט אַפּריל-מאַי.

פון זיינע קליינע ערציילונגען. דערביי האָט ער מיר געשריבן, אַז ער איז מוכן ומזומן אַוועקצוגעבן אַ פאַרלעגער זיינע ערציילונגען אָן אַ גראָשן האָנאָ־ראַר, נאָר פאַר אַ געוויסע צאָל עקזעמפּליאַרן; דער עיקר איז נאָר, אַז זיי זאָלן זיין געדרוקט. די דאָזיגע ערציילונגען זיינען דאַן איבערגעלייענט געוואָרן ביי ספּעקטאָרן אויפן קוואַרטיר אין אַן ענגן קרייז פון וואַרשעווער ליטעראַטן, וועלכע האָבן איינגעפונען פה אחד, אַז זיי אַנטפּלעקן אין מחבר אַ גרויסן טאַלענט, און אַז זיי מוזן יעדנפאַלס פאַרעפנטליכט ווערן. ס'האָט זיך אָבער אין וואַרשע ניט געפונען קיין איין פאַרלעגער, וואָס זאָל מרוצה ווערן אָפּצו־דרוקן אויף זיין חשבון פּרצ'ס ערציילונגען אפילו אָן האָנאָראַר. דער אַלגעמיי־נער תּירוץ איז געווען, אַז די ערציילונגען זיינען עפּעס צו קליינינקע, אַן ער־ציילונג פון אַ בלעטל, אַן ערציילונג גאָר פון אַ האַלבער בלעטל, עפּעס „קיי און שפּיי", און זיי, די פאַרלעגער, קענען זיין בעלנים נאָר אויף גראָבע, דיק־בייכיגע ערציילונגען אַ לאַ שמ"ר, בוכבינדער וכדומה. דאַמאָלסט האָט דינעזאָן אָפּגעדרוקט פּרצ'ס ערציילונגען אויף זיין רעכענונג, און האָט אים אַריינגעצ־שיקט קיין זאַמושטש אַלע עקזעמפּליאַרן. דאָס ביכל, וואָס טראָגט דעם אַלגע־מיינעם נאָמען „בילדער פון לעבן", איז געווען, קען מען זאָגן, דאָס ערשטע רינגעלע אין דער גאָלדענער קייט פון פּרצ'ס דיכטערישע שאַפונגען.

אין יאָר 1889 איז פּרצ'ס מאַטעריעלער מצב געוואָרן קריטיש. דאַן איז ער געקומען אויף עטליכע טעג קיין וואַרשע זעהן, צו וועט ער זיך דאָרטן קענען איינאָרדענען. לויט זיין בקשה האָב איך אים דאַן אַריינגעפירט צו די־נעזאָנען, וועלכער האָט נאָך געוואוינט אין דעמזעלביגן קליינינקן אַלקערל אויף נאַליעווקעס 19. אין וועג האָב איך פּרצ'ן מכין געווען דערצו, אַז דינע־זאָן וועט אים אפשר וועלן פאָרלייענען פון זיינע נאָך ניט געדרוקטע כתבים, בכן זאָל ער זיך אויף דעם ריכטן פון פריהער, און טאָמער וועט ער זיך דערפון פילן ניט באַקוועם, זאָל ער דאָס מקבל באהבה זיין.

אויף דעם האָט מיר פּרץ געפרעגט פאַרוואונדערט:

— היתּכן, אַז ער וועט מיר פון דרך־ארץ וועגן גאָר ניט פרעגן, צו וויל איך אים אויסהערן?

— ניין! — האָב איך אים געענטפערט —; וועט ער אייך נאָר וועלן פאָרלייענען, וועט ער אייך ניט פרעגן; אַזוי איז שוין זיין שטייגער.

און כך הוה. אַ קליינע ווײַלע נאָכדעם ווי איך האָב זיי פאָרגעשטעלט איינער דעם אַנדערן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפּרעך וועגן ליטעראַטור און שרייבער. אינמיטן שמועס האָט פּרץ אויסגעדריקט דינעזאָנען זיין ישר־כח פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך אַזוי פיל באַמיט אום זיין ווערקל „בילדער פון לעבן", און האָט פאַרענדיגט מיט די ווערטער:

— איז מיר באַשערט צו בלייבן ביי ליטעראַטור, האָב איך דאָס נאָר אייך צו פאַרדאַנקען.

דערווײַלע האָט דינעזאָן געעפנט זיין טיש־קעסטל, האָט פון דאָרטן

אַרויסגענומען אַ דיק העפט און געזאָגט:

— אָט גיב איך אייך כבוד
און האָט גענומען לייענען.

איך געדענק, אַז דינעזאָן האָט דאַמאָלס פאָרגעלייענט אַ קאַפּיטל פון זיין שוין גאַנץ לאַנג אָנגעשריבענע ערציילונג „אַ ב י ג ד ו ר ל". צוליב אַ סבה, וועלכע איז מיר אומבאַקאַנט, איז די דאָזיגע ערציילונג געבליבן ניט געדרוקט ביז היינטיגן טאָג.

„אַביגדורל"—דאָס איז אַ נאָמען פון אַ קליינעם יינגל, אַ יתום, וואָס זיין מוטער די אלמנה האָט געדינט פאַר אַ קעכין ביי איינעם פון די שטאָטישע גבירים, און האָט אים געהאַלטן ביי זיך אין קיך. אַ גאַנצן טאָג פלעגט דער קליינער יתום האָבן אויסצושטיין כל הצרות פון דעם גבירס צוויי יינגלאַך, וועלכע פלעגן אים אָנטאָן כל־ערליי נגישות, אויך שלאָגן און הרגענען און מאַכן אים בלאָע סיניאַקעס אויפן לייב, און ער פלעגט דאָס נעביך אַלץ פאַרבאָרגן אַפילו פון דער מוטער, מורא־האָבנדיג אַ מויל צו עפענען, טאָמער טרייבט מען אים אַרויס. נאָר פאַרטאָג, ליגנדיג מיט דער מאַמען אין קיך, פלעגט ער מיט איר אין דער שטיל נעמען אַריינטענה׳ן: סטייטש, פאַרוואָס קומט עס, אַז דער בעל־הבית דער גביר מיט זיין גאַנצער פאַמיליע זאָלן לעבן אַזאַ גוטן טאָג, און זיי, דאָס הייסט, ער מיט דער מאַמען, זאָלן זיך אַזוי פּייניגן? און די מוטער פלעגט אים זוכן איינשטילן מיט א י י ן תירוץ, אַז ס׳איז אַזוי באַשערט פון גאָט. די תשובה פלעגט אָבער דעם יינגל ניט צופרידן שטעלן, און יעדער פאַרטאָג פלעגט ער דער מוטער אויפרייסן פון שלאָף מיט נייע קשיות, און אַלץ אויף דער אייגענע טעמע.

פון אָט דער ערציילונג אַ קאַפּיטל האָט דינעזאָן געלייענט פאַר פּרצ׳ן, אין דעם דאָזיגן קאַפּיטל זיינען אָפּגעשילדערט די יסורים פונם קליינעם יתום. דעם גביר׳ס צוויי געזונטע, שטאַרקע, דיקע, אָפּגעפרעסענע יינגלאַך וואַרפן אַרום דעם יתום איינער צום צווייטן, עפּעס ווי ער וואָלט געווען אַ פּילקע, און ער, דער יתום, איז לכתחילה מקבל דעם שפּיל מיט אַ געמאַכטן שמייכל. באַלד אָבער ווערט אויס מיטן שמייכל. דעם יינגל פאַרקוועטשט דאָס יונג הערצל, און ער באַגיסט זיך מיט ביטערע טרערן. דאָ דרייט זיך מיט אַמאָל אָן די גביר׳טע, און דערזעהענדיג דעם יתום וויינענדיג, וואַרפט זי זיך אויף אים אַרויף מיט שרעקליכע קולות: אַהער ביסטו מיר געקומען דולן אַ מח? מאַרש אין קיך!

און ד י סצענע האָט דינעזאָן פאָרגעלייענט מיט אַ ז אַ מין טיפן טראַגיזם, אַז ס׳האָט זיך אונז געדאַכט, דאָס אָט אָט כליפּעט ער זיך אַליין פונאַנדער צוזאַמען מיטן יתום.

אויף אונזער צוריקגאַנג האָב איך אַ פרעג געטאָן פּרצ׳ן:

— נו?...

אויף דעם האָט מיר פּרץ געענטפערט:

— כ׳האָב שוין לאַנג ניט געזעהן אַזוינע טיפע, בלויע אויגן; דאָס איז די מדת־הרחמים אַליין...

אין אַ מינוט אַרום האָט ער מוסיף געווען:

— יוער איך נאָר מיט דינעזאָנען מער באַקאַנטער און מער נעהענטער, מוז איך אים אָפּגעווינען פון דעם אומגעבעטענעם פּאַרל״ענען. אַ שריפטשטע־לער, וואָס ווייס זיין ווערט, דאַרף זיך אַזוי ניט אַרומוואַרפן מיט זיינע ווערק...

ווי ס׳איז אַלעמען באַוואוסט, איז פּרץ געוואָרן מיט דער צייט ניט בלויז דינעזאָנס אַ נאָהענטער באַקאַנטער, נאָר אַ סך מער פון דעם, אַ ברודער. צי ער האָט אָבער באוויזן אָפּצוגעווינען דינעזאָנען פון זיין שטייגער פּאַרצולייי־ענען זיינע נאָך אומגעדרוקטע ווערק פאַר חברים־געסט,—דאָס ווייס איך ניט.

באַגעגענענדיג זיך אויף מאָרגן מיט דינעזאָנען האָב איך אים אויך אַ פרעג געטאָן מיטן זעלבן נוסח:

— נו?...

אויף דעם איז געווען דינעזאָנס תשובה:

— כ׳האָב שוין לאַנג ניט געזעהן אַזוינע שוואַרצע, קלוגע אויגן. ער רעדט אָבער גאַנץ ווייניג; קענטיג, אַז ער קלערט מער.

ביידע האָבן עפּעס געמאַכט אַן איינדרוק איינער אויפן אַנדערן מיט די אויגן...

פּרץ האָט נאָך דאַן פאַרבראַכט אין וואַרשע עטליכע טעג. פול מיט גוטע הבטחות אויף דער צוקונפט פון פריינד און באַקאַנטע איז ער אָפּגעפאָרן צוריק קיין זאַמושץ מיט דעם באַשלוס אַריבערצופאָרן באַלד נאָך פסח מיט דער פאַ־מיליע קיין וואַרשע.

VI.

רודערמאַנס יאָרצייט.—איך באַגלייט דינעזאָנען אויפן בית־עלמין.—די באַגע־געניש מיט פּרצ׳ן.—פּרץ פאָרט מיט אונז אויפן בית־עלמין.—מיר ווערן פון פּרצ׳ן באַגייסטערט.—די עם־הארצ׳ישע מצבה.—העברעאיש צי יידיש?—אַ „מצודת־ציון" צוקאָפּנס פון די מתים...

אין דעמזעלבן יאָר, אַ פּאָר וואָכן נאָך פסח, בין איך אַמאָל געקומען צו דינעזאָנען. ווי מיר זיצן זיך אַזוי און שמועסן, רופט ער זיך צו מיר אָפּ:

— איר ווייסט וואָס היינט איז?

— וואָס זאָל היינט זיין?—האָב איך אים געפרעגט ניט פאַרשטייענדיג וואָס ער מיינט.

— היינט איז רודערמאַנס יאָרצייט!

אין אַ מינוט אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— זייט איר, אפשר, אַ בעלן צו גיין מיט מיר אויפן בית־עלמין? אָט קומט לאָמיר זיך דורכשפּאַצירן; ס׳איז אַ שיינער טאָג.

דערבײַ האָט ער מיר דערציילט, אַז די דריי יאָר זינט רודערמאַן איז געשטאָרבן, גייט ער אַלע יאָרצייט צו אים אויפן קבר. כ׳האָב דינעזאָנען ניט געקענט אָפּזאָגן, און כ׳בין מיט אים געגאַנגען.

אויפן ראָג גענסיע און די נאַלעווקעס האָבן מיר מיט אַמאָל דערזעהן ערשט פּרץ קומט אונז אָן אַנטקעגן. נעכטן אין אָוונט איז ער געקומען מיט דער פאַמיליע קיין וואַרשע, און איצט גייט ער דאָס צו דינעזאָנען.

דינעזאָן האָט די ערשטע מינוט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל דאָ טאָן. פון איין זייט האָט זיך אים גרייליאַך געוואָלט האָבן ביי זיך פּרצ׳ן, און ס׳איז אים זעהר ניט אָנגענעם געוועזן, אַז ער, פּרץ, זאָל זיך צוליב איס אומזיסט מטריח זיין; און פון דער אַנדער זייט האָט ער ביי זיך ניט געקענט פועל׳ן צו ברעכן אַ מנהג, וועלכער איז שוין ביי אים, קענטיג, געוואָרן אַ בין הארץ־באַדערפעניש. פון דער דאָזיגער פאַרלעגנהייט האָב איך אים אַרויסגעפירט זאָגנדיג צו פּרצ׳ן:

— דעם מאָל מוזט איר שוין, ליבער הער פּרץ, אַזוי גוט זיין און אַנטשולדיגן אונזער פריינד דינעזאָנען. ער האָט היינט יאָרצייט נאָך אַן אַמאָליגן געליבטן פריינד, אַ העברעאישער שריפטשטעלער, פּסח רודערמאַן האָט ער געהייסן, אפשר האָט איר פון אים געהערט, גייען מיר דאָס איצטער ביידע אויפן בית־עלמין.

— פּסח רודערמאַן?—האָט פּרץ אויסגערופן—אַ שאלה, צי איך ווייס? מיר זיינען אַמאָל ביידע גאַנץ נאָהענטע ליטעראַרישע שכנים געווען. אין איין ביכל „השחר" האָבן זיך געדרוקט מיין שיר „חלוקת־החכמות" און רודערמאַנס אַן אַרטיקל וועגן חסידים. אויב איך האָב קיין טעות ניט האָבן מיר אינם זעלביגן ביכל „השחר" געהאַט פאַר אַ שכן אויך מיין געוועזענעם שוועהר גבריאל יהודה ליכטנפעלד*).

און תוך כדי דבור האָט פּרץ אַ זאָג געטאָן:

— איך גיי אויך מיט אייך, אָבער נאָר מיט צוויי תנאים: ערשטנס, זאָלן מיר נעמען אַ דראָשקע, און צווייטנס, זאָל דאָס זיין אויף מיין חשבון.

אויף דעם האָט אים דינעזאָן געענטפערט:

— צו אייער ערשטן תנאי בין איך מסכים, און צום צווייטן בשום אופן ניט.

— טויג ניט!—האָט פּרץ געזאָגט שמייכלענדיג—אויב אַזוי גיי איך ניט מיט אייך.

— ווייסט איר וואָס?—האָב איך פאָרגעלייגט אַ פשרה—איינער זאָל דינגען די דראָשקע צום בית־עלמין, און דער צווייטער—פון בית־עלמין.

---

*) פּרץ האָט קיין טעות ניט געהאַט. זעה „השחר", 7־טער יאָרגאַנג, פאַר חודש טבת.

— אויף דעם גיי זיך אויך ניט איין! — האָט דינעזאָן אַרויסגעזאָגט גאַנץ קאַטעגאָריש — פּרץ איז היינט מיין גאַסט, דאַרף איך אים נעמען אויף מיינע הוצאות. לאָמיר אָבער דערוויילע נעמען די דראָשקע, ו„החשבון יהיה אַחר החג"...

מיר האָבן זיך זאַלבעדריט אַריינגעזעצט אין אַ דראָשקע, און אַוועקגעפאָרן צום בית־עלמין אויף פּאָוואָנזעק.

פאָרנדיג האָט דינעזאָן דערציילט פּרצ׳ן רודערמאַנס לעבנס־געשיכטע מיט די פּרטים פון זיינע לעצטע טעג. אויף פּרצ׳ן האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. באַלד האָט ער פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם גורל פון שריפטשטעלער בכלל, און פון יידישע בפרט. אייגנטליך איז דאָ אָבער דאָס וואָרט „שמועס" ניט ריכטיג, ווייל אויסער אים, פּרצ׳ן, האָט קיינער פון אונז ניט גערעדט. און דאָס איז נ״ט געווען עפּעס אַזוי זיך גערעדט. דאָס איז געווען אַ גאַנצער אוצר פון די שענסטע געדאַנקען און פון די אָריגינעלסטע איינפאַלן. ער איז אַריבער פון די יידישע שרייבער צום יידישן פאָלק און פון יידישן פאָלק צום יידישן לעבן, און האָט די גאַנצע וועג, ממש, געשפּראָדלט מיט מחשבות־פּערל; און ווי שיין און ווי שטאַרק איז געווען זיין עצם רעדן! איך מיט דינעזאָנען זיינען געזעסן און געשלונגען יעדעס וואָרט. אויף מאָרגן האָט מיר דינעזאָן געזאָגט, אַז פּרץ האָט אים נעכטן, פּשוט, באַצויבערט.

אַרויפגייענדיג אויפן בית־עלמין איז דינעזאָן אַוועק פאָראויס צו רודערמאַנס קבר, און איך מיט פּרצ׳ן זיינען אים נאָכגעגאַנגען. כ׳האָב גערעכנט, אַז דינעזאָן וואָלט וועלן בלייבן שטיין אַ ווײלע ביים קבר איינער אַליין, און דערווייל האָב איך פּרצ׳ן אָפּגערופן אָן אַ זייט, און בין מיט אים אַריין אין איינער פון די קעגנאיבערדיגע אַלייעס, אין וועלכער ס׳זיינען קענטיג געלעגן וואַרשעווער גבירים און שיינע יידן. אויף דעם האָבן באַוויזן די גרויסע קינסטלעריש געמאַכטע מצבות. פּרץ האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן איינער פון די מצבות, און איך בין געשטאַנען ווייט פון אים אַ טריט פופצעהן — צוואַנציג און האָב באַטראַכט אַן אַנדער מצבה. מיט אַמאָל גיט זיך פּרץ אַ קער צו מיר און זאָגט:

— קומט אַקאָרשט, זייט מוחל, אַהער, איך וועל אייך ווייזן עפּעס אינטערעסאַנטעס.

כ׳בין צו אים צוגעגאַנגען, און ער האָט מיר באַוויזן מיטן פינגער אויף אַ מצבה, וואָס איז געשטאַנען אַביסל אָן אַ זייט פון דער, לעבן וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— לייענט וואַרשעווער העברעאיש!

דאָס איז געווען אַ מצבה אויף אַ קבר פון אַ פרוי, און אָנגעשריבן זיינען אויף איר געווען די פאָלגנדע דברי־שבח:

„הִיא הָיְתָה לִילָדֶיהָ אוֹמֶנֶת,
לְשְׁנַיִּים מִשְׁעֶנֶת,
לְכָל אִישׁ נוֹתֶנֶת
וּלְבַעְלָהּ סוֹכֶנֶת"...

— ווי געפעלט אײַך די עם־הארצות און די גראָבקייט? — האָט מיר פּרץ געפרעגט.

— איך קען אײַך עָרֵב זײַן — האָב איך אים געענטפערט — אַז דאָס איז נאָר „נוסח פּוילן"; אַ ליטווישער ייד וואָלט אַזאַ נוסח אויף אַ מצבה בשום אופן ניט געשריבן.

— איך וועל מיך מיט אײַך וועגן דעם ניט אַמפּערן — האָט פּרץ געזאָגט — איך האַלט אויך, אַז בײַ אײַך אין ליטע קען מען העברעאיש פיל בעסער און גרינדליכער, ווי בײַ אונז אין פּוילן.

בײַ די ווערטער איז צו אונז צוגעגאַנגען דינעזאָן. פּרץ האָט אים אָנגעוויזן אויף דער מצבה. דינעזאָן האָט אַ קוק געטאָן און האָט געזאָגט: זעהר טרויעריג!

צוריקגייענדיג האָבן מיר זיך אַלע דרײַ אָפּגעשטעלט לעבן רודערמאַנס קבר. פּרץ האָט דאַן אַ זאָג געטאָן ווי רעדנדיג צו זיך אַליין:

— געבאָרן אין באָריסעוו, געגעסן „טעג" אין מינסק, געלערנט זיך אין זשיטאָמיר, געשטודירט אין ברעסלוי, געהונגערט אין לאָדז און געקומען שטאַרבן קיין וואַרשע...

פאָרנדיג צוריק פון בית־עלמין האָט זיך פּרץ צוריקגעקערט צו דער טעמע וועגן דער עם־הארצ׳ישער מצבה, און האָט אויסגערופן:

— דאָס איז דאָך אַן אומגעהערטער סקאַנדאַל צו דערלאָזן ברענגען אויפן בית־עלמין אַזעלכע מצבות, וואָס עס דאַרף רויט ווערן דער פּנים אָפּצושטעלן זיך לעבן זיי.

אין יענער מינוט האָב איך מיך דערמאָנט אָן דער מינסקער מצבה מיט אליקום צונזערס יידישן טעקסט, און האָב דערציילט פאַר פּרצן מיט דינעזאָנען די גאַנצע געשיכטע מיט דער דערמאָנטער מצבה, ווי די מינסקער חברה קדישא האָט געוועסט ניט געוואָלט דערלאָזן דעם יידישן נוסח, און ווי זי האָט צום סוף נאָכגעגעבן, א. אַז. וו.

— וואָס מיינט איר? — האָט זיך פּרץ אָפּגערופן — אַ גאַנץ שיינער געדאַנק. איך האַלט, אַז אין יידיש קען גאָר בשום אופן ניט געמאָלט זײַן דער פאַל פון אַזאַ שענדליכן נוסח.

— אין עצם איז דער העברעאישער סטיל מער מסוגל צו לירישע אויסגיסונגען — האָט דינעזאָן אויף דעם באַמערקט —; און בכלל, דאַכט מיר, אַז אַ מצבה פון אַ יידן בעט זיך עפּעס צו שרײַבן נאָר אין העברעאיש.

— העברעאיש — האָט פּרץ געזאָגט — באַזיצט אָבער אַ גאַנץ באַזונדער חסרון, וועלכער באַשטייט אין דעם, וואָס כמעט יעדעס וואָרט האָט ניט בלויז אַ טייטש, נאָר אויך אַ פּשט, און אַמאָל ניט איינעם, נאָר עטליכע פּשטים. אָט נעמט, למשל, דאָס וואָרט „ס ו כ נ ת", וואָס האָט אונז אַלעמען דרייען אַזוי אויפגערעגט. ווער ווייסט? אפשר האָט דער מחבר פון דער מצבה געלעדנט דעם פּשט פון „ותהי לו סוכנת": זי איז אים געווען אַ פ ר ו י. אמת, קיין טעם האָט דאָס אפילו דאַן אויך ניט; עס פאַלן דאָך אָבער אַראָפּ אונזערע טענות וועגן עם הארצות און גראָבקייט. אין י י ד י ש, ווי אין אַלע אַנדערע שפּראַכן, וואו איטליכס וואָרט האָט זיין באַשטימטן טייטש פאַר אַ ל ע מ ע ן, קען גאָר דעריבער אַזאַ פאַל ווי מיט דער העברעאישער „סוכנת" קיינמאָל ניט פאָרקומען. ס׳קומט דאָך אַזוי אויס, אַז מ׳יר וועלן דאַרפן ביי יעדער מת אַוועקשטעלן צוקאָפּנס אַ „מצודת־דוד" מיט אַ „מצודת־ציון"...

— אייגנטליך — האָט זיך די־נעזאָן אָפּגערופן — האָט די גמינע געדאַרפט איינפירן אַ מין צענזור אויף מצבות...

אינמיטן דעם דאָזיגן שמועס זיינען מיר אָנגעקומען אין שטאָט אַריין.

VII.

פּרץ און דינעזאָן אַלס צוויי קאָנטראַסטישע נאַטורן. — פון די צוויי אַנטיטעזן ווערט אַ סינטעז. — ווי פּרץ און דינעזאָן האָבן זיך באַצויגן צו די יונגע טאַלענטן. — דינעזאָנס פאָטערליכע התקרבות צו די יונגע שריפטשטעלער. — פּרץ און דינעזאָן אין ווילנע. — דער פאָנפאַטער משורר. — ווער איז פּרצ׳ס רוח־הקודש?

אָט אַזוי האָט זיך דורך מיר אָנגעהויבן די באַקאַנטשאַפט צווישן פּרצ׳ן מיט דינעזאָנען. א׳ן ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און די דאָזיגע ביידע, ביז אַהער, צווישן זיך אומבאַקאַנטע פּערזאָנען, זיינען צוגעצויגן געוואָרן איינער צום צווייטן ווי דורך אַן אינעווייניגסטע מאַגנעטישע קראַפט. און — מערקווירדיג! עס זיינען נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוינע צוויי קאָנטראַסטן ווי דינעזאָן מיט פּרצ׳ן. ד י נ ע ז אָ ן — אַן אָפענע נאַטור, פול צוטרוי צו יעדערן, געגרייט איטליכן אַריינצונעמען אין זיינע אָרעמס, מיט דעם אייביגן זיסן שמייכל אויף זיינע ליפּן, מיט זיין שטענדיגער ווייכקייט און באַהאַרציגקייט, און פּ ר ץ — דער איינגעהאַלטענער, דער אין־זיך־איינגעשלאָסענער, דער האַרטליכער, און גאַנץ אָפט אויך, דער ביטערער!... דינעזאָן דער באַשיידענער, דער ענו, און פּרץ מיט דעם תמיד שטאָלץ אויפגעהויבענעם, אַריסטאָקראַטישן קאָפּ! און דאָך זיינען אָט די ביידע קאָנטראַסטישע נאַטורן, אָט די ביידע אַזוי שאַרף בולט־דיגע געגנזאַצן, געוואָרן כמעט פון די ערשטע מינוטן אָן ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק. פון דער צונויפשמעלצונג און צוזאַמענגיסונג פון די דאָזיגע צוויי אַנטיטעזן, איז מיט דער צייט אַ־ויס אַלס סינטעז: דער גרוי־

סער פרץ און זיין באַליבטער ברודער, זיין צווייטעס „איך״ — יעקב דינעזאָן! דער קאָמענדיגער קריטיק-פּסיכאָלאָג וועט האָבן פאַר זיך די אויפגאַבע אויסצו-געפינען און צו אַנטפּלעקן יענע באַהאַלטענע פעדים, וועלכע האָבן די דאָזיגעביידע באַליבטע פאָלקס-דיכטער צוזאַמענגעבונדן אַ משך פון זעקסאונצוואַנציג יאָר, און ביז אַריבער זייער לעבנס-שוועל, ביז נאָכן טויט...

נאָך דער ערשטער פּערזענליכער באַקאַנטשאַפט פון פּרצ׳ן מיט דינעזאָ-נען איז מיר אויסגעקומען צו געפינען זיך לעבן זיי נאָר אַ גאַנץ קורצע צייט. מיין שיקזאַל האָט מיך דאַן פאַרוואָרפן אויף דער פּראָווינץ. איך האָב אָבער עטליכע יאָר כסדרר ניט אויפגעהערט צו קאָרעספּאָנדירן מיט דינעזאָנען. דורך די דאָזיגע בריוו האָב איך געוואוסט דעם איינדרוק, אַז פון די אָנפאַנג אַכצי-גער יאָרן איז פּרץ געוואָרן דער גייסטיגער צענטער, אַרום וועלכן ס׳האָבן זיך דאַמאָלס גרופּירט ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ פונק טאַלענט. יונגע לייט פון דער פּראָווינץ, וואָס האָבן אין זיך דערפילט אַ נטיה צום קינסטלערישער שאַ-פונג, האָבן אָנגעהויבן ווי „עולה לרגל״ צו זיין קיין וואַרשע צו פּרצ׳ן, פאַר-לייגן אים זייערע שריפטן, און אויסהערן זיין אורטייל. אַ שטרענגער שופט איז פּרץ געווען. ס׳איז שוין געווען זיין טבע, אַז נאָך איידער ער האָט אַריינגע-קוקט אין די כתבים פון דעם צו פון יענעם יונגערמאַן, האָט ער אים געפּרובט ראַטן ניט צו פאַרנעמען זיך מיט שרייבעריי, ווייל דאָס איז זעהר אַ פאַראַנט-וואָרטליכע אַרבעט און איז פאַרבונדן מיט רוח-הקדש... די דאָזיגע הקדמה פלעגט אויף די פּראָווינציעלע יונגע לייט אָנוואַרפן אַ מין פּחדנ׳ישע אָפּהענטיגקייט. פלעגט זיך אָבער באַלד אַרויסכאַפּן דינעזאָן מיט זיין זיסן שמייכל און מיט זיין האַרציגן קול, און פלעגט זאָגן: נישקשה, זייט רוהיג, ער וועט לייענען, ער וועט לייענען. אָט נעמט אַרויס אייערע כתבים; גיט זיי מיר, איך וועל אים געבן. באַלד זיינען שוין די כתבים געלעגן ביי פּרצ׳ן אויפן שרייב-טיש, און פּרץ האָט זיי גענומען לייענען פאַר׳ן מחבר גופא, און געלייענט האָט ער אויפן קול, און גליקליך האָט זיך פּרץ געפילט ווען ער האָט אַנדעקט ביי דעם איינעם, צו ביי דעם אַנדערן, אַ וועלכן ס׳איז ניצוץ פון אַ טאַלענט. און גאָר ניט דעם ערך גליקליכער האָט זיך פון דעם געפילט דינעזאָן, וועלכער האָט זיך אַזש אָנגעקוואָלן פון שמחה.

ביי אַזעלכע צופאַלן האָבן פּרץ מיט דינעזאָנען צווישן זיך איינגעטיילט די ראָליען: פּרץ האָט דעם טאַלענט אַנערקענט, און דינעזאָן האָט אים צו זיך צוגעטוליעט. די יונגע טאַלענטן, וועלכע האָבן שוין געהאַט דאָס גליק צו באַקומען סמיכות פון פּרצ׳ן, האָבן זיך שויך דאָס רוב מער ניט געוואָלט צוריקקערן אין זייערע פאַרוואָרפענע שטעטלאַך. זיי האָבן בעסער געוואָלט פאַרבלייבן אין וואַרשע, כדי צו געפינען זיך נעהענטער צו פּרצ׳ס קינסטלע-רישער השפעה. פון וואָס לעבט מען אָבער אין אַזאַ גרויסע שטאָט ווי וואַרשע? דאָ איז שוין געקומען צו הילף דער גוטהאַרציגער דינעזאָן. מיט אַ ריין פאָטערליכער ליבשאַפט האָט ער פאַר איטליכן פון זיי געזאָרגט

אויף וויפל ער איז געווען ביכולת. איידער וואָס ווען האָט ער דערווײַלע יע־דערן פון זיי געגעבן אַ גמילות־חסד, דאָס הייסט, ווי פון לכתחילה אָפּגערעדט, אויף צו באַצאָלן אין משיח׳ס צייטן... און דערנאָך האָט ער פאַר זיי געגומען זוכן באַשעפטיגונג. פאַר איינעם האָט ער געקראָגן לעקציעס, פאַרן צווייטן שריפטליכע אַרבעט, פאַרן דריטן ערגעץ־וואו אַ וועלכע ס׳איז שטעל א. אַז. וו. מ׳דאַרף דערצו נעמען אין אַכט, אַז אין יענער צייט איז נאָך דער יידישער בי־כער־מאַרק געווען לגמרי טויט. ס׳זיינען דאַמאָלסט ניט אַרויס ניט קיין יידישע צייטונגען און ניט קיין יידישע זשורנאַלן, און אַ יונגן יידישן ליטעראַטאַר איז אויסגעקומען אין וואַרשע צו שטאַרבן פון הונגער. איז ביז וואָס ווען האָט זיי דאַן דינעזאָן אַריבערגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס.

ווי אַ פריהער דער אַלקערל אויף נאַלעווקעס 19, אַזוי איז איצט אויך דינעזאָנס קליינער צימערל אויף דזשעלנע 15 געוואָרן דער מיטלפונקט, וואוהין עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען אַלע יונגע יידישע טאַלענטן אויסצורײדן זייערע זאָרגן און זייערע איבערלעבענישן, און פלעגן פון דאָרטן אַרויסגיין ערמונטערטע און באַגייסטערטע צו נייער ענערגישער ליטעראַרישער טעטיגקייט. צווישן די דאָ־זיגע יונגע שריפטשטעלער, וואָס האָבן כמעט נאר דינעזאָנען אַליין צו פאַר־דאַנקען זייערע עקסיסטענץ־מעגליכקייטן אין וואַרשע פאַר דער ערשטער צייט, ביז ס׳האָט דאָרטן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דער וועכנטליכער יידישער זשורנאַל „דער יוד״, אַרום וועלכן זיי האָבן זיך נאָכדעם אַלע גרופּירט, האָבן מיר ביים היינטיגן טאָג אונזערע באַדייטנדסטע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן. איטליכער פון זיי האָט געוויס ביי זיך גאַנצע פעקלאַך מעשיות וועגן דער פאָטערליכער באַהאַנדלונג, וואָס דינעזאָן האָט זיי אַרויסגעוויזן ביי זייערע ערשטע ליטעראַ־רישע אַרויסטרעטונגען.

* * *

נאָך אַ גאַנצע ריי כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן וועגן דאָס לעבן פון דעם יעקב דינעזאָן וואָס פּאַר פּרצ׳ן, וואָלט איך דאָ געקענט דערציילן. באַזונדערס וויכטיג זיינען זיינע מיינונגען וועגן געוויסע מענשן און ספרים. צוליב כמה סבות לעג איך דאָס אָפּ ביז אַ צווייטער געלעגנהייט. איצט וויל איך פאַרענדיגן מיינע זכרונות וועגן דינעזאָנען מיט די פאָלגנדע צוויי קליינע עפּיזאָדן, וואָס דעם ערשטן פון זיי האָב איך אַליין בייגעוואוינט אין ווילנע, און דעם צווייטן האָט מיר איבערגעגעבן איינע פון דינעזאָנס נאָהענטע באַקאַנטע.

אין יאָר 1911 זיינען פּרץ מיט דינעזאָנען דורכגעפאָרן ווילנע. זיי האָבן זיך דאָרטן דאַמאָלס אָפּגעשטעלט אויף אַ טאָג צוויי. דערהערנדיג וועגן פּרצ׳ס קומען, האָבן זיך צו אים אין האָטעל געגומען קלייבן אַ סך יונגע בחורים׳לאַך, וואָס האָבן זיך געשניטן אויף „משוררים״; זיי האָבן אים, מיטגעבראַכט, ווי דער שטייגער איז, פּעק כתבים און געוואָלט הערן זיין מיינונג. איז גראָד אויסגעקומען, אַז בשעת איך בין געזעסן ביי פּרצ׳ן אין נומער און

געשמועסט מיט אים און מיט דינעזאָנען, האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַריין אַ בחור׳ל פון אַ יאָר 18—17, ניט מהודר׳דיק אָנגעטאָן און מיט צושוי־בערטע האָר, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טיש, אַרום וועלכן מיר זיינען גע־זעסן און האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן. איך זאָג „עפּעס", ווייל קיינער פון אונז דרייען האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס ער וויל. ווי ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן איז דער בחור׳ל געווען אַ פאָנפאַטער, און האָט גערעדט שטאַרק אונ־טער דער נאָז. דאָ איז דינעזאָן אַרויס פון טיש, איז צוגעגאַנגען צום בחור׳ל און האָט זיך צו אים אָפּגערופן:

— קומט אָקאָרשט אַהער, און זאָגט מ י ר וואָס איר באַגערט. רעדנדיק האָט ער אים אַריינגענומען אין דעם דערבייאיגן צימער.

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז דינעזאָן צוריק אַריין מיטן בחור׳ל, האָט דערלאַנגט פּרצ׳ן עטליכע בלעטלאַך פּאַפּיר און האָט געזאָגט:

— דאָס זיינען שירים, און ד אָ ס איז דער משורר; נעם לייען און זאָג דיין מיינונג, און איר ,יונגערמאַן, זעצט זיך. דערביי האָט ער אים אונטערגע־טראָגן אַ שטול.

פּרץ האָט מיט אַ שאַרפן בליק אָפּגעמאָסטן דעם „משורר" פון קאָפּ ביז די פיס, האָט פאַרצויגן אַ זויערע מינע, האָט אַ קוק געטאָן אין דער ערשטער בלעטל און גענומען לייענען:

— „צו—מיין—כלה!"...

האַסטיג האָט פּרץ אַ פרעג געטאָן דעם „משורר":

— זאָגט, יונגערמאַן, כ׳בעט אייך, האָט איר שוין אַ כלה?

דער בחור׳ל איז רויט געוואָרן איבער די אויערן, און האָט געשוויגן.

אין עטליכע מינוטן אַרום האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כח און געענטפערט:

— ניט אַ כלה, נאָר גלאַט אַזוי...

— וואָס הייסט „גלאַט אַזוי?" איר ווילט זאָגן „אַ געליבטע"? איר האָט „אַ געליבטע"? איאָ?

— יאָ, אַ געליבטע—האָט פאָנפאַטיש קוים אַרויסגערעדט דער „משורר"— אָבער ניט מיינע...

— וואָס הייסט?—האָט פּרץ שאַרף אַ זאָג געטאָן—די געליבטע איז אַן אַנדערנס, און איר באַזינגט אירע „גינ־גאָלדענע לאָקן מיט איר חנ׳עוודיגער מינע"?

דער בחור׳ל איז אַלץ געוואָרן רויטער און רויטער.

דאָ האָט זיך דינעזאָן אַריינגעמישט און געזאָגט:

— זעה, פּרץ, איך בעט דיר, מאַטער אים ניט; לייען ווייטער און זאָג אַרויס דיין מיינונג. און איר, יונגערמאַן, שרעקט אייך ניט, ז י י ט איר אַ משורר, וועט איר ז י י ן.

פּרץ האָט אַריינגעקוקט אין דאָס צווייטע בלעטל, און האָט תיכף געזאָגט שוין אין אַ פיל זאַנפטערן טאָן:

— אין אַ וואַלד זייט איר שוין, אַפּנים יאָ געווען, און טאַקי אַליין געווען; יאָ, דאָס איז שוין גאָר גישקשה׳דיג. ווייסט איר וואָס? לאָזט דאָ איבער אייערע בּלעטלאַך׳ און גייט צו מיר אַריין מאָרגן אינדערפרי.

דער דאָזיגער יונגער משורר דרוקט זיך היינט כּמעט אין אַלע יידישע זשורנאַלן און צייטונגען.

כ׳גיי איבער צום צווייטן און לעצטן עפּיזאָד.

אין אַ געוויסער שטאָט, וואוהין מ׳האָט אַמאָל איינגעלאַדן פּרצ׳ן אויף אַ לעקציע, האָט ער געגומען מיט זיך דינעזאָנען. נאָך דער לעקציע, וועלכע איז אַריבער מיט גרויס ערפאָלג, האָבן די אָרטיגע שריפטשטעלער איינגעאָרדנט לכּבוד פּרצ׳ן אַ באַנקעט. אויפן דאָזיגן באַנקעט האָט מען געהאַלטן טאָסטן, אין וועלכע מ׳האָט אויסגערעכנט פּרצ׳ס גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור. צופעליג איז דינעזאָן אין אַלע טאָסטן לגמרי איגנאָרירט געוואָרן. קיינער פון די רעדנער האָט וועגן אים קיין איין־איינציג וואָרט ניט פאַרוואָרפן.

אין זיין ענטפער־רעדע האָט פּרץ, אונטער אַנדערן, געזאָגט:

— כ׳דאַנק אייך, חברים, פאַר אייערע גוטע רייד. כ׳מוז אייך אָבער אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אָן איין זאַך, און דאָס איז דער עיקר, האָט איר לחלוטין פאַרגעסן. קיינער פון אייך האָט ניט דערמאָנט מיין „רוח־הקודש“...

אַלע אָנוועזנדע האָבן אָנגעקוקט פּרצ׳ן שטאַרק פאַרוואונדערט.

— מיין רוח־הקודש איז אָט דער... אָט דער...—און פּרץ האָט בשעת־מעשה אָנגעוויזן אויף דינעזאָנען.

דינעזאָן, דער גרויסער ענו, האָט דאָס ניט געקענט פאַרטראָגן, האָט זיך אַ שטעל געטאָן פון אָרט און אויסגערופן:

— ניין, ניין, חברים! גלויבט אים ניט; דער רוח־הקודש איז ער, ער, נאָר ער אַליין; איך אויף קיין פאַל ניט...

שלום־יעקב אַבּראַמאָוויטש.

(מענדעלע מוכר־ספרים).

(געבּאָרן — 1835; געשטאָרבּן — 1917).

ווי ס׳איז בּאַוואוסט האָט אַבּראַמאָוויטש געהאַט כל ימיו אַ גרויסע חולשה צום שמועסן, און ניט בּלויז מיט חברים־שריפטשטעלער. און געשמועסט האָט אַבּראַמאָוויטש ניט סתם אין דער וועלט אַריין. וועגן וואָס פאַר אַן ענין ער זאָל ניט האָבּן גערעדט, האָט זיין מויל געשפּריצט פונקען פון זעלטענע, און אויך גאַנץ אָריגינעלע געדאַנקען, אָדער ער האָט געשפּראָדלט מיט וויץ און מיט אַ פריילעכן, געזונטן הומאָר. אַ גאַנץ קנאַפּער בּעלן איז אָבּער אַבּראַמאָוויטש געווען — אַזוי פלעגן זיינע מקורבים דערציילן — אַריינצולאָזן זיך אין געשפּרעכן, מיט וועמען ס׳זאָל ניט זיין, בּנוגע זיינע פּערזענליכע איבּערלעבּענישן, און אפילו וועגן אַזוינע פאַקטן, וואָס האָבּן אַ היסטאָריש־געזעלשאַפטליכן אינטערעס. תמיד פלעגט ער זאָגן: וויל וועד וויסן מיין לעבּנס־בּאַשרייבּונג, זאָל ער גיין און לייענען מיינע ספרים. אין די ווייניגע אַוטאָבּיאָגראַפישע נאָטיצן, וואָס אַבּראַמאָוויטש האָט מיט 30 יאָר צוריק פאַרעפנטליכט אין סאָקאָלאָווס „ספר זכרון“, האָט ער שוין אויף דעם געגעבּן די ערשטע אָנצוהערעניש. ער שרייבּט דאָרטן: „זינט כ׳האָבּ פאַרלאָזן מיין שטיף־פאָטערס הויז, הויבּן זיך אָן אין מיין לעבּנס־בּוך נייע קאַפּיטלאַך, וועלכע זיינען איינגעוועבּט און איינגעפלאָכטן אין דעם אַלגעמיין יידישן לעבּן, און וועלכע כ׳וועל בּאַשרייבּן אין בּאַזונדערע ערציילונגען“. דערווייל וואָס ווען שיקט אַבּראַמאָוויטש אָפּ די אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט זיין לעבּנס־געשיכטע, צו זיין בּיאָגראַפיע, וועלכע ל. בּינשטאָק האָט אָפּגעדרוקט אין דעם רוסיש־יידישן חודש־זשורנאַל „וואָסכאָד“*). אַבּראַמאָוויטש בּאַמערקט אָבּער דאָרטן אויפן אָרט, אַז די דאָזיגע בּיאָגראַפיע איז ניט מער פון אַ רמז אויף די געשעהענישן און פּאַסירונגען פון זיין לעבּן.

---

*) אין דעצעמבּער־בּיכל פונם יאָר 1884.

אַבראַמאָוויטש האָט, אמת, וואָרט געהאַלטן. כמעט אַלע זיינע ספרים, די העברעאישע ווי די יידישע, אַנטהאַלטן אַ סך פון דעם אַוטאָביאָגראַפישן עלע־מענט. מ׳קען נאָך אָבער אויף קיין פאַל ניט זאָגן, אַז אין די דאָזיגע ווערק איז שוין אַבראַמאָוויטשעס לעבנס־געשיכטע אינגאַנצן אויסגעשעפּט געוואָרן. נאָך מער: אפילו אין זיין „שלמה ר׳ חיימ׳ס״, וועלכער האָט, לכל הדעות, די גרעסטע פּרעטענזיעס אויף דער באַדייטונג פון אַן אַוטאָביאָגראַפיע, זיינען אויך דאָס רוב שטריכן טיפּישע, און ניט קיין אינדיווידועלע, דאָס הייסט, ניט אַזעלכע, וואָס זיינען צוגעפּאַסט נאָר צו אים, צו אַבראַמאָוויטשן אַליין, און חוץ אים צו קיינעם ניט. דער ליטעראַטור־היסטאָריקער, וואָס וועט אַמאָל קו־מען שרייבן אַבראַמאָוויטשעס כאַראַקטעריסטיק אַלס מענש, אַלס פּערזענליכ־קייט, וועט פאַר זיך אין „שלמה ר׳ חיימ׳ס״ קנאַפּ־וואָס מאַטעריאַל געפינען, און אין אַבראַמאָוויטשעס איבעריגע ווערק געוויס און געוויס ניט.

אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע, אין וועלכער עס זאָל זיך אָפּשפּיגלען דאָס פאַרבן־רייכע, ברוויזנדיגע לעבן פון אונזער גרויסן דיכטער, און וועלכע זאָל אונז קענען געבן אַ ריכטיגן באַגריף וועגן די אינעווייניגסטע איבערלעבענישן פון זיין נשמה אונטער די פאַרשיידענע איינדרוקן פון דער אַלטעגליכקייט, דאַרף נאָך ערשט געשריבן ווערן. העכער פון אַ פופציגיאָריגן ליטעראַרישן וועג האָט אַבראַמאָוויטש דורכגעמאַכט. פאַר אָט דעם משך צייט האָט ער פיל איבערגעליטן און איבערגעלעבט. אויב ניט אַלע, אָבער דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע איבערלעבענישן, וועלכע האָבן געוויס געהאַט אַ קלענערע צי אַ גרעסערע ווירקונג אויף זיין שאַפונגס־פּראָצעס, זיינען דער ברייטער עפנט־ליכקייט פאַרבליבן אומבאַקאַנט ביז אויפן היינטיגן טאָג. אָט דאָס איז די סבה דערפון, וואָס מיר האָבן בערך פיל קריטישע באַטראַכטונגען וועגן אַבראַמאָ־וויטשעס ליטעראַרישער טעטיגקייט, און אין דערזעלבער צייט האָבן מיר ניט איין רעכטע און אויסשעפּנדיגע אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע.

כ׳וויל דאָ נאָר אָנפירן אַ קליינעם ביישפּיל, וואָס באַווייזט באַשיינפּערליך, ווי ווייניג מ׳קען נאָך ביי אונז אַבראַמאָוויטשעס לעבן.

בינשטאָק, אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַף, וועלכן כ׳האָב דאָ פריהער דער־מאָנט, דערציילט אין זיין אַרטיקל פאָלגנדעס:

„אין דעם לעבן פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט זיך קיינ־מאָל ניט געקענט באַקלאָגן אויף איבעריגע גוטסקייט מצד זיין גורל, זיינען פון 1877־טן יאָר אָן פאָרגעקומען אַזעלכע געשעהענישן, וואָס האָבן ביי אים אָפּגענומען יעז׳ן חשק צו דער ליטעראַרישער טעטיגקייט. פאַברייטערן זיך דאָ וועגן די דאָזיגע געשעהענישן האַלט איך פאַר איבעריג און פאַר ניט פאַסיג. כ׳וועל נאָר זאָגן, אַז דער דאָזיגער שטרוימיגער קוואַל איז אונטער דעם דרוק פון די דערמאָנטע פאַסירונגען אינגאַנצן אויסגעטריקנט געוואָרן. ניט איינמאָל האָט זיך פאַר מיר אַבראַמאָוויטש אין יענער צייט געקלאָגט אויף זיין מאָראַ־ליש געדריקטער לאַגע. „אויפהערן צו דענקען — אַזוי האָט מיר אַבראַמאָוויטש

אַמאָל געזאָגט—הײסט: אויפהערן צו לעבן, און דענקען איז מיר שוין, דאַכט זיך, אוממעגליך. מײַן מאַרך איז פאַרגאָסן מיט בלײַ, און דאָס האַרץ איז מיר פאַרשטײנערט". אַבראַמאָוויטש—אַזוי שרײַבט בינשטאָק ווײַטער—האָט זיך קײנ־מאָל גיט באַקלאָגט אויף זײַן מצב; אָבער כּדי אויסצוהאַלטן די קלעפּ, וואָס זײַן שיקזאַל האָט מיט אַ ברײטער, אָפענער האַנט געשאָטן אויף זײַנע פּלײ־צעס,—דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן אַזוינע אײַזערנע נערוון און אַזאַ סטאָל־אײַזערנעם כאַראַקטער ווי אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט, און נאָר אַ דאַנק דער דאָזיגער מאָראַלישער קראַפט איז אַבראַמאָוויטש ניט געפאַלן אונטער די קלעפּ פון זײַן גורל, און האָט מוטיג אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון אַלע זײַטן,—אַ דרוק, וועלכער וואָלט געקאָנט אַוועקלײגן אפילו דעם גרעסטן ריז...

„דער שטורם—פאַרענדיגט בינשטאָק,—וואָס האָט אויסגעבראָכן איבער דעם קאָפּ פון אונזער פאָלקס־שרײַבער און וועלכער האָט לאַנג געדויערט, האָט זיך ביסלאַכוויס געלעגט. די וואָלקנס, וואָס האָבן באַדעקט זײַן האָריזאָנט, האָבן זיך צושפּרײט, אין די קלײנינקע קריעה׳לע, אויף וועלכער ער האָט זיך קוים געהאַלטן איבער דעם אָנבערעגיגן אָקעאַן פון זײַן לעבן, איז גליקליך צו־געקומען צום ברעג, און איצטער (דאָס איז געווען אין יאָר 1884) בעת מיר קלײבן זיך צו גריסן אים צו זײַן פינפאונצוואַנציג־יאָריגן יובילײ, געפינט זיך אַבראַמאָוויטש אין אַ ברײטן און אַ שטילן האַפן".

פון די דאָזיגע שורות, וועלכע זײַנען געשריבן געוואָרן דורך אײנעם פון אַבראַמאָוויטשעס נאָהענסטע פרײנד, זעט מען אַרויס גאַנץ קלאָר, אַז אין 1877־טן יאָר האָט אַבראַמאָוויטשן פּאַסירט אַ שרעקליכן אומגליק, און, ווי מ׳דאַרף משער זײַן, אַ פאַמיליען־אומגליק, וואָס האָט זיך געצויגן אַ היבשע צײַט און האָט אים, ממש, צובראָכן און געמאַכט אויס מענש. אין וואָס אַזוינס איז דאָס באַשטאַנען אָט דער אומגליק, וועלכער האָט אַבראַמאָוויטשן אַזוי צודולט דעם מח און אַראָפּגעשלאָגן אים פון מוט אויף אַזוי פיל, דאָס ער האָט פאַרלאָרן די פײ־היגקײט צו דענקען, און במילא אויך צו שאַפן,—דאָס צו דערצײלן האָט בינ־שטאָק דאַמאָלס געפונען פאַר „ניט פּאַסיג". לײַט האָבן דערפון געדרונגען, און מיט רעכט, אַז דאָס איז געווען אַזאַ מין אומגליק, וואָס בײַ אַבראַמאָוויטשעס לעבן האָט מען אים באמת ניט געקענט און ניט געדאַרפט מפרסם זײַן. אָבער איצטער, נאָך אַבראַמאָוויטשעס טויט, צו געפינען זיך בײַ אונז אַ סך, וואָס זאָלן האָבן אפילו די קלענסטע אַנונג וועגן דעם „גרויסן שטורם, וואָס האָט אויסגעבראָכן אויף זײַן קאָפּ, און באַדעקט זײַנע לעבנס־הימלען מיט געדיכטע וואָלקנס?" ווען אונטער דער גרויזאַמער ווירקונג פון דער רויער ווירקליכקײט ווערט מיט אַמאָל דער מח פון דעם דענקער „פאַרגאָסן מיט בלײַ" און דאָס פײַנפילנדיגע האַרץ פונ׳ם דיכטער ווערט „פאַרשטײנערט", איז דאָס אַ העכסט טרויעריגע, און, מ׳קען אויך זאָגן, אַ קאַטאַסטראָפאַלע ערשײַנונג, בײַ וועלכער יעדער אײנציגער פון אונז, און דער קריטיק־פּסיכאָלאָג באַזונדער, מוז זיך אָפּ־שטעלן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקײט, און וועלכע מוז גרינדליך אויס־

געפּאַרשט ווערן. אויב ס׳וועט זיך קיינער ניט געפינען, וואָס זאָל דעם דאָזיגן זעהר באַדייטנדן עפּיזאָד אין אַבראַמאָוויטשעס לעבן קענען אויפקלערן און באַלייכטן ווי געהעריג, און ער וועט מוזן פאַרבלייבן פון אונז פאַרבאָרגן אויף אויף להבא, ווי ער איז פון אונז פאַרבאָרגן געווען ביז היינטיגן טאָג,—דאַמאָלס פאַרלירט אַבראַמאָוויטשעס לעבנס־געשיכטע אַ פּרק פון אַ זיבניאָריגער תקופה, אַ טרויעריגע תקופה אפילו און אַ שטומע, אבער ווער ווייסט? אפשר וואָלטן דוקא דער דאָזיגער טרויער און די דאָזיגע שטומקייט מוסיף געווען גאַנץ נייע און פילזאָגעדיגע שטריכן צו אַבראַמאָוויטשעס מאָראַלישער פיזיאָנאָמיע?

דעם דאָזיגן פאַקט האָב איך דאָ נאָר געבראַכט אַלס ביישפּיל ווי ווייט מ׳קען נאָך ביי אונז ניט אַבראַמאָוויטשעס לעבנס־געשיכטע. לויט דעם איז גאַנץ מעגליך, אַז אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע האָט אויפצוווייזן פיל אינטערעסאַנטע, אונז ביז אַהער אומבאַקאַנטע בלעטלאַך, וועלכע וואָלטן געהאַט אַ באַזונדערס גרויסע באַדייטונג הן פאַרן ליטעראַטור־פאָרשער און הן פאַרן קולטור־היסטאָריקער. דאָס לייגט אַרויף אַ חוב אויף אַלע, וואָס האָבן געהאַט ווען ס׳איז אַ געוויסע שייכות צו אַבראַמאָוויטשן אין די פאַרשיידענע שטעט, וואו ער האָט געוואוינט אינם משך פון זיין לאַנגען לעבן, צו פאַרעפנטליכן די מער כאַראַקטעריסטישערע פאַקטן פון זיין לעבנס־געשיכטע. באַזונדערס וויכטיג אין דעם פרט זיינען די זכרונות פון יענע מענשן, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהענט אַבראַמאָוויטשען אין אָדעס, וואו ס׳איז אַריבער די בליהענדסטע און גלענצנדסטע תקופה פון זיין דיכטערישער שאַפונג. די דאָזיגע פּערזאָנען דאַרפן צוזאַמענקלייבן די מער אינטערעסאַנטערע פאַקטן וועגן אַבראַמאָוויטשעס לעבנס־שטייגער וועלכע, זיינען זיי אַליין באַקאַנט דורך אייגענע באַאָבאַכטונגען, און אויך אַלץ, וואָס זיי האָבן געהערט פון אַנדערע. נאָר אויף אַזאַ אַן אופן וועט קענען געגעבן ווערן די מעגליכקייט צו באַשאַפן דאָס ערשטע געטריע און טרייע בילד פון אונזער גרויסן פאָלקס־שרייבער און וואָרט־קינסטלער.

אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך גיב איך איבער עטליכע זעהר כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן פון אַבראַמאָוויטשעס לעבן. דער ערשטער עפּיזאָד, וועלכן איך האָב אַמאָל געהערט, צוזאַמען מיט דעם צווייטן, פון דעם אין זיין צייט זעהר באַוואוסטן העברעאיש־יידישן שריפטשטעלער **אליעזר צבי צווייפל**, שטייט, קען זיין, אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט דעם אויבנדערמאָנטן טרויעריגן פאַקט, וועגן וועלכן בינשטאָק האָט אין **1884**־טן יאָר ניט געפונען „פּאַר פּאַסיג" צו דערציילן...

I.

מײַן געשפּרעך מיט צװײפּלען װעגן דער דראַמע אין אַבראַמאָװיטשעס פּער-זענליכן לעבן.—די צװײ װערסיעס.—די פֿאַרשיקונג פֿון אַבראַמאָװיטשעס בן-יחיד אין אַרכאַנגעלער גובערניע.—באַרדיטשעװער שטאָט-בעלי-טובות אין אַבי-ראַמאָװיטשעס „טאַקסע".—אױס מ׳ירא פֿאַר זײַנע באַרדיטשעװער שונאים קלײַבט זיך אַבראַמאָװיטש איבער קײן זשיטאָמיר.—מ׳שיקט אױף אים געהײמע מסירות, װעלכע מאַכן קײן רושם ניט.—מ ע נ ד ל ד ע ר ג ע ל ע ר װיל אים ניט מוחל זײַן.—ער גריבלט זיך אַזױ לאַנג ביז ער אַנפּלעקט אַבראַמאָװיטשעס אַ סוד.—אַבראַמאָװיטשעס פּחד פֿאַרן סוד.—מענדל דער געלער האַלט אַבראַמאָ-װיטשן אין דער קלעם גאַנצע צװײ יאָר.—אַבראַמאָװיטש קױפֿט זיך בײַ אים אױס מיט געלט.—אַבראַמאָװיטש װערט פֿון אים אױסגעלײזט דורך צװײ באַר-דיטשעװער גוטע פֿרײַנד

אין יאָר 1835 האָב איך מיך צוזאַמענגעטראָפֿן מיט צװײפּלען אין װאַר-שע, װאו ער איז דאַמאָלסט געקומען דרוקן זײַן „ס נ י ג ו ר". זיצנדיג אײן טאָג בײַ אים אין האָטעל איז אַרױף אונזער שמועס אױף דער שאַרפֿער פּאָלעמיק, װאָס ער האָט אַמאָל צוליב זײַן ערשטן ביכל „מינים ועוגב" געפֿירט אינם „המליץ" מיט שלום יעקב אַבראַמאָװיטשן. פֿון דעם איז דאָס געשפּרעך אַריבער װעגן אַבראַמאָװיטשן בכלל. װיסנדיג, אַז צװײפּל איז אין די מיטעלע 70-ער יאָרן געװוען אַבראַמאָװיטשעס אַ בן-עיר—זײ האָבן יעמאָלט בײדע געװאױנט אין זשיטאָמיר—האָב איך אים געפֿרעגט, אױב ער האָט געלײענט בינשטאָקס אַר-טיקל אין „װאָסכאָד", און אױב ער האָט אַ װעלכע ס׳איז אַנונג בנוגע דעם טרױעריגן עפּיזאָד, װעלכער האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַבראַמאָװיטשעס לעבן, און װאָס בינשטאָק האָט געפֿונען פֿאַר ניט פּאַסיג צו דערמאָנען אים אין דער עפֿנטליכקײט.

אױף דעם האָט מיר דאַן צװײפּל געענטפֿערט פֿאָלגנדעס:

— פֿאַראַיאָרן, בעת ס׳האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „װאָסכאָד" בינשטאָקס אַרטיקל, האָב איך מיך אױף אים אָפּגעשטעלט, און װיפֿל מאָל איז מיר שױן אױסגעקומען צו רײדן װעגן דעם מיט זשיטאָמירער און באַרדיטשעװער באַקאַנטע. איך האָב װעגן יענעם עפּיזאָד געהערט צװײ װערסיעס. א י י ן װער-סיע איז, אַז דער פֿאַקט װעגן װעלכן בינשטאָק שרײַבט, איז דאָס די געשיכטע מיט אַבראַמאָװיטשעס בן-יחיד, דער יונגער פּאָעט, װאָס זײַענדיג דאַן אַ סטו-דענט פֿונם פּעטערבורגער אוניװערזיטעט, האָט ער זיך פֿאַרמישט אין אַ פּאָ-ליטישן ענין, און איז פֿאַרשיקט געװאָרן אױף עטליכע יאָר אין אַרכאַנגעלער גובערניע. אָט די געשעהעניש זאָל אױף אַבראַמאָװיטשן האָבן אַזױ געװירקט, דאָס ער האָט געהאַלטן, ממש, בײַם אַראָפּגײן פֿון זין. באַרוהיגט האָט ער זיך ערשט נאָכדעם, װי זײַן זון איז צוריקגעקומען פֿון זײַן פֿאַרשיקונג. דאָס איז,

זוי געזאָגט, איין ווערסיע, וועלכע לייגט זיך אַביסל אויפן שכל. כ׳האָב אָבער געהערט אַ ווערסיע וועגן אַ צווייטן פאַל, וואָס האָט כמעט אין דערזעלבער צייט פּאַסירט מיט אַבראַמאָוויטשן, און, לפי דעתי, איז דער דאָזיגער צווייטער פאַל נאָך פיל מער טראַגישער פון דעם ערשטן. ווען דאָס זאָל אמת זיין מיט די אַלע פּרטים, וועלכע איך האָב געהערט פון אַ באַקאַנטן באַרדיטשעווער יידן, איז דאָס, פּשוט, שרעקליך, און ס׳איז אַ וואונדער ווי אַבראַמאָוויטש האָט דאָס געהאַט כחות אַריבערצוטראָגן.

און צווייפל האָט מיר דאַן אָט וואָס דערציילט:

כידוע, האָט אַבראַמאָוויטש אין די אָנפאַנג זיבעציגער יאָרן געוואוינט אין באַרדיטשעוו, וואו ער האָט געדינט אַלס לערער פאַר אַלגעמיינע למודים אין דער אַזויגערופענער „קאַזיאָנער אוטשילישטשע“. אין יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט זיין באַקאַנטע טעאַטער־שטיק „די טאַקסע“, אין וועלכער ער האָט פאָטאָגראַפיש ריכטיג אָפּגעשילדערט די גלופּסקער (ד. ה. די באַרדיטשעווער) בעלי־קאָראָבקע, די שטאָט־בעלי־טובות, פרומע, כשר׳ע יידן, גאָטס סטראַפּטשעס, וואָס שינדן אַראָפּ די הויט ביי די אָרימע לייט, פירן קהל פאַרן נאָז, און לאָזן אַראָפּ עולם׳שע צדקה־געלטן אין קעשענע. ווי מען זאָגט, זיינען די בילדער פון די אָפּגעמאָלטע פערזאָנען אַרויס אַזוי געטריי, דאָס יעדערער פון די העלדן האָט זיך באַלד אַליין דערקאָנט ווי אין אַ שפּיגל. די טאַקסע האָט אָנגעמאַכט צווישן די באַרדיטשעווער רעדל־פירער אַזאַ מהומה און דערוועקט ביי זיי אַזאַ אומגעהייער גרויסן שטורם פון רגזנות, דאָס אַבראַמאָוויטש האָט צוליב דעם געמוזט פאַרלאָזן באַרדיטשעוו און אַרויספאָרן וואוינען קיין זשיטאָמיר. דער רעש און דער געפילדער און דער רוגז פון די באַרדיטשעווער בעלי־קאָראָבקע האָבן אָבער ניט אויפגעהערט אויך נאָך דעם ווי אַבראַמאָוויטש איז אָפּגעפאָרן קיין זשיטאָמיר. די סבה דערפון איז געווען, וואָס גייענדיג אין גאַס פלעגט מען אויף זיי טייטלען מיט די פינגער און זאָגן: אָט זיינען זיי, די שיינע מענשן! די אַלע קהל׳שע קליאַמקעס, וועלכע האָבן זיך גזפּילט פאַרטשעפּעט פון דער „טאַקסע“, האָבן ניט אויפגעהערט צו זוכן קיין מיטלען ווי נוקם צו זיין זיך אָן אַבראַמאָוויטשן. מ׳האָט געפּרובט שיקן אויף אים פּאַסקווילן צו דער זשיטאָמירער „נאַטשאַלסטוואָ“. מ׳האָט אויף אים געשיקט וואוהין מ׳באַדאַרף פאַרשיידענע אַנאָנימע מסירות־לאַך. אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. אַלע זייערע באַמיהונגען שלעכטס צו טאָן אַבראַמאָ־וויטשן זיינען פאַרבליבן אָן אַ שום רעזולטאַט. אַזוי זיינען אַוועק אַ יאָר דריי. דערווײלע זיינען אייניגע אַבראַמאָוויטשעס העלדן צושטאָרבן, אַנדערע זיינען שוין גלאַט אָפּגעגאַנגען פון כעס, און בכלל, האָט אויסגעוויזן, אַז ביסלאַכוויז האָט מען זיך שוין אין באַרדיטשעוו פאַרגעסן אָן דער גאַנצער מעשה. ליידער איז אָבער ניט אַזוי געווען דער פאַל.

— ביי איינעם אַ פאַרביסענעם יונג פון אַבראַמאָוויטשעס העלדן—האָט

צווייפל פאַרגעזעצט זײַן ערצײלונג — האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טליען אין האַרצן אַ פּייערל פון נקמה. דער דאָזיגער נפש האָט זיך געפילט אָנגעגריפן דורך אַבראַמאָוויטשן גאָר ניט דער ערך מערער פון זײַנע אַלע אי־בעריגע חברים. דאָס איז געווען יענער פאַרשוין, וועמען אַבראַמאָוויטש האָט אָנגערופן אין דער טאַקסע מיטן נאָמען ר׳ מ ע נ ד ל ד ע ר ג ע ל ע ר, און האָט אים אָפּגעמאָלט מיט די פאָלגנדע זעהר כאַראַקטעריסטישע הויפּט־שטריכן: „אַ שטאָט־שייגעץ, אַ בילער, סלוזשעט ביי די בעלי־טובות און פאַלט אָן אויף ווע־מען מ׳הייסט”. אָט ד ע ר מענדל דער געלער האָט אַבראַמאָוויטשן בשום אופן ניט געוואָלט מוחל זײַן, און האָט גענומען נאָכזוכן אויף אים חטאים כאָטש פון אונטער דער ערד. די גאַנצע צייט האָט ער אַזוי ניט אויפגעהערט צו גריבלען און צו גריבלען, ביז ער האָט זיך, ענדליך, דערגריבלט, און האָט אַנטפּלעקט וועגן אַבראַמאָוויטשן אַ זאַך, וואָס מער פון דעם האָט ער שוין ניט באַדאַרפט האָבן.

גריבלענדיג זיך האָט ער דערגאַנגען גאָר אַ קלייניגקייט... ער האָט אויס־געפונען, אַז אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז אַ געבוירענער פון קאַפּוליע, מינס־קער גובערניע, איז גאָר קיינמאָל ניט אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער קאַפּו־ליער „סקאַזקע”, דאָס הייסט, אַז ער איז אַ — נ ע ל ם!...

נאָכמער: ער האָט אויך אַרויסגעגריבלט, אַז זײַן אמת׳ע פאַמיליע איז גאָר ניט אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש, און אַז ער האָט זיך אַזוי אָנגערופן אויפן נאָמען פון אבר׳עמל דעם בלינדן בעטלער, מיט וועלכן ער איז אין זײַנע יינגלשע יאָרן אַרומגעפאָרן איבער וואָלינער שטעט און שטעטלאַך...

כדי צו האָבן אַ וועלכן ס׳איז באַגריף פון דעם, וואָס פאַר אַ מין אומ־גליק ס׳וואָלט געווען פאַר אַבראַמאָוויטשן ווען די זאַך וואָלט נתפרסם געוואָרן, דאַרף מען נאָר נעמען אין אַכט דעם אָרט, וועלכן אַבראַמאָוויטש האָט דאַמאָלס פאַרנומען הן אין דער יידישער און הן אין דער נ י ט־יידישער געזעלשאַפט.

קודם כל איז שוין אַבראַמאָוויטש דענסטמאָלט געווען מפורסם אין דער וועלט אלס באַדייטנדער שריפטשטעלער; ער האָט שוין יעמאָלט געהאַט אָנגע־שריבן זײַנע גרויסע העברעאישע ווערק ווי „האבות והבנים” און דעם דריי־בענדיגן „תולדות־הטבע” און אַנדערע, און איז אויך געווען זעהר פּאָפּולער אין דער יידישער ליטעראַטור דורך זײַן „קליינמענטשעלע” און די „קליאַטשע”.

צווייטנס, איז אויסער וואָס ער איז שוין דאַן געווען פון כמה יאָרן אַן אָנגעשטעלטער קרוינישער לערער, אַפריהער אין באַרדיטשעוו און נאָכדעם אין זשיטאָמיר, און האָט געהאַט אַ נאָמען ביי זײַן נאַטשאַלסטווא פאַר אַ השוב׳ן פּעדאַגאָג, האָט מען נאָך פון אים אויך שטאַרק געהאַלטן אַלס געלערנטן יידן אין די הויכע רעגירונגס־כפערן פונם דרום־מערב קאַנט. אַלעמען איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז אין די סוף זעכציגער יאָרן, בעת דער דאַמאָלסדיגער וואָלי־

נער, פּאָדאָליער און קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געגרינדעט אַ קאָמיסיע פון באַרימטע יידישע פּערזענליכקייטן צו באַקלערן ווי אַזוי מען הויבט אויף דעם קולטערלן מצב פון די יידן, איז אַבראַמאָוויטש געווען איינער פון די ערשטע אַיינגעלאַדענע אין דער דאָזיגער קאָמיסיע, און זיינע פאָרשלאָגן האָט מען דאַמאָלס צוגעגעבן אַ גאַנץ גרויסע באַדייטונג.

דערצו דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט דעם דאַמאָלסטדיגן אַבראַמאָוויטשעס פּערזענליכן מצב. שוין געווען אַ פאַמיליען־פאָטער; געהאַט זעהר אַ פיי־היגן זון אין זשיטאָמירער גימנאַזיע...

און מיט אַמאָל וועט זיך די וועלט דערוויסן, אַז דער דאָזיגער גרויסער אַבראַמאָוויטש, דער מקורב למלכות,־ איז גאָר ניט קיין אַבראַמאָוויטש, און ער איז גאָר אַ נעלם!...

היינט אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס אַ רוסישער טשינאָווניק קען ביי אַזאַ פאַל אָפּטאָן? אפשר גאָר אָפּגעבן אים, אַבראַמאָוויטשן, אין סאָלדאַטן (ער איז נאָך דאַמאָלס ניט אַלט געווען קיין גאַנצע פ ע ר צ י ג יאָר)? און ווען ניט דאָס, איז אַרויפלייגן אויף אים אַ קאָלאָסאַלע געלט־שטראָף?!

מענדל דער געלער האָט דאָס אַלץ איבערגעקלערט און איבערגעוואויגן. ביי אים איז אָבער געבליבן ניט אויסצונוצן דאָס פּאַר אַ געהיימער מסירה. ער האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז ער קען דאָס מאַכן פאַר אַ גוטן געשעפט, און האָט גענומען און איז אַוועקגעפאָרן קיין זשיטאָמיר...

וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין זשיטאָמיר צווישן אַבראַמאָוויטשן מיט מענדל דעם געלן,—קיין פּרטים וועגן דעם האָט צווייפל ניט געוואוסט. ער האָט מיר נאָר דערציילט, אַז דער סוף איז געווען, דאָס דער שיינער מענש, דער אַמאָ־ליגער באַרדיטשעווער שטאָט־שייגעץ, האָט געהאַלטן אַבראַמאָוויטשן אין דער קלעם אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד. די גאַנצע צייט האָט זיך אַבראַמאָוויטש ביי אים געמוזט אויסקויפן דורך באַדייטנדע געלט־סומעס, וועלכע ער האָט אָפּגעריסן פון זיין טעגליכן קאַרגן לערערשן ברויט. ווען נ י ט האָט אים דער געלער גע־סטראַשעט, אַרויסצוגן ברבים מיט זיין אַנטפּלעקונג. אַבראַמאָוויטש איז נאָך אין דעם מסור ניט געווען זיכער. תמיד האָט ער זיך געשראָקן, אַז אָט, אָט דערוויסט זיך די וועלט פונם שרעקליכן סוד...

אויסגעלייזט פון דעם דאָזיגן פּאַרשוינס לאַפּעס איז אַבראַמאָוויטש גע־וואָרן ערשט נאָכדעם ווי צוויי פון זיינע באַרדיטשעווער גוטע פריינד, וועלכע ער האָט פּאַרטרויט דעם גאַנצן ענין, האָבן זיך אין דעם אַריינגעלייגט, און זיינען תיכּף אַוועקגעפאָרן קיין קאַפּוליע, און דורך פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס האָבן זיי מיטן דאָרטיגן קהל אויסגעפונען אַ וועג ווי צו פּאַרריכטן די זאַך, און אַזוי אַרום האבן זיי אַרויסגעריסן פון מענדל דעם געלנס הענט דעם מסוכּנדיגן כּלי־זיין, וואס ער האט געהאַט קעגן אַבראַמאַוויטשן. אינגיכן איז גע־וואָרן אַבראַמאַוויטש אַ באַרדיטשעווער נכתב...

צווייפל האָט פּאַרענדיגט זיין ערציילונג מיט דער פּאָלגנדער באַמערקונג:

— איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, אַז לויט מײַן מײנונג האָט דער צווײטער צופאַל געדאַרפט האָבן אויף אַבראַמאָוויטשן אַ פיל שטאַרקערע ווירקונג אַלס די פאַרשיקונג פון זײַן זון, און דעריבער קען גרײלאַך זײַן, אַז אין בינשטאָקס אַרטיקל איז געווען די רײד נאָר וועגן אים.

II.

אַבראַמאָוויטש עקזאַמענירט זיך אין זשיטאָמירער ראַבינער-שול. — זײַן שבת'דיגע דרשה.—דער אײַנדרוק פון דער דרשה אויף די לערער מיט די תּלמידים פון ראַבינער-שול.—אַבראַמאָוויטשעס געשפּרעך מיט סלאָנימסקי'ן.— דער גוי'אישער דירעקטאָר איז אין כּעס.—אַבראַמאָוויטש באַקומט ניט קײן אַטעס-טאַט.—אַבראַמאָוויטשעס באַגעגעניש מיט דעם אַדעסער ראַבינער גורלאַנד.— „בהעלותך את הנרות".—גורלאַנדס פּלוצלונגער טויט.—אַבראַמאָוויטשעס אויסרוף.

אַלע אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפן, אָנהויבנדיג פון בינשטאָקן ביז דעם סאַמע לעצטן, דערצײלן, אַז אין די ערשטע 70-ער יאָרן פונ'ם פאָריגן יאָרהונדערט האָט ער אָפּגעגעבן עקזאַמען אַלס ראַבינער אין זשיטאָמירער ראַבינער-שול. בינשטאָק גיט דערבײַ אָפּ די פאָלגנדע ערקלערונג: „כאָטש אַבראַמאָוויטש האָט שוין לאַנג געהאַט אַ שם אין מיניסטעריום אַלס גוטער פּעדאַגאָג, פונדעסטוועגן איז אים אָן אַן אַטעסטאַט דאָך שווער געווען צו דערשלאָגן זיך צו אַן אָפיציעלער שטעל, און וועלכער ער האָט זיך, צום באַדויערן, שטענדיג געגנויטיגט. דאָס האָט אים באַוואויגן אַוועקצוזעצן זיך פלײסיג לערנען און צוצוגרײטן זיך אויסצוהאַלטן דעם ראַבינער-עקזאַמען אין זשיטאָמירער ראַבינער-שול"*).

דער דאָזיגער פאַקט איז אָבער גיט אינגאַנצן ריכטיג. אמת איז נאָר, אַז אַבראַמאָוויטש האָט אָפּגעגעבן דעם ראַבינער-עקזאַמען און האָט אים גוט אויסגע-האַלטן; קײן אַטעסטאַט האָט ער אָבער ניט באַקומען. דאָס איז געווען זײַן שטראָף פאַר אַ קלײנער פּאָליטישער אומפאָרזיכטיקײט, און וועלכער ער איז געש-טרויכלט געוואָרן.

און אָט ווי די מעשה איז געווען:

נאָכדעם ווי אַבראַמאָוויטש איז אַרויס פון אַלע עקזאַמענס מיט זעהר גוטע באַלן, האָט ער נאָך געדאַרפט, לויט ווי דער מנהג איז דאַמאָלסט גע-ווען, האַלטן שבת בײַם דאַווגען, נאָך קריאת-התּורה, אין דער סינאַגאָגע פון ראַבינער-שול אַ רוסישע רעדע. דאָס איז געווען אײַנגעפירט אַלס אַ מין באַ-זונדער עקזאַמען אין חכמת-הדרוש, און וועלכער אַ ראַבינער האָט געמוזט זײַן באַהאַוונט. אַ פּאָר טעג פאַר שבת האָט דער דאַמאָלסטיגער אינספּעקטאָר

---

*) אין 12-טן ביכל „וואָסכאָד" 1884.

פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול, חיים זעליג סלאָנימסקי, אויפמערקזאַם געמאַכט אַבראַמאָוויטשן אין אַ שמועס, אַז בנוגע די דרשות האַלט מען זיך אין ראַבינער־שול אָן דעם שטייגער פון די ראַבינער־סעמינאַריעס אין אויסלאַנד, דאָס דער רעדנער דאַרף זיך אויסקלייבן אַלס יסוד צו זיין דרשה אַ געוויסן פסוק פון דער וואָך־סדרה; בכן גיט ער אים אַן עצה צו נעמען דאָס אין אַכט און באַצייטנס אויסזוכן זיך אַ טעמע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו אַ פסוק, וועלכן מ'וועט לייענען דעם קומעדיגן שבת.

לכבוד אַבראַמאָוויטשן, וועלכער איז שוין דאַמאָלסט געווען אַ גרויסער מפורסם אַלס העברעאיש־יידישער שריפטשטעלער, זיינען געקומען צו זיין דרשה כמעט אַלע תלמידים פון ראַבינער־שול מיטן גאַנצן לערער־פּערסאָנאַל מיט סלאָנימסקין אין דער שפּיץ. גאַנץ אומערוואַרט איז תיכף נאָכן לייענען געקומען דער דירעקטאָר, אַ קריסט, וואָס האָט געשמ'ט אין זיין צייט פאַר ניט קיין קליינעם שונא־ישראל.

גראָד האָט מען יענעם שבת געלייענט די סדרה „בהעלותך”, און אין זיין רעדע האָט זיך אַבראַמאָוויטש אָפּגעשטעלט אויפן פסוק: „מי יאכילנו בשר?” אָבער אין דער אונטערשטער שורה איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז געווען ניט קיין דרשה אין געוויינליכן זין פון וואָרט, נאָר אַ שאַרפע אָנקלאָגס־רעדע געגן די שייקעס תקיפים און רעדל־פירער, די בעלי־קאָראָבקעס, וואָס שינדן אַראָפּ פון אָרימאַן די הויט, און אָנשטאָט פלייש גיבן זיי אים ביינער. מיט פיל טעמפּעראַמענט האָט אַבראַמאָוויטש גערעדט וועגן די גרויסע יידישע מאַסן, וואָס לעבן אין נויט און אין דחקות, און ווערן עקספּלאָאַטירט פון די רייכערע קלאַסן, וועגן די אומאָרדענונגען, וואָס הערשן אין די חדרים און תלמוד־תורות און אין די פאַרשיידענע צדקה־חברות, וועלכע ווערן אָנגעפירט דורך אַ כנופיא גבירים מיוחסים — מענשן פינסטערע און האַרט־האַרציגע. מיט אַ באַזונדער פייער איז אַבראַמאָוויטש אַרויסגעטראָטן געגן דער פאַרוואָרלאָזטער ערציהונג פון די אָרימע קינדער, פון די „בני עניים שמהם תצא תורה”. פאַר־געסן האָט אַבראַמאָוויטש בשעת־מעשה, אַז ער איז אַ בעל־דרשן, און האָט זיך גענומען צום פּענזל... אַ גאַנצע גאַלעריי פון בילדער האָט ער שטייענדיג אויף דער בימה באַשאַפן, בילדער פון דעם יידישן דלות, פון דער יידישער טאָרבע...

דער עולם איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין איין באַגייסטערונג, און האָט, ממש, די פינגער געלעקט. אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול האָט מען נאָך ביזאַהער קיינמאָל אַזאַ אינטערעסאַנטע רעדע ניט געהערט. אַז אַבראַמאָוויטש האָט געענדיגט ריידן און איז אַראָפּ פון בימה, איז צו אים דער ערשטער צו־געגאַנגען צווייפל, האָט אים אָפּגעגעבן אַ גרויסן יישר־כח און געזאָגט: „מילא אין אייער שטעכעדיגער פען האָב איך אַ ידיעה שוין פון לאַנג; אַז איר האָט נאָך דערצו אויך אַזאַ שטעכעדיגן מויל, — אויף דעם וואָלט איך מיך גאָר קיינמאָל ניט גערעכנט. כ'בין בטוח, אַז פון אייך וועט אַרויסוואַקסן אַ צווייטער

יעלינעק*). אויך די איבעריגע לערער, און באַזונדערס די תּלמידים פון ראַבינער־שול, האָבן אַבראַמאָוויטשן אויסגעדריקט אַ הייסן דאַנק. געשוויגן האָבן דאַמאָלסט נאָר צוויי: דער גוי׳אישער דירעקטאָר מיטן יידישן אינ־ספּעקטאָר...

אין עטליכע טעג אַרום, אַז אַבראַמאָוויטש איז אַריין אין ראַבינער־שול צו דערוויסן זיך דעם באַל, וועלכן מ׳האָט אים געשטעלט פאַר זיין רעדע, האָט אים סלאָנימסקי אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט, האָט אים געבעטן זיצן, און נאָך אַ קליינער פּויזע געזאָגט:

— יאָ, איר האָט אַ שיינעם מויל, טאַקע אַן אמת׳ן „פּום ממלל רברבן״, מ׳קען אַנדערש ניט זאָגן... איר געדענקט דאָך אָבער, מסתּמא, דעם פּסוק פון „משלי״: „שומר פיו ולשונו״ און ווייטער...

— וואָס הייסט? — האָט אים אַבראַמאָוויטש געפרעגט גאַנץ פאַר־וואונדערט.

— דאָס הייסט, אַז אייער שבת׳דיגע דרשה האָט איר געמעגט ניט זאָגן.

— מאי טעמא? פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

— ס׳איז גאָר פּשוט—האָט אים סלאָנימסקי געענטפערט—אַ ביכל איז ניט קיין דרשה, און אַ דרשה איז ניט קיין ביכל. אַ צווייטע „טאַקסע״ האָט איר אונז שבת אָפּגעלייענט.

— מילא בכן?

— בכן איז אויף אייך אונזער דירעקטאָר שטאַרק אויפגעבראַכט און זאָגט, אַז אַ מענשן, וואָס ליגט אין אָנמאַכן העצעס צווישן אָרימע און רייכע, קען מען ניט צולאָזן צו פאַרנעמען די שטעל פון אַן אָפיציעלן ראַבינער.

אַבראַמאָוויטש האָט זיך געוועסט געפּרובט משתדל זיין, אָבער ס׳האָט אים קיין זאַך ניט געהאָלפן. דער דירעקטאָר האָט זיך איינגעעקשנ׳ט און האָט בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבן.

אָט אַזוי איז אַבראַמאָוויטש פאַרבליבן אָן אַן אַטעסטאַט פון אַ ראַבינער. ביז אַהער האָב איך געהערט פון צווייפלען.

* *

*

אין די לעצטע אַכציגער יאָרן פונם פאָריגן יאָרהונדערט האָט אָדעס געוומען פאַר אַ ראַבינער דעם באַוואוסטן יידישן געלערנטן חיים יונה גורלאנד.

ביי אַ געוויסער געלעגנהייט האָט אים אַמאָל אַבראַמאָוויטש דערציילט אין אַ שמועס וועגן דעם פּסק, וואָס ער האָט געהאַט אין זשיטאָמירער ראַבינער שול מיט זיין דרשה.

---

*) ד״ר אַדאָלף יעלינעק, דער פּרעדיגער פון דער ווינער יידישער געמיינדע אין יענער צייט, וועלכער האָט געהאַט אַ שם אין דער וועלט פאַר אַ גרויסן רעדנער.

אויף דעם האָט גורלאַנד געזאָגט:

— שטעלט אייך פאָר, הער אַבראַמאָוויטש, אַז מיר אין ווילנער יאַבינער־שול איז אויך אויסגעקומען צו האַלטן מיין עקזאַמען־דרשה אין שבת פרשה „בהעלותך“.

— און אויך אויף אַ פּסוק פון דער וואָך־סדרה? — האָט אים אַבראַמאָוויטש געפרעגט.

— געוויס. ווי קען דאָס גאָר געמאָלט זיין אַ דרשה אָן אַ פּסוק?

— און וועלכן?

— באַלד ביים אָנהויב: „בהעלותך את הנרות“...

— אין דיין טין טאָן טון אָנצינדן—האָט אַבראַמאָוויטש אַ זאָג געטאָן מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל—טאַקע אַ שיינער פּסוק; וואָס, כ׳בעט אייך, האָט איר מחדש געווען אויף דעם דאָזיגן טין טאָן טון אָנצינדן?

— כ׳האָב דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל צווישן דער פינסטערניש, וואָס האָט תמיד געהערשט ביי די רוסישע יידן, און צווישן דער גרויסער ליכטיגקייט, וועלכע האָט מיט אַ מאָל אַ שטראַל געטאָן זינט ס׳איז אַרויף אויפן כסא־המלוכה אַלעקסאַנדער דער צווייטער.

— טאַקי, טאַקי, גאַנץ גערעכט, כ׳לעבן!—האָט אַבראַמאָוויטש אויסגערופן;—טאַקי אָן אמת׳ער מלך חסד איז דאָס געווען, אַ קלייניגקייט אַביסל אַזאַ ליכטיגקייט. אַזאַ ליכטיגקייט! מ׳האָט דאָך, פּשוט, ניט געקאָנט איינשטיין פאַר אירע גינ־גאָלדענע שטראַלן! זיי האָבן דאָך, ממש, געשטאָכן די אויגן!...

בהעלותך את הנרות—דאָס איז דאָך עפּעס אַזוי פיין אָנגעמאָסטן צו יענער ליכטיגקייט, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אויסגעגאָסן מיט זיין גרויס גענאָד אויף אונזער מאָלדאָוואַנקע, למשל, אויף אונזער פּערעסיפּ*)...

* *
*

איינמאָל אין אַ טאַבל־טאָג — דאָס איז געווען אין 1900־טן יאָר — בעת דערזועלביגער גורלאַנד האָט אין אָדעסער גרויסער שול געהאַלטן אַ פייערדיגע פּאַטריאָטישע דרשה, און האָט אויסגערעכנט די גרויסע חסדים פון די מלכי בית־ראָמאַנאָוו, איז אים פּלוצלונג ניט גוט געוואָרן, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער קאַנצל, און איז דאָרטן תּיכף אויפן אָרט געשטאָרבן.

אַז אַבראַמאָוויטש האָט דערהערט די בשורה האָט ער אויסגערופן:

— אָט דאָס הייסט טאַקי אָן אמת׳ער פּאַטריאָטישער טויט: יצאה נשמתו ב„או—ר—ראַ וואַשע אימפּעראַטאָרסקאָיע וועליטשעסטוואָ!“...

---

*) צוויי אָדעסער פּאָרשטעט, וועלכע זיינען באַוואוינט באַזונדערס פון די אָרעמסטע יידישע שיכטן.

III.

אַבראַמאָוויטש פאַנגט אָן איבערזעצן פאַר דער חברה „מפיצי־השכלה“ אילאָ־ווײַסקי׳ס געשיכטע פון רוסלאַנד אין העברעאיש.—אַבראַמאָוויטשעס ערקלערונג פאַרוואָס ער האָט די איבערזעצונג איבערגעריסן אינמיטן.—פון די פּראָטאָקאָלן פון דער חברה ווײַזט זיך אַרויס עפּעס וואָס אַנדערש.—יל״ג ערקלערט מיר דעם ריכטיגן טעם.—דער געשמד׳טער פּראָפעסאָר כוואָלסאָן אַלס פּוסק.—אַבראַ־מאָוויטש נעגן כוואָלסאָנען.—מיט וועלכע מיטלען די חברה וויל ווירקן אויף אַבראַמאָוויטשן.—אַבראַמאָוויטשעס אָנגעפאַנגענע איבערזעצונג ווערט אָפּגעדרוקט דורך דער אָדעסער אָפּטיילונג פון „מפיצי־השכלה“.—די חברה האָט קיין מזל ניט מיט דער איבערזעצונג.—געפונען דעם ריכטיגן איבערזעצער.—ש ל מ ה מ אַ נ ד ל ק ע ר ן.—מאַנדלקערן מיט זײַן ספר בײַ ר׳ משה מאָנטיפיאָרען.—„עברי אנכי“.

אין די אַווטאָביאָגראַפישע נאָטיצן, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט פאַרעפנטליכט אין סאָקאָלאָווס „ספר־זכרון“, האָט ער געבראַכט אַ רשימה פון זײַנע העברע־אישע און יידישע ספרים ביז יענער צייט. אין דער דאָזיגער רשימה דערמאָנט אַבראַמאָוויטש אויך זײַן קליינעם העברעאישן ספר׳ל „דברי הימים להרוסים“ (די געשיכטע פונם רוסישן פאָלק). דערבײַ דערציילט אַבראַמאָוויטש, אגב אורחא, אַז אין יאָר 1863 האָט ער איבערזעצט דאָס בוך לויטן פאָרשלאָג פון דער פּעטערבורגער חברה „מפיצי־השכלה“, אָבער צוליב געוויסע טעמים האָט ער נאָכהער די אַרבעט איבערגעריסן אינמיטן. מיט דעם צוגלייך הייסט אַבראַ־מאָוויטש דעם לעזער אַיינקוקן אין דער באַמערקונג, וואָס געפינט זיך אויף דער 51־טער זײַטל פון זײַן העברעאיש ווערקל „ע י ן מ ש פ ט“.

אין יענער הערה צום „עין משפט“ דערציילט אַבראַמאָוויטש, אַז די חברה „מפיצי־השכלה“ האָט בײַ אים באַשטעלט איבערצוזעצן אין העברעאיש די רוסישע געשיכטע פון אילאָווייסקי׳ן פאַר דעם מקח פון צ ע ה ן רובל אַ דרוק־בויגן. אויף אַזאַ האָנאָראַר האָט ער ניט איינגעשטימט און איבערזעצנדיג אַ דריטל ספר האָט ער, צו זײַן באַדויערן, אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט.

לויט די פּראָטאָקאָלן פון דער חברה „מפיצי־השכלה“ באַקומט אָבער דער דאָזיגער אינצידענט גאָר אַן אַנדער פּנים. ערשטנס, ווייזט זיך אַרויס פון די פּראָטאָקאַלן, אַז די אונטערהאַנדלונגען צווישן דער חברה מיט אַבראַמאָוויטשן בנוגע דער איבערזעצונג האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין 1865־טן יאָר. דאַמאָלסט האָט די הברה לויטן באַשלוס, וואָס זי האָט אָנגענומען אין נאָוועמבער 1864, פאָרגעלייגט אַבראַמאָוויטשן איבערצוזעצן אין העברעאיש אילאָווייסקי׳ס געשיכטע פון רוסלאַנד פאַר דעם האָנאָראַר פון 10 רובל אַ בויגן. אַבראַמאָ־וויטש האָט, קענטיג, דעם פאָרשלאָג אָנגענומען, וואָרים באַלד נאָך דעם האָט ער שוין צוגעשיקט דעם ערשטן איבערזעצטן בויגן. מיט אַמאָל איז געוואָרן אַ מניעה אין דער זאַך מצד דער חברה. אין איר פּראָטאָקאָל פון 27־טן פעב־

רואַר 1865 געפינען מיר פאַרצייכנט די פאָלגנדע רעזאָלוציע: „די חברה האָט געוועסט באַשטעלט ביי דעם הערן אַבראַמאָוויטש פון באַרדיטשעוו איבערצו־זעצן אין העברעאיש אילאָווייסקי׳ס היסטאָריע פאַר 10 רובל אַ בויגן, און זי האָט שוין ערהאלטן פון מחבר צוגעשיקט אַ פּראָבע־בויגן. ווייל דער קאָמיטעט האָט אָבער דערהערט, אַז איינער אַ שריפטשטעלער האָט שוין אילאָווייסקי׳ס געשיכטע איבערגעזעצט, און אַז אַן אַנדער שריפטשטעלער האָט שוין דעמזעל־ביגן ספר אָפּגעדרוקט אין אָדעס, דעריבער האלט ער פאַר איבעריג צו אונ־טערהאַנדלען וועגן אַ נייער איבערזעצונג"*).

אין אמת׳ן זיינען אָבער די דאָזיגע ביידע פאַקטן, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די רעזאָלוציע פון קאָמיטעט, געוועזן גענומען אינגאַנצן פון דער לופט. ניט קיינער האָט אין יענער צייט געהאַט אָפּגעדרוקט אויף העברעאיש אילאָווייסקי׳ס געשיכטע אין אָדעס, און ניט קיינער האָט איר געהאַט ביי זיך אַן איבערזעצט. והראיה, אַז אין אַ יאָר אַרום (אין פעברואַר 1866) האָט די חברה „מפיצי־השכלה" אויסגעשריבן אַ קאָנקורס אויף אַ העברעאישער איבער־זעצונג פון אילאָווייסקי׳ס געשיכטע, און האָט וועגן דעם פאַרעפנטליכט אַן אויפרוף אין די צייטונגען**). אין אַ יאָר אַרום (פעברואַר 1867) האָט זיך איי־נער אַ געוויסער יוסף אליעזר עפשטיין, אַ לערער אין שאַולער יידי־שער קרוינישער שול, אָפּגערופן אויפן דאָזיגן אויפרוף, האָט אָנגעהויבן צו אי־בערזעצן אילאָווייסקי׳ן און אַריינגעשיקט דער חברה עטליכע פּראָבע־בלעטער. ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון אַ צווייטן בריוו, וואָס דער זעלביגער עפשטיין האָט געשריבן צו דער חברה אין אַ האַלב יאָר אַרום (אין אַווגוסט 1867), איז דעם קאָמיטעט געפעלן געוואָרן זיין איבערזעצונג, און האָט אים באַפולמעכטיגט פאָרצוזעצן די אַרבעט.

נעמענדיג דאָס אַלץ אין אַכט בלייבט, אין פלוג, אומפאַרשטענדליך, כמעט רעטזלהאַפט, דער פאַקט, אַז אין דערזעלבער צייט, וואָס די חברה „מפיצי־השכלה" האָט באַשטימט אַ קאָנקורס פאַר אַ העברעאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקי׳ס געשיכטע, און האָט שוין געפונען וועמען איבערצוגעבן די אַרבעט,—האָט זיך אַבראַמאָוויטש גאַנץ רוהיג געשריבן זיין איבערזעצונג, און דער קאָמיטעט האָט איר אויך אָפּגעדרוקט אין אָדעס אונטערן נאָמען „דברי הימים לבני הרוסים".

ווי ס׳האָט מיר אַמאָל דערציילט דער באַקאַנטער העברעאישער דיכטער יל״ג (יהודה ליב גאָרדאָן), וועלכער האָט אין די אָנפאַנג 70־ער יאָרן באַ־טראָטן די שטעל פון הויפּט־סעקרעטאַר ביי דער חברה „מפיצי־השכלה", האָט אין דער ריכטיגקייט מיט אַבראַמאָוויטשעס איבערזעצונג פּאַסירט גאָר עפּעס וואָס אַנדערש. דאָס, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט זיך איינמיטן אָפּגעוואָרפן פון

*) זעה „תולדות חברת מרבי־השכלה בישראל". ערשטער טייל, זייטל 17.

**) דאָרטן זייטל 31.

דער איבערזעצונג, איז ניט געווען צוליב דעם האָנאָראַר, נאָר גאָר צוליב אַן אַנדער פּ אָ ל י ט י ש ן טעם. דאָ האָט זיך גאָר געהאַנדלט אָ ט אום וואָס:

דער וואָס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער חברה „מפיצי־השכלה", באַזונדערס אין אירע ערשטע יאָרן, ווייס, וויפיל מיה אירע גרינדער און פאָרשטייער האָבן זיך געגעבן נושא חן צו זיין ביי דער רעגירונג, און וויפל זי האָט זיך תמיד משתדל געווען אַרויסצוווייזן ביי יעדער געלעגנהייט אויפן בולט׳סטן אופן אירע פאַטריאָטישע געפילן און אירע רוסיפיקאַטאָרישע שטרעבונגען. בעת די חברה האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסצוגעבן אין אַ העברעאישער איבערזעצונג די געשיכטע פון רוסלאַנד, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט דוקא אויף דאָס ווערק פון אילאָווייסקי׳ן, וועלכער איז שוין דאַמאָלסט געווען באַקאַנט אַלס פאַרביסענער רעאַקציאָנערער היסטאָריק. דער ערשטער טאָנגעבער, דער אַווטאָריטעט און דער מבין בנוגע די פאַרשיידענע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען פון דער חברה, איז אין יענער צייט געווען דער געשמד׳טער פראָפעסאָר כ וואָ ל ס אָ ן. ער האָט געגאָלטן פאַרן ערשטן און לעצטן פוסק אין אַלע פראַגן, וואָס זיינען געווען שייך צום אַרויסגעבן אויף דער רעכענונג פון דער חברה די ווערק פון דעם צי פון יענעם שריפטשטעלער. אים, כוואָל־סאָנען, האָט מען דאָס געגעבן צו לייענען אַלע פּראָבע־בויגנס פון די פאַרשיי־דענע מחברים, און ער האָט דאָס געהאַט צו אַנטשיידן, וועלכן ספר די חברה דאַרף אָננעמען צום דרוק, און וועלכן זי דאַרף נ י ט אָננעמען. בשעת אַבראַ־מאָוויטש האָט צוגעשיקט אין קאָמיטעט דעם ערשטן פּראָבע־בויגן פון זיין אי־בערזעצונג, האָט כוואָלסאָן אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז ס׳געפעלט אים זעהר די שפּראַך, דער סטיל; ער געפינט אָבער אין ספר זעהר אַ גרויסן פע־לער, וועלכער באַשטייט אין דעם, וואָס דער איבערזעצער האַלט זיך ניט פעסט אָן אָריגינאַל, ער ווייכט אויס אינגאַנצן אילאָווייסקי׳ס שניט, און פאַרנעמט זיך גאָר אויף אַ גאַנץ אַנדער דרך. לויט כוואָלסאָנס פאָרשלאָג האָט מען דאַן פון קאָמיטעט אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט אַבראַמאָוויטשן, און פאָרגעלייגט אים, אַז ער זאָל זעהן היטן איבערצוגעבן אילאָווייסקי׳ס געדאַנקען ריכטיג און טריי דעם רוסישן טעקסט.

אַבראַמאָוויטש האָט אָבער בשום אופן אויף דעם ניט געוואָלט איינגיין. ניט זיינענדיג פון די בויגעוודיגע נאַטורן האָט ער זיך פאַרעקש׳נט, און האָט ניט מסכים געווען, אַז אַנדערע זאָלן אים אָנווייזן ווי צו איבערזעצן. ס׳איז אַוועק צווישן אים מיט דער חברה אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע האָט ניט געבראַכט צו קיין רעזולטאַטן. ביידע צדדים האָבן זיך איינגעשפּאַרט, און קיי־נער פון זיי האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן. כדי צו ווירקן אויף אַבראַמאָוויטשן האָט די חברה מודיע געווען אין די בלעטער. אַז זי זוכט אַ העברעאישן איבער־זעצער פאַר אילאָווייסקי׳ס געשיכטע; נאָכדעם האָט זי פאַרעפנטליכט אַ ידיעה, אַז דעם איבערזעצער, וועלכן זי זוכט, האָט זי שוין געפונען. אַבראַמאָוויטש, ווי געדריקט ער איז דאַמאָלסט געווען, האָט זיך אָבער ניט געלאָזט כאַפּן אויף

דער ווענטקע. די דריי, פיר בויגן פון זיין איבערזעצונג האָט ער אָפּגעגעבן דער אָ ד ע ס ע ר אָפּטיילונג פון דער חברה „מפיצי־השכלה“, וועלכע איז דאַן אָנגעפירט געוואָרן דורכ׳ן ד״ר ל. פינסקער, דער שפּעטערדיגער מחבר פון דעם עפּאָכעמאַכעדיגן ביכל „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן“. און זי, די אָדעסער אָפּטיילונג, האָט עס אָפּגעדרוקט אויף אירע הוצאות. אַז דער פּעטערבורגער קאָמיטעט, איז פון דער מעשה געווען זעהר ניט קאָנטעט, — דאָס זעט מען אַרויס פון דעם, וואָס זי האָט אַבראַמאָוויטשעס ווערקל ניט דערמאָנט אין קיין איינציגן פון אי־רע פּראָטאָקאָלן, און בעת זי האָט נאָכהער פאַרעפנטליכט אין אַ באַזונדער העברעאיש ווערק די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זי האָט געפירט מיט איטליכן שריפט־שטעלער, ביי וועמען זי האָט באַשטעלט אַ וועלכע ס׳איז ליטעראַרישע אַרבעט, האָט זי אירע אונטערהאַנדלונגען מיט אַבראַמאָוויטשן אינגאַנצן פאַרשוויגן.

בכלל האָט זיך ביי דער חברה „מפיצי־השכלה“ אַ גאַנץ לאַנגע צייט ניט געקלייעט איר אונטערנעמען מיט דער העברעאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקי׳ס געשיכטע. ביים שאַוולער לערער, יוסף אליעזר עפּשטיין, וועלכן זי האָט פון אָנפאַנג באַפולמעכטיגט צו איבערזעצן פאַר איר דאָס ווערק, האָט זי צום סוף דעם כתב־יד ניט אָנגענומען, און האָט אים מפצה געווען מיט פופציג רובל פאַר זיין טרחה. ערשט שפּעטער, אין 1870־טן יאָר, האָט די חברה געפונען איר ערוואונשטן איבערזעצער פון אילאָווייסקי׳ס געשיכטע. דאָס איז געווען ש ל מ ה מ אַ נ ד ל ק ע ר ן, וועלכער האָט אָקאָרשט־וואָס געענ־דיגט דעם פּעטערבורגער אוניווערזיטעט אַלס קאַנדידאַט פאַר די מזרח־שפּראַכן, און איז אויך געווען באַוואוסט אַלס שיינער העברעאישער סטיליסט. מאַנדלקערן איז ניט געווען קיין מענש פון אידייען און פון פעסטע אָנשויאונגען; דאָס איז געווען אַ מענש, וואָס שווימט מיט שטראָם און דרייט זיך מיטן ווינט. בעת די חברה האָט אים געגעבן איבערזעצן אין העברעאיש אילאָווייסקי׳ס היסטאָריע, האָט ער זיך שוין ניט געדונגען, נאָר ער האָט געטאָן ווי זיין רבי כוואָלסאָן האָט אים געלערנט. און לייענט מען מאַנדלקערנס געשיכטע פון רוסלאַנד אין דער אויסגאַבע פון חברה „מפיצי־השכלה“, קען מען זיך ניט באַפרייען פון דעם שלעכטן איינדרוק, וועלכן ער מאַכט מיט זיינע שאָוויניסטיש־פּאַטריאָטישע און רוסיפיקאַטאָרישע טענדענציעס. אַזאַ צייט איז דאַמאָלסט געווען, און אַזעלכע קנעכטישע שטרעמונגען האָבן דאַן באַהערשט דעם גרעסטן טייל פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ. דער קומעדיגער מחבר פון דער „ק ל י אַ ט ש ע“ האָט אָבער צו זיי ניט געהערט. אַבראַמאָוויטש איז שוין יעמאָלט געווען אַ ד ע מ אָ ק ר אַ ט מיט לייב און לעבן...

איך דערמאָן מיך דאָ אָן אַ קליינעם פּרט. בעת גאָרדאָן האָט מיר באַקאַנט געמאַכט די דאָזיגע גאַנצע עפּאָפּייע מיט דער העברעאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקי׳ס געשיכטע און ס׳איז געקומען צו רייד וועגן מאַנדלקערנס ספר, האָט ער מיר דערציילט דעם פאָלגנדן פאַקט: אַז מאַנדלקערן האָט פאַרענדיגט איבערזעצן די געשיכטע — דאָס איז געווען אינמיטן זומער 1872 — האָט דער

קאָמיטעט איבערגעגעבן דעם כתב־יד אים, יל״גן, עס צו סטיליזירן. אין יענער צייט איז געקומען קיין פּעטערבורג ר׳ משה מאַנטיפיאָרע ממליץ צו זיין אויף יידן פאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. איינמאָל פאַרנאַכט איז אַריינגע־גאַנגען מאַנדלקערן צו יל״ג׳ן און האָט בײַ אים געבעטן, ער זאָל אים געבן אויף עטליכע טעג זיין ספר. אויף יל״ג׳ס פראַגע, צו וואָס ער באַדאַרף דעם ספר, האָט ער אים געענטפערט, אַז ער וויל באַזוכן מאַנטיפיאָרען און ווייזן אים זיין ווערק, און געוויס וועט ער פון אים באַקומען אַ רעכטע מתנה. אויף דעם האָט אים געזאָגט יל״ג, אַז דער ספר געהערט צו דער חברה, און אַז ער האָט ניט דאָס רעכט אַרויסצוגעבן אים אפילו אויף אַ מינוט, און אויסערדעם וועט געוויס מאַנטיפיאָרע זיין בוך ניט לייענען. דאַן האָט זיך מאַנדלקערן איינ־געטשעפּעט אין יל״גן, ער זאָל אים געבן צום ווייניגסטן די לעצטע העפט (דער גאַנצער ספר איז באַשטאַנען פון זיבעצעהן העפטן), אין וועלכער עס ווערט גערעדט וועגן מאַנטיפיאָרן און וועגן זיינע גרויסע השתדלותן לטובת דעם יידישן פאָלק. יל״ג האָט ממלא געווען זיין רצון און האָט אים געגעבן דאָס העפט. דאַן איז געגאַנגען מאַנדלקערן און האָט זיך פאָטאָגראַפירט, האַלטנדיג אין האַנט זיין ספר, אויף וועלכן עס שטייט אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות „ע ב ר י א נ כ י״ (איך בין אַ ייד), כדי ער זאָל דורך דעם נושא חן זיין בײַ דעם נאַאיוון פרומאַק מאַנטיפיאָרע. און אַזוי איז טאַקע געווען. מאַנטיפיאָרע איז, ממש, נתפעל געוואָרן פון דעם יונגן געלערנטן, וואָס שרייט אויס פאַר דער וועלט, אַז ער איז אַ ייד, און ווער ס׳איז נאָר צו אים אַריין,—אַלעמען האָט ער געוויזן דאָס טשיקאַווע בילד. געוויינליך האָט שוין בײַ אים מאַנדלקערן געכאַפּט אַ מנה יפה...

IV.

אַבראַמאָוויטש אין ווילנע.—די מײדל מיט די באָבעס.—אַ גט וואָס מער ניט ווי איין פּאַטש.—דער חדר מיט די שמעקעדיגע ריחות.—ווי מ׳לערנט „משלי״ מיט קינדער.—אַבראַמאָוויטש און מזח געפינען אײנער פאַר דעם אַנדערן הספדים אין תנ״ך.

כ׳וויל דאָ פאַרענדיגן מיינע זכרונות וועגן אַבראַמאָוויטשן מיט אַ פּאָר קליינע עפּיזאָדן, וועלכע זיינען דורך איינצעלנע שטריכן פון זיי זעהר כאַראַק־טעריסטיש פאַר אונזער גרויסן דיכטער.

סוף זומער 1909 האָט אַבראַמאָוויטש פאַרבראַכט אין ווילנע עטליכע טעג. כ׳האָב אים דאַמאָלסט אַרומגעפירט אין שטראַשונס ביבליאָטעק. צוריקגייענדיג זיינען מיר דורכן אײזערנעם טויער אַרויס אויף דער יידישער גאַס.

— קומט צו אָ ט אַהער—האָט צו מיר אַבראַמאָוויטש געזאָגט אַריבער־

גייענדיג די געסל, גלייך וויזאַווי. דאָרטן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פּאָר יידענעס, וואָס זיינען געזעסן צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט מיט קאָשיקעס עפּל, האָט מיט זיין היסטאָרישן באַרנשטעקן אַ קלאַפּ געטאָן צוויי מאָל אויף דער ערד און געזאָגט:

— אָט דאָ דאַרף איך מאַכן אַ ברכה!

כ׳האָב אויף אים אויסגעסטאַרצעט אַ פּאָר אויגן, ניט פאַרשטייענדיג וואָס ער מיינט.

— אויב איך האָב קיין טעות ניט—האָט אַבראַמאָוויטש צו מיר געזאָגט—איז דאָ, אָט אויף דעם אָרט געשטאַנען אַמאָל ראַמיילעס ישיבה. אַיאָ?

— גאַנץ ריכטיג.

— אויב אַזוי דאַרף איך דאָ מאַכן די ברכה: „ברוך שעשה לי נס במקום הזה".

— וואָס הייסט—האָב איך אים געפרעגט—האָט אייך דען דאָ וואו מיר שטייען איצט געקענט טרעפן אַן אומגליק?

—ס׳הייסט אַן אומגליק? אַן אומגליק מארץ האומגליקן! איר קוקט מיך אָן? אָט הערט זשע: איר האָט דאָך, מן הסתם, געהערט, אַז איך האָב אַמאָל געלערנט אין ראַמיילעס ישיבה? כ׳בין דאַמאָלס געווען אַ בחור׳ל פון אַ יאָר 16—17. פלעגט אונז אַ מיידל אַלע טאָג אינדערפרי נאָכן דאַוונען אַרויפטראָגן באָבעס. געשמאַקע באָבעס זיינען דאָס געווען; זיי ליגן מיר נאָך עד היום אין מאָגן. פלעגט זיך דאָס מיידל האָבן אַ טבע אָפּצושטעלן זיך אין פירהויז. איינמאָל, איך געדענק שוין היינט ניט ווי דאָס האָט פאַסירט—האָט מיר פאַרדרייט דער קאָלטן, און דאָס איז געוויס געווען מעשה־שטן, אַריינצובעטן דאָס מיידל מיט די באָבעס אינעווייניג אין דער ישיבה אַריין. זי לעגט מיר אַזוי אַריין אינס מעסטעלע די באָבעס, און איך שטיי מיר אַזוי און רייד מיט איר, און האָב בשעת מעשה שטאַרק הנאה: אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיג מיידל איז דאָס געווען מיט גרויסע קאַרשן־אויגן און מיט באַקן ווי די עפּל, און אַ מיילעכל האָט דאָס געהאַט ווי אויף שרייפעלאַך, און איך אַ בחור—אַ שקאָץ!... ערשט מיט אַמאָל איז צו מיר פון הינטן אונטערגעשפּרונגען דער משגיח, און אַ געשריי־טאָנענדיג ווי ניט מיט זיין קול: „שגץ, אין אַ מקום קדוש!" האָט ער מיר אַראָפּגעלאָזן אַ פּאַטש, אַז ס׳מיר, ממש, פינסטער געוואָרן אין די אויגן, ס׳האָט מיר גענומען פינטלען מיט „עקודים, נקודים וברודים". ווי געפעלט דאָס אייך, וואָס אַ ייד, אַ געלער משגיח ניט קאָן?

האָב איך אַבראַמאָוויטשן געפרעגט:

— נו, איז דאָך דאָס טאַקי געווען אַן אמת׳ער אומגליק, און איר רעדט גאָר וועגן אַ נס!

— דעם נס ווילט איר וויסן?—האָט מיר אַבראַמאָוויטש געענטפערט—ווי פאַרשטייט איר דאָס אַליין ניט? ער האָט דאָך מיר געקאָגט געבן ניט איין

פאַטש, נאָר צוויי, און פאַרוואָס ניט דריי? און פאַרוואָס טאַקי ניט די גאַנצע פיר בעת מ׳איז אַ משגיח אין ראַמיילעס ישיבה און מ׳האָט צוויי לאַפּעס ווי די בערן, און מ׳האָט זיך מיט זיי ניט וואו אַהינצוטאָן?...

* *
*

גייענדיג האָט מיך אַבראַמאָוויטש געבעטן, כ׳זאָל אים אַריינפירן אין אַ וועלכן ס׳איז חדר.

— ביי אונז אין אַדעס—האָט מיר אַבראַמאָוויטש געזאגט—זיינען אפילו אויך דאָ חדרים מיט מלמדים. אָבער זיי הויבן שוין אָן צו שמעקן מיט היינטוועלטיגקייט, מיט דעם, וואָס לייט רופן עס מאדערניזם, כביכול, און איך גאַר צו זעהן אַן אמת׳ן יידישן חדר מיט אַן אמת׳ן יידישן מלמד, טאַקע אַ מלמד כמו שנאמר, מיט אַלע פּיטשעווקעס.

כ׳האָב ממלא געווען אַבראַמאָוויטשעס רצון, און האָב אים אַריינגעפירט אין אַ חדר ניט ווייט פון מיין וואוינונג.

אַרויפגייענדיג אויף די טרעפ און אַריינגייענדיג אין אַ טונקעלן קאָרי־דאָר, האָבן זיך עפּעס פון אַ ווינקל געגומען הערן זעהר ניט קיין שמעקעדיגע ריחות...

— אָט דאָ איז דער חדר!—האָט אַבראַמאָוויטש אויסגערופן—איך גע־דענק, איך דערמאָן מיך, דערזעלביגער אַמאָליגער ריח... אפשר ווייסט איר, מיין פריינד, וואוהין מ׳לייגט אויף אַ ווייִלע אַוועק די נאָז־לעכער?...

אין אַ מינוט אַרום האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן מיט אַן ערנסטער מינע:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, היתכן, אַז דער דאָזיגער ריח זאָל דאָס זיין אָט יענער ריח התורה, וועלכער האָט אונז דערהאַלטן ביז אויפן היינטיגן טאָג אין גלות?

כ׳האָב געשוויגן.

— און זאָגט מיר, זייט מוחל, איר זייט דאָך עפּעס אַ ציוניסט, זיינען מיר שוין אין ארץ־ישראל גאַראַנטירט פון דעם דאָזיגן ריח?

כ׳האָב אַלץ געשוויגן.

און אַבראַמאָוויטש האָט אַ זאָג געטאָן אינם זעלביגן ערנסטן טאָן:

— מחשבות׳ן, כ׳האָב פאַרגעסן. אין ארץ־ישראל האָבן מיר דעם באַרג לבנון; דער לבנון שמעקט ווי אין פסוק שטייט: „וריח לו כלבנון״, און אַז אַ פסוק זאָגט נאָר, איז שוין, פאַרשטייט איר מיך, גאָר אַנדערע דבורים.

דערווייִלע האָט זיך דערהערט דורך אַ טיר די קולות פון די חדר־יינגלאַך. מיר זיינען אַריינגעגאַנגען. ביי אַ טיש זיינען געזעסן אַ קינדער צעהן אַן ערך, און דער מלמד איז געשטאַנען.

נאָך דעם ערשטן „שלום עליכם״ האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, קינדערלאַך, ווער דער גאַסט איז? דאָס איז דאָך דער זיידע ר׳ מענדעלע! —

— מיר ווייסן! מיר ווייסן! — האָבן די קינדער אויסגעשריען, און איינער פון זיי האָט תיכּף מוסיף געווען:

— כ'האָב געלייענט!

האָט אים אַבראַמאָוויטש מיט זיין ליבליכן שמייכל אַ פרעג געטאָן:

— אַזוי? דו האָסט געלייענט? זאָג מיר נאַר מיין קינד, וואָס האָסטו געלייענט?

אויף דעם האָט דאָס יינגל תיכּף אויסגעשאָסן:

— די קליאַטשע!

— אַ מעשה מיט אַ פערדעלע! האַ, וואָס זאָגסטו? — האָט אים אַבראַמאָוויטש געפרעגט אַ גלעט־טאָנדיג אים פאַרן בעקל.

— ניין, דאָס איז אַ משל!

— אַ משל? אַנטקעגן וועמען?

— אַנטקעגן אונז, יידן — האָט דאָס יינגל געענטפערט —; אַזוי האָט מיר געזאָגט מיין עלטערער ברודער.

— נו, בטל׳ט ניט, קינדערלאַך! לערנט, לערנט.

— נו, זאָגט, קינדער! — האָט דער מלמד אַ קאָמאַנדעווע געטאָן —; זאָגט אָבער שיין, מיט אַ ניגון!

די קינדער האָבן געלערנט „משלי״, און האָבן אָנגעהויבן אַלע צוזאַמען, זינגענדיג אויפן קול:

„מוקש — אַ שטרויכלונג, אדם — אַ מענש, יָלַע — זאָגט, קדש — הייליג, ואחר — און נאָך, נדרים — נדרים, לבקר — צו פאַרשן״.

אַבראַמאָוויטש האָט אָנגענומען איינעם פון די קינדער פאַר זיין מאַר־דעטשקע און האָט אים געפרעגט:

— פאַרשטייסטו, מיין פייגעלע, דאָס, וואָס דיין מיילעכל האָט דאָ איצטער אַרויסגעזאָגט?

דאָס יינגל האָט געשוויגן. דאָ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער מלמד:

— זאָג, זאָג, וואָס וויל דאָ שלמה המלך האָבן.

דאָס יינגל האָט עפּעס אָנגעהויבן צו ברומען אונטער דער נאָז, און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— זאָל זאָגן אַן אַנדערער! — האָט דער מלמד אויסגעשריען —; משקע, זאָג דו!

דער אַנדערער האָט אויך גענומען זאָגן: מוקש — אַ שטרויכלונג, אדם — אַ מענש, און ווייטער ניט פון אָרט.

און אַזוי איז געווען מיט אַ דריטן און מיט אַ פערטן יינגל. קיינער האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן דעם פשט פון די ווערטער.

דאָ האָט אַבראַמאָוויטש געזאָגט:

— שלמה המלך אַליין איז אפילו געווען אַ גרויסער חכם, אַ וועלט־חכם,

אָבער לערנען זיינע חכמות מיט אַזעלכע עופּה׳לעך איז גאָר קיין חכמה ניט. קומט לאָמיר גיין!

כ׳האָב דאַמאָלסט באַגלייט אַבראַמאָוויטשן ביז צו זיין קוואַרטיר. די גאַנצע לאַנגע וועג איז ער געגאַנגען פאַרטראַכט און פאַרטיפט אין זיך, און האָט מיט מיר אַ וואָרט ניט אויסגערעדט. ער האָט זיך געפונען אונטער דעם שווערן איינדרוק פון חדר.

דעמזעלבן טאָג איז אַבראַמאָוויטש געווען איינגעלאַדן צו מיטאָג צו דעם באַוואוסטן ציוניסטישן עסקן ה׳ יצחק ליב גאָלדבערג. ביים מיטאָג בין איך אויך געווען צוזאַמען מיט דעם העברעאישן לערער און איינער פון די מחברים פונ׳ם פירוש אויף תנ״ך „מקרא מפורש״, דוד נאָטיק. ס׳איז גע־קומען צו רייד וועגן מלמדים, חדרים און תנ״ך. דאָ האָט זיך אַבראַמאָוויטש שטאַרק צופלאַקערט, און האָט אין אַ שעה׳איגן שמועס אויסגעגאָסן וואָס ס׳האָט אים אויפגעקאָכט אויפן האַרצן אונטער דעם שלעכטן רושם, וועלכן עס האָט אויף אים געמאַכט דער הדר.

דאָס איז ניט געווען קיין שמועס אין געוויינליכן זין פון וואָרט, נאָר אַ מין גלענצענדער פאָרטראָג וועגן די מעלות און הסרונות פון דער יידישער אַלטער און נייער פּעדאַגאָגיק. יעדעס וואָרט איז געווען אַן אוצר פון טיפע געדאַנקען, און עד היום טוט מיר זעהר לייד, וואָס כ׳האָב דאַמאָלסט אַבראַ־מאָוויטשעס געשפּרעך ביי מיר ניט פאַרצייכנט.

* * *

גראָד אין דער צייט, וואָס אַבראַמאָוויטש איז געקומען באַזוכן די רע־דאַקציע פון „הזמן״, וואו כ׳בין דאַמאָלס געווען אַ מיטאַרבעטער, איז אַהין אַריינגעקומען דער שריפטשטעלער יהושע מזח, וועלכער איז שוין יעמאָלט געווען אַ זקן מופלג, און האָט נאָך אַ מאָל האָלט געהאַט צו זאָגן אַ וויץ.

אינמיטן געשפּרעך האָט אים אַבראַמאָוויטש אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר נאָר, ה׳ מזח, ווי אַלט קענט איר זיין ביז הונדערט און צוואַנציג יאָר״?

— כ׳וועל אייך ענטפערן ווי משה יאָג האָט אַמאָל געענטפערט: „כ׳ווייס ניט צו פ צו פ״... נאָר דאָס געדענק איך, אַז בעת איר האָט אָפּגע־דרוקט אייער ערשטן מאמר אין „המגיד״ וועגן חנוך, האָב איך אקאָרשט־וואָס אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ דריטע ווייב...

— הייסט עס, אַז איר זייט עלטער פון מיר — האָט אַבראַמאָוויטש גע־זאָגט מיט אַ שמייכל; — וואָלט איר אָבער געוואוסט ווי איך בין אייך מקנא!

— איר, ר׳ שלום יעקב, זייט מיר מקנא? — האָט מזח געפרעגט פאַר־וואונדערט — ;וואָס זייט איר מיר מקנא? מיין דלות? מיין עלנד לעבן? מיין אַרומ־שלעפּן זיך מיט די ספרים איבער די הייזער?...

— אויף דעם קומען מיר דאָך עפּעס אַרויס פון דער משפחת־סופרים, שמעון

ולוי׳ס אייניקלאַך. איר זייט, דאַכט זיך, אַ לוי? די לוויים פלעגן אַרומגיין אי־בער די שייערן נאָך די מעשרות, און מיר, יידישע מחברים, שלאָגן אָפּ די נגידישע שוועלן מיט אונזערע ספרים. כ׳בין אייך אָבער מקנא גאָר פאַר אַן אנדער זאַך. שטאַרבט איר, חלילה, און מ׳קומט אייך מספיד זיין אין אַ העב־רעאיש בלאַט, לאָמיר זאָגן: אין „הזמן״, למשל, האָט שוין באַלד אייער ספדן אַ קעפּל פאַר זיין הספד. און נאָך וואָס פאַר אַ קעפּל, אַזש פון תנך, פון ישעיה׳ן אַליין: אוי, גוואַלד געשריען: „אין מזח עוד!״...

מזח האָט אַ מינוט אַ טראַכט געטאָן און האָט געזאָגט:

— איר האָט מיר, ר׳ שלום יעקב, גאָרניט וואָס מקנא צו זיין. אין דעם פאַל זייט איר שוין פיל גליקליכער פון מיר. אויף אייך איז דאָ אַ פּסוק, איז שוין דאָס איינמאָל אַ פּסוק! „שלום, שלום, ואין שלום״!...

און דער זיידע האָט זיך האַרציג צולאַכט.

יצחק ליבוש פּרץ.

(געבאָרן—1851; געשטאָרבן—1915).

פּרץ אַלס דיכטער, פּרץ אַלס דיינקער, פּרץ אַלס געזעלשאַפטליכער טוער,—פון די דאָזיגע אַלע זייטן איז שוין פּרץ פיל צו ווייניג באַלויכטן געוואָרן אין אונזער פּרעסע און ליטעראַטור. לחלוטין *ניט* באַלויכטן געוואָרן איז פּרץ אַלס—*מענש*. פון *דער* זייט קען מען נאָך ביי אונז פּרצ׳ן כמעט *לגמרי* ניט. און פּרצ׳ן אַלס מענש *דאַרף* מען קענען, און ס׳איז אויך *דאָ וואָס* צו קענען. פּרץ דער מענש איז אַ גאַנצע אָפּגעשלאָסענע וועלט אָן און פאַר זיך, און קיינער קען זיך ניט באַרימען, אַז ער האָט דעם שליסל צו דער דאָזיגער זעהר אינטערעסאַנטער וועלט. די סבה דערפון איז דאָס, וואָס פּרץ האָט, קענטיג, אַליין ניט געוואָלס, אַז איימיצער, ווער עס איז, זאָל דעם דאָזיגן שליסל באַזיצן. ווער ס׳האָט נאָר ווען עס איז געהאַט אַ שטיקל אומגאַנג מיט פּרצ׳ן, *דעם* האָט פּרץ דער מענש געמוזט אויסקומען צייטנווייז זעהר רעטזלהאַפט, זעהר אומפאַרשטענדליך, באַזונדערס דורך זיין ניט אויסגעהאַלטנקייט, דורך זיין ניט קאָנסעקווענטישקייט אין באַציהונג צו לייטן. אַמאָל האָט ער אייך אויפגענומען מיט אַ זעהר ליכטיג פּנים, העכסט פריינדליך, גערעדט מיט אייך ברידערליך, אַז עס האָט אייך, פשוט, געגלעט, געוואַרימט ביי דער נשמה, און אַמאָל איז ער אייך פאָרגעקומען עפּעס אַזוי פרעמד, עפּעס אַזוי קאַלט, אַז אייך האָט אָפּגעגאָסן ווי מיט אַ דוש אייזיג וואַסער. און אַזוי פאַרשיידנאַרטיג-לוינעהאַפט האָט זיך פּרץ באַצויגן אויך צו זיינע נאָהענטסטע באַקאַנטע, צו זיינע שטענדיגע שטוב-איינגייער. אַמאָל פלעגט זיך, למשל, שטאַרק וואַרפן אין די אויגן פּרצ׳ס באַציהונג צו זיין אינטימסטן פריינד, וועלכער איז מיט אים געווען, ממש, *איין* גוף און *איין* נשמה, דאָס איז *יעקב דינעזאָן*. ס׳פלעגן פאָרקומען געוויסע מאָמענטן, אמת גאַנץ זעלטענע, אין וועלכע מ׳האָט בשום אופן ניט געקענט גלויבן, אַז דינעזאָן געהערט זיך עפּעס אָן מיט פּרצ׳ן. אין אַזעלכע מאָמענטן איז טאַקע באמת שווער געווען צו פאַרשטיין פּרצ׳ן.

בכלל איז פּרץ געווען אַ מענש פון שטימונגען אויך אין אַלטעגליכן וואָכעדיגן לעבן. צייטנווייז האָט מען געמוזט שטוינען צוקוקנדיג זיך מיט וואָס

פאַר אַ שנעלקייט ער איז אַריבערגעגאַנגען פון איין שטימונג צו דער צוויי=
טער. למשל, אָט זיצט ער און רעדט מיט אַייך און פאַרברייַנגט מיט אַייך, און
וויצלט זיך און איז פריילאַך, און מיט אַמאָל. עפּעס גאָר פון העלער הויט,
באַפאַלט אים אַ טרויער און ער ווערט אומעטיג, און איר הויבט גאָר ניט אָן
צו וויסן פאַרוואָס און פאַר ווען. און וואָס איז דאָס אין אים אַזוי פלוצלונג
פאָרגעקומען. ווידער טרעפט, אַז ער פירט מיט אַייך אָן ערנסטן געשפּרעך,
זיין מויל שפּריצט געדאַנקען=פונקען, שיט פּערל און בריליאַנטן, און מיט אַמאָל
האַקט ער איבער אינמיטן און ווערט שטיל, לאָזט אַייך אַליין, גייט אַוועק אין
אַן אַנדער ווינקל און בלייבט שטיין פאַרטראַכט. איר בלייבט זיצן אויף אַייער
אָרט ווי געפּלעפט, איר פילט זיך ניט גוט און ווי באַליידיגט. אַמאָל זיצט מען
אין אַ געזעלשאַפט און מ׳אַמפּערט זיך, מען דיספּוטירט וועגן וויכטיגע ליטעראַ=
רישע אָדער לעבנס=פראַגן. פרץ נעמט דעם גרעסטן אָנטייל אין די ויכּוחים און
רעדט, ווי זיין שטייגער, מיט גרויס התלהבות. פלוצים הויבט זיך פרץ אויף פון
אָרט און ווערט נעלם. דער וואונדער איז גרויס, קיינער ווייס ניט וואָס אי=
בערצוקלערן, און מ׳צוגייט זיך...

מ׳האָט געקענט גלויבן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין באַשטענדיגקייט אויף אין
פרצ׳ס כאַראַקטער. בכלל איז פרץ געווען אַ דימענט, פּשוט אַ מענש אָן אַ גאַל,
איז תּמיד גרייט געווען צו טיילן זיך מיטן צווייטן דעם ביסן, אַוועקגעבן אים,
ווי מ׳זאָגט, דאָס לעצטע העמד. פון דער נאַטור איז פרץ געווען אַ גרויסער
בעל=רחמנות; צי ער האָט געקאָנט צי ניט געקאָנט, האָט ער קיינעם קיינמאָל
אין גאָרנישט אָפּגעזאָגט. נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, בעת ער האָט געוואוינט
אין זאַמושץ, לובלינער גובערניע, און האָט זיך דאָרטן מפרנס געווען פון אַד=
וואָקאַטוריע, איז זיין שטוב געווען אָפן, פראַנק און פריי פאַר יעדן נויטבאַ=
דערפטיגן, פאַר יעדן נצרך; קיינער איז פון פרצ׳ן מיט ליידיגן ניט אַוועק.
נאָר ווייניגע, געציילטע מענשן ווייסן, אַז וואוינענדיג נאָכדעם אין וואַרשע
האָט פרץ מאַטעריעל געשטיצט געוויסע יונגע ליטעראַטן, אין וועלכע ער האָט
אָנגעמערקט אַ וועלכן ס׳איז פונק פון טאַלענט. געגן דעם זיינען אָבער פאָר=
געקומען אויך אַזוינע צייטן, ווען ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז פרץ איז אַ גאַנץ
קנאַפּער אידעאַליסט בנוגע צו דיני=ממונות... ער פלעגט זיך, צום ביישפּיל,
שטאַרק דינגען מיט צייטונגס=אַרויסגעבער, מיט פאַרלעגער. פון דעם האָט דאָס
געוואוקסן, אַז בשעת פרץ איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַריבער פון דעם ריי=
נעם, דעמאָקראַטישן „פריינד" צום האַלב=געלן „היינט", האָבן זיך געפונען
אַזעלכע, וואָס האָבן דאַמאָלסט אונטערגעמורמלט, אַז דער גורם דערפון איז
געווען דער גרויסער האָנאָראַר. אין אמתן איז דאָס אָבער געווען אַ שקר
גמור. דאָס איז ניט געווען קיין געלט=חילוף, נאָר אַ חילוף אין דער אוי=
דיטאָריע. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען פרץ האָט גענומען רופן
אין דער נעפּלדיגער אַלטיידישער, אַלטמאָדישער שול, וועלכע איז „אויך גע=
וואָרן העכער און האָט אַריינגעשפּאַרט אין הימל אַריין, און איז געווען מיט

אַ גאָלדענעם דאַך און מיט קריסטאַלענע פענסטער״. אַ שול־קלאַפּער זיין האָט פּרץ ניט געקאָנט אין דעם פון אַלץ דאָס אַלטע און טראַדיציאָנעלע זיך אָפּ־געזאָגטן „פריינד״, און האָט זיך געמוזט צוליב דעם אויסקלייבן אַ באַזונדער „ווינקעלע״ אין גרויסן בנין פון „היינט״, וועלכער האָט זיך איינגאַנצן באַזירט אויף די רינגען פון דער עבר־קייט. איך זאָג דאָס ניט אַלס אַקסיאָמע; דאָס איז מער ניט ווי מיין פּערזענליכע מיינונג.

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. איך האָב דאָ נאָר געוואָלט אָנווייזן, אַז פּרץ האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַלס מענש, וועלכער איז צוזאַמענגעוועבט פון לויטער געגנזאַצן און קאָנטראַסטן, וואָס מוזן אויסגעפּאָרשט און ערגרינ־דעט ווערן. דער באַוואוסטער פראַנצויזישער קריטיקער ט ע ן זאָגט, אַז אַ זשעני איז דער סימבאָל פון איינהייטליכקייט, פון גאַנצקייט און פון האַר־מאָניע. פּרץ איז געוויס געווען אין זיין פאַך, און ביי אונז, אַ גאון, און אין דעם אינערן פון זיין נשמה האָבן זיך די אַלע קאָנטראַסטן און געגנ־זאַצן בוודאי אויסגעגליכן. אלא וואָס דען? מיר האָבן ניט די מעגליכקייט אַריינצודרינגען אין דעם דאָזיגן קדשי־קדשים. אונז פעלן די טרעפלאַך, וואָס פירן אַהין...

איך מיין, אָבער, אַז די דאָזיגע טרעפלאַך וואָלטן ביי אונז מיט דער צייט געקאָנט באַשאַפן ווערן, ווען יענע, וואָס זיינען נאָהענט געווען צו פּרצ׳ן און האָבן אים געזעהן און באַטראַכט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און אומ־שטאַנדן וואָלטן פאַרעפנטליכט זייערע עראינערונגען און זייערע איינדרוקן וועגן אים. אין דעם פּרץ־ביכל, וועלכע ס׳האָט אַרויסגעגעבן די רעדאַקציע פון דער „יידישער וועלט״ גלייך נאָך זיין טויט, איז געמאַכט געוואָרן די ערשטע התחלה דערצו. נאָכדעם זיינען אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן נאָך איינע פּרובן. דאָס איז נאָך אָבער גאַנץ ווייניג. דער, וואָס קען נאָר ע פּ ע ס דער־ציילן וועגן פּרצ׳ן, מ ו ז קומען און דערציילן. איטליכע עראינערונג וועגן פּרצ׳ן, אפילו די קלענסטע, וועט אַמאָל קענען דינען אַלס גוטער מאַטעריאַל צו דער גרינדליכער ערפאָרשונג פון פּרצ׳ס מענשליכער, מאָראַלישער פּיזיאָ־נאָמיע, און ממילא שוין אויך צו פּרצ׳ס נשמה אויף וויפל זי האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט אין זיינע דיכטערישע שאַפונגען.

I.

מײן ערשטע באַקאַנשאַפט מיט פּרץ׳ן.—פּרץ׳ס ערשטע העבּרעאישע שירים.—פּרץ׳ס באַציהונג צו די העבּרעאישע צײטונגען אין די 70-ער יאָרן.—סמאָלענסקינס מײנונג װעגן ײדישע שרײבער.—סמאָלענסקין װעגן פּרץ׳ן.—פּרץ באַקלאָגט זיך אויף זײן גײסטיגער עלנטקײט.—זײן שיר אין „כנסת-ישראל״.—פּרץ׳ס מײנונג װעגן גאָלדפאַדנס פּיעסעס.—פּרץ באַשליסט צו נעמען זיך פאַר דער ליטעראַרישער טעטיגקײט.—איך אַבאָניר פאַר אים די ערשטע העבּרעאישע טעגליכע צײטונג „ה י ו ם״.—פּרץ׳ס חסידישע ערצײלונג אין „היום״.—פּרץ פאַרעפנטליכט אַ סעריע העבּרעאישע שירים אין „האָסיף״.—זײן קריטישע באַציהונג צו די השכלה-טענדנציעס.—פּרץ דרוקט אין „הצפירה״ זײן ערצײלונג „הציץ ונפגע״.—די רעדאַקציע צוקאָלעטשעט די ערצײלונג.—פּרץ׳ס עגמת-נפש.

מײן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט פּרץ׳ן איז געװען אין יאָר 1886. קומענדיג דאַמאָלסט צו פאָרן אויף עטליכע טעג קײן װאַרשע, האָט פּרץ באַזוכט די רעדאַקציע פונם העבּרעאישן יאָר-בוך „כנסת-ישראל״, און דאָרטן האָב איך זיך מיט אים געטראָפן.

אין יענער צײט איז נאָך פּרץ דעם ײדישן לײען-פּובּליקום כמעט װי גאַנץ אומבאַקאַנט געװען. אויף דעם שער פונם קלײנעם ביכל העבּרעאישע שירים („ספּורים בשיר ושירים שונים״), װאָס ער האָט מיט אַ יאָר צעהן צוריק (1876) אַרויסגעגעבן בשותּפות מיט זײן שװער גבריאל יהודה ליכטנפעלד, האָט ער זײן נאָמען ניט אַרויסגעשטעלט; מער ניט װי אין טעקסט גופא האָט ער זיך אויף אײניגע פון זײנע שירים אונטערגעשריבן מיט די ראשי-תּבות י. ל. פּ., כּדי „אָפּצוצאַמען זיך פונם מאַטעמאַטיקער״, װי ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין אַ געשפּרעך. נאָך דעם פלעגט פּרץ פון צײט צו צײט דרוקן אַ שיר, אַמאָל אין סמאָלענסקי׳ס „השחר״ און אַמאָל אין גאָטלאָבּערס „הבּקר אור״. בּכלל איז פּרץ דאַמאָלסט געװען אַ גאַנץ זעלטענער גאַסט אין דער ליטעראַטור. װי שטאַרק ס׳איז אין פּרץ׳ן פון תּמיד אָן געװען דער אינװײניגסטער דראַנג צום שרײבן, צום אַרויסזאָגן זיך פאַרן „ברײטן עולם״, האָט ער זיך פונדעסטװעגן קײנמאָל ניט געשטופּט צו די רעדאַקציעס, קײנמאָל ניט אָנגעשלאָגן זיך מיט זײנע אַרטיקלען, און דעריבּער אויך קײנמאָל ניט געשטאַנען אין קײן שום פאַרבּינדונג מיט אַ װעלכער ס׳איז צײטונג אָדער זשורנאַל. מ׳האָט אים קײנמאָל ניט באַגעגענט ניט אין „המגיד״, ניט אין „המליץ״ און אפילו ניט אין דער פּ ו י ל י ש ע ר „הצפירה״. סמאָלענסקין האָט אַמאָל אין „השחר״ אַרויסגעזאָגט אַ מײנונג װעגן ײדישע שרײבער, אַז „זײ זײנען ניט קײן גרויסע מפונקים, און װאו זײ געפינען נאָר אַ לײדיגן אָרט, דאָרטן כאַפּן זײ זיך אָן״. אויף פּרץ׳ן האָט מען דאָס ניט געקאָנט זאָגן. פּרץ איז געװען אין דעם פּרט דער אמת׳ער גרויסער „מפונק״. געשריבן האָט ער שטענדיג, און ניט װײניג, װי עס װײזט אויס, אָבער אַלץ פאַר זיך, און ניט פאַר׳ן דרוק, און דאָס איז די סבּה,

וואָס אין דער צייט, וועגן וועלכער איך רעד דאָ איצט, איז זיין נאָמען געווען באַקאַנט נאָר זעהר אַ קליינעם לעזער=קרייז, דערהויפט פון ליטעראַטן, צווישן וועלכע ער האָט געהאַט אַ צוויי, דריי גרויסע פאַרערער. מיר אַליין איז, זייענדיג די מיטעלע 70=גער יאָרן אין ווין, אויסגעקומען אַמאָל צו הערן פון סמאָלענסקיס מויל — מיין איינציגער אַווטאָריטעט צו יענער צייט — אַז פרץ „וואַקסט אַ צווייטער גאָרדאָן", און געוואוסט האָב איך דעמאָלט, אַז נאָך איינער אַ באַרימטער שרייבער, ראובן ב ר ו י ד ע ס, האַלט אויך זעהר שטאַרק פון פרצ׳ס פאָעטישן טאַלאַנט. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די אומגעריכטע באַגעגעניש מיט פרצ׳ן אין דער רעדאַקציע פון „כנסת ישראל", האָט מיך בשעת מעשה זעהר אָנגענעם איבעראַשט.

פרץ האָט זיך דאַמאָלסט פאַר מיר שטאַרק באַקלאָגט אויף זיין גייסטיגער עלנטקייט אין זאַמאָשץ, אויף זיין אָפגעריסענקייט פון ליטעראַטור און פון שרייבער; ער האָט ניט מיט וועמען אַן ערנסט וואָרט אויסצורעדען. וואָלט אים ווער געוועקט, געמונטערט, וואָלט ער געוויס פיל עפטער געשריבן, געדאַנקען האָט ער גאַנצע פעק, דערהויפט וועגן דער משונה׳דיג ווילדער קינדער=ערציהונג אין פוילן. די מאַנסביל זיינען אומוויסנד, פאַנאַטיש, אַבערגלויביש, און די פרויען „בילדן" זיך כלומרשט, לערנען שפראַכן און קריגן באַלד פיינט טאַטען=מאַמען. אין גרויס פוילן איז ער ניט לאַנג געווען, האָט דאָרטן געזעהן טעכטער פון די שענסטע יידישע הייזער ראָמאַנסירן מיט אולאַנער=אָפיצערן און האַסן דאָס אייגענע פאָלק, ווי דעם טויט. דעם איינדרוק, וואָס דאָס האָט אויף אים געמאַכט, האָט ער איבערגעגעבן אין זיין שיר, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן פאַרן „כנסת=ישראל": „לעלמה עבריה והיא מתנכרה".

דעם דאָזיגן געדאַנק האָט פרץ נאָך טיפער אַנטוויקלט דעמזעלבן טאָג אין אָוונט אין שאול פנחס ראַבינאָוויטשעס וואוינונג. דערביי איז אויך געווען דער באַוואוסטער יידישער דראַמאַטורג אברהם ג אָ ל ד פ אַ ד ן. וועלכער האָט פאַר אונז דעקלאַמירט זיין באַקאַנטע פאָעמע „דער שטיין פון האַרצן". איך געדענק, אַז פרצ׳ן איז ניט אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן דער אינהאַלט פונ׳ם געדיכט גופא, ווי גאָלדפאַדענס קינסטלערישע דעקלאַמאַציע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער געשפרעך וועגן דעם יידישן טעאַטער, און פרץ האָט באַנוצט די געלעגנהייט אויפצוואַרפן גאָלדפאַדענען זיין „שמענדריק" מיט די „צוויי קונע לעמלאַך" א. אַז. וו. — אַז איך וואָלט געהאַט א י י ע ר טאַלאַנט — אַזוי האָט זיך פרץ דאַמאָלסט אויסגעדריקט, כאָטש ווי מיר איז שפעטער עטליכע מאָל אויסגעקומען פון אים צו הערן, האָט ער פון גאָלדפאַדענס טאַלענט ניט אַזוי שטאַרק געהאַלטן — וואָלט איך געגעבן מיינע דראַמעס צי קאָמעדיעס אויף פיל וויכטיגערע און אמת׳ערע זייטן פונ׳ם יידישן לעבן. אָט נעמט, למשל, די סיסטעמלאָזיגקייט פון אונזער קינדער=ערציהונג אין פוילן... און פרץ האָט גאָר פון דאָס ניי גענומען רעדן אויף דער דאָזיגער טעמע, און גערעדט האָט ער אַזוי שיין און

מיט אַזוי פיל התלהבות, אַז ער האָט באַגייסטערט אפילו דעם טרוקענעם, פלעגמאַטישן שפ״רן. גאָלדפאַדן, געדענק איך, האָט זיך שטאַרק אָנגענומען פאַר זיינע „העלדן״ און געוואָלט אויפווייזן, אַז זיי זיינען לגמרי ניט קיין קאַריקאַטורן, נאָר אמתע באַשעפענישן, גענומען פונם לעבן, פונם וואָלינישיידישן לעבן, צוגעריכט צוליבן עפעקט מיט פאַרשיידענע מינים טעאַטער־קרייטיכער. פרץ האָט זיך מיט גאָלדפאַדענען לאַנג מתוכּח געוועזן, האָט אָפּגעשלאָגן אַלע זיינע טענות און פאָרגעלייגט אַ גאַנצע רשימה בילדער, וועלכע קאָנען און דאַרפן אָנגעטאָן ווערן אין דראַמאַטישע פאָרמען און פאָרגעשטעלט ווערן אויף דער יידישער בינע. אַז איך דערמאָן מיך איצטער אָן יענער בילדער־גאַלעריי, געפין איך צווישן זיי עטליכע אַזוינע, וואָס האָבן שפּעטער מיט דער צייט פיל מיטגעווירקט צו פרצ׳ס גרויסקייט.

די איינציגע טעג, וואָס פרץ האָט דענסטמאָל פאַרבראַכט אין וואַרשע, וואו ער איז שוין ניט געוועזן פון עטליכע יאָר, און די אויסערגעוויינלעכע, וועלכע זיינען אים דאָרטן אויסגעקומען צו הערן פון פאַרשיידענע זייטן, פאַרוואָס ער פאַרלאָזט אַזוי זיין פען, האָבן אויף אים געווירקט, אַז קומענדיג צוריק קיין זאַמאָשץ, זאָל ער זיך נעמען מיט אַ באַזונדער חשק צו ליטעראַרישער אַרבעט. אַזוי האָט ער מיר מודיע געווען אין זיין ערשטן בריוו. דערביי האָט ער מיר געבעטן שרייבן אים וועגן יעדער נייער ליטעראַרישער ערשיינונג, וואָס באַווייזט זיך, אָדער וועגן וועלכער עס ווערט גערעדט צוערשט אין וואַרשע. לויט זיין בקשה האָב איך זיך פאַר אים אַבאָנירט ביים אַלטן נחמיה טשערנאָוויטש אויף קאַנטאָרס „היום״. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און אינם פעלעטאָן פון „היום״ איז אָפּגעדרוקט געוואָרן פרצ׳ס אַ פּראַכטפולע חסידישע ערציילונג מיטן נאָמען „הקדיש״. דאָס איז געווען פרצ׳ס ערשטע בעלעטריסטישע זאַך אין פּראָזע. אינם זעלבן יאָר האָט פרץ פאַרעפנטליכט אין סאָקאָלאָוו׳ס „האסיף״ אַ סעריע שירים אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „מנגינות הזמן״. אין די דאָזיגע שירים איז געווען צו באַמערקן פון פרצ׳ס זייט אַ קריטישע באַציהונג צו די השכלה־טענדענצן און אַ שטאַרקער קער צו די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פונם יידישן פאָלק. ערטערווייז וואַרפן זיך דורך אין די דערמאָנטע שירים — אמת, גאַנץ שוואַכע — קאָסמאָפּאָליטיש־דעמאָקראַטישע נטיות.

שפּעטער אַ ביסל האָט פרץ אַריינגעשיקט אַ גאַנץ היפּשע ערציילונג— „הציץ והנפגע״ האָט זי געהייסן — אין דער רעדאַקציע פון „הצפירה״. פון דער דאָזיגער ערציילונג האָט פרץ געהאַט מער קרענקונג, ווי נחת. די שטילע, געלאַסענע „הצפירה״, וואָס האָט זיך שטענדיג אָפּגעהיט ניט אָנצורירן אפילו אַ פליג אויפן וואַנט, האָט געפונען, אַז פרץ דריקט זיך אויס אין זיין ערציילונג צו פריי קעגן כּלי־קדש און וואויל־לערנער, און האָט זיך גענומען מעקן גאַנץ בהרחבה׳דיג די דאָזיגע שעדליכע פרייקייטן. זי האָט אַזויפיל געמעקט, ביז ס׳איז איבערגעבליבן פון יעדן קאַפּיטל נאָך ווייניגער ווי די העלפט. געוועגליך

זײַנען די נעט געבליבן ניט אויפגעסטריגעוועט, און ס׳האָט זיך, פּשוט, גיט גע־קלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. פּרצ׳ס פּאַרדראָס איז געווען ניט משער צו זײַן. וויפיל פּרץ האָט ניט געשריבן אין רעדאַקציע, וויפיל ער האָט זיך ניט געבײַ־זערט און ניט געבעטן, מ׳זאָל אים אַזוי פיל ניט צוקאַלעטשן זײַן ערציילונג דורך די מעקענישן, אָדער מ׳זאָל זי גאָר אינגאַנצן אויפהערן צו דרוקן,—קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן: די ערציילונג איז געדרוקט געוואָרן, און מיט וואָס אַ נומער מער, אַלץ מער געשעדיגט און פאַרדאָרבן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַקום איך אַ בריוו פון פרצ׳ן, אין וועלכן ער בעט זיך רחמים, איך זאָל אַרייַנגיין צום אַלטן סלאָנימסקין און דורכרעדן זיך מיט אים: סטייטש, ווי טוט ער דאָס אַזוי און אַזוי? איך האָב תיכף ממלא געווען פּרצ׳ס בקשה; לײדער איז אָבער מײַן טרחה געווען אומזיסט. סלאָנימסקי האָט מיר געענטפערט, אַז ער מישט זיך ניט אין די זאַכן, און האָט מיך אָפּגעשיקט צום יונגן סאָקאָלאָוו. צו סאָקאָלאָוו׳ן בין איך אָבער ניט געגאַנגען. די מיטאַרבעטער פון „כּנסת־ישראל״ און „האסיף״, וואָס זײַנען אַרויס אין איין צייט, האָבן זיך גערעכנט, אַ ביסעלע טאָקע מחמת מײַנונג־פאַרשיידענהייט און אַ רעכט ביסעלע מחמת דער ביטערער קאָנקורענץ, פאַר מענשן פון צוויי פײַנדליכע מחנות און האָבן זיך שטענדיג געפּיט אויסצומײַדן אײנער דעם אַנדערן. איבער דער טעם האָב איך, די רעכטע האַנט פון שפ״ר׳ן אין זײַן „כּנסת־ישראל״, ניט געקאָנט און ניט געטאָרט האָבן קיין עסקים מיט דעם בעל־הבית פון׳ם „האסיף״. איך האָב אָבער געוואָלט צוליב טאָן פּרצ׳ן און האָב אָנגעשטעלט אויף סאָקאָלאָוו׳ן נײַטראַלע ליטעראַטן פון דער זייט. איינער פון זיי איז געווען א. ש. פרידבערג (ה״ש), וועלכער האָט דאַמאָלסט געאַרבייט אין דער רעדאַקציע פון „הצפירה״, און ער האָט דאָס געפּועל׳ט, אַז ס׳זאָל געטאָן ווערן פּרצ׳ס בקשה און מ׳זאָל די ערציילונג אינגאַנצן אויפהערן צו דרוקן. אָבער אין אַן ערך דריי וואָכן אַרום האָט די „הצפירה״ פּלוצים אָנגעהויבן צו דרוקן די ווײַטערדיגע המשכים פון פּרצ׳ס ערציילונג ביז׳ן סוף מיט אַן אָנמערקונג פון דער רעדאַקציע, אַז „איבער אַ געוויסער אורזאַך האָט זיך אָפּגעהאַלטן דאָס דרוקן פון דער דאָזיגער ערציילונג ביז היינט״. די סבה דערפון איז געווען אַ גאַנץ פּשוט׳ע: עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע לעזער, וועלכע האָבן געמאָנט שטאַרק ביי דער „הצפירה״ דעם המשך פון דער ערציילונג, און די רעדאַקציע באַין ברירה האָט זיך גע־מוזט אָפּזאָגן פון דער מעקעניש און נאָכגעבן דעם עולם...

II.

מײן צװײטע באַגעגעניש מיט פּרצ׳ן אין פ ל אָ צ ק.—ער דערצײלט מיר, אַז ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרײבן יי ד י ש.—װי אַזױ פּרץ האָט אָנגעשריבן זײן „מ אָ נ י ש״.—װאָס שלום־עליכם האָט צוטאָן איבער׳ן „מאָניש״.—פּרץ װיל אַרױסטרעטן מיט אַ פּראָטעסט נעגן די יידישע רעדאַקטאָרן.—פּרץ שרײבט אָן צװעלף קלײנע ערצײלונגען און שיקט זײ מיר צו.—איך זוך פאַר אים אַ פאַר־לעגער און געפין ניט.—דינעזאָן װערט זײן פאַרלעגער.—די התחלה פון פּרצ׳ס באַקאַנשאַפט מיט דינעזאָנען.

צום סוף זומער אין יאָר 1888 האָב איך זיך אַ צװייטן מאָל באַגעגנט מיט פּרצ׳ן. דעם מאָל האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין פ ל אָ צ ק בײי דעם באַװאוסטן שרייבער און פּעדאַגאָג א ב ר ה ם י ע ק ב פּ אַ פּ י ר נ א. דאַמאָלסט האָט מיר פּרץ דערציילט אַ נײיס, אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן י י ד י ש, און אַז דאָס שרייבן קומט אים אָן זעהר לייכט; ס׳זיינען דאָ טעג, װאָס אין יעדן פון זיי שרייבט ער אָן אַ נײיע סקיצע אין יידיש. אגב, האָט ער זיך מיט מיר געהאַלטן אַן עצה, װאָס צו טון מיט די דאָזיגע סקיצעס, ד. ה. װאו צו דרוקן זיי. פריער אַ ביסל װאָלט ער זיי צוגעשיקט זיין „בן־עיר״ (מיט די װערטער האָט פּרץ געמיינט צעדערבוימען, דעם רעדאַקטאָר פונ׳ם „יידישן פאָלקסבלאַט״, װעלכער איז געװען אַ געבאָרענער אַ זאַמאָשצער), אָבער איצטער, אַז דאָס בלאַט איז איבערגעגאַנגען צו דעם מטורף י ש ר א ל ל ע װ י, װעלכן ער קאָן אָרגאַניש ניט ליידן, װייס ער ניט װאָס צו טאָן. איך האָב בשעת מעשה פאַר פּרצ׳ן קיין עצה ניט געהאַט, און האָב אים צוגעזאָגט זיך מישב צו זיין װעגן דעם אין װאַרשע—װאוהין איך האָב געדאַרפט אָפּפאָרן פון פלאָצק—מיט באַקאַנטע ליטעראַטן.

גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז אין װאַרשעװער ליטעראַרישע קרייזן האָט מען אין יענער צייט שטאַרק אָנגעהויבן צו שמועסן װעגן דעם, אַז דער באַקאַנטער יידישער הומאָריסט שלום־עליכם, װעלכער איז פלוצים געװאָרן אַ גביר אדיר, טרעט צו אַרויסצוגעבן אַ יידיש זאַמל־בוך מיט דעם אָנטייל פון די גרעסטע יידישע שרייבער. איך האָב װעגן דעם תיכּף מודיע געװען פּרצ׳ן און האָב אים פאָרגעלעגט, אַז אויב ער האָט ביי זיך עפּעס רעכטס, טאַקע משופרא דשופרא, זאָל ער עס נעמען באַלד און צושיקן שלום עליכמ׳ן. באַקומען מיין בריװ, האָט זיך פּרץ אַװעקגעזעצט און האָט אָנגעשריבן זיין קלאַסיש געװאָרענע, בריליאַנטענע באַלאַדע „מאָניש״. מיט דער דאָזיגער באַלאַדע, װעלכע איז אָפּגעדרוקט געװאָרן אינ׳ם ערשטן באַנד פון שלום עליכמ׳ס „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״, האָט זיך פּרץ באַלד קונה שם געװען, װי אַן אמת׳ער פּאָעט. כּמעט אַלע, װאָס האָבן דעם דערמאָנטן זאַמל־בוך רעצענזירט, האָבן איינג־

שטימט, אַז „מאָניש" איז אַ קינסטלער־ווערק, וואָס אין יידיש איז נאָך זיין גלייכן קיינמאָל ניט געווען.

ס'זיינען נאָך ניט אַריבער קיין צוויי וואָכן, זינט ס'איז אַרויס די „פאָלקס־ביבליאָטעק", האָב איך באַקומען פון פרצ'ן אַ בריוו מיט אַ גרויסן „ויהי": שלום־עליכם האָט זיך באַגאַנגען מיט זיין „מאָניש" פונקט ווי די „הצפירה" מיט זיין „הציץ ונפגע"; אויך אַרויסגעוואָרפן גאַנצע שטיקער, אין פיל ערטער אי־בערגעמאַכט, צעדרייט אַנדערע בתים מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, באופן, אַז ס'איז פאַרדאַרבן געוואָרן די ריכטיקע כונה. צו דעם דאָזיגן בריוו האָט פרץ צוליגט דעם אָריגינאַל פון „מאָניש", כדי איך זאָל זעהן און זאָל זיך איבערצייגן.

דעם לעזער, וואָס וויל זיך גענויער באַקענען מיט די איינצלנע משונה־דיגע פאַרענדערונגען און תקונים, וואָס שלום־עליכם האָט געפונען פאַר נויטיג צו מאַכן אין פרצ'ס „מאָניש", שיק איך אָפּ צו דער יובילײ־אויסגאַבע פון פרצ'ס ווערק. איך וויל דאָ נאָר אָנווייזן אויף עטליכע זעהר כאַראַקטעריסטישע שינויים, וואָס ווי מ'זאָל זיך דעם קאָפּ ניט ברעכן, קאָן מען בשום אופן ניט פאַרשטיין, וואָס שלום־עליכם איז מיט זיי אויסן געווען, און ווי אַזוי ס'האָט זיך אים גאָר געלייגט אויפן זינען, אַז זיינע אויסדריקן פּאַסן בעסער פאַר פרצ'ס.

פרץ האָט אָנגעהויבן זיין באַלאַדע מיט די דאָזיגע ווערטער:

„ס'איז געווען אַמאָל איין עלוי,
ניט געקענט די וועלט אַפילו".

קומט שלום־עליכם און פאַרריכט אויף דעם שטייגער:

„געווען אַמאָל איז אַ גרויסער עלוי
ער האָט די וועלט נישט געוואוסט אפילו".

פרץ מעלט מאָנישעס משפחה, וועלכע איז געקנאָטן פון לויטער לומדים, און זאָגט:

„סאַמע גאונים און למדנים
מיט איין „אלף־בית רבנים"
ס'קלינגט מיט איר די וועלט;
און מבינים גרויסע זאָגן:
זיי וועט אַללע איבעריאָגן,
מאָניש, אונזער העלד!"

קומט שלום־עליכם און וואַרפט דאָס אינגאַנצן אַרויס.

פרץ וויל געבן דעם לעזער אַ באַגריף פון דער צייט, אין וועלכער די געשיכטע האָט פּאַסירט, און וואַרפט אַרויף אויפן פּאַפּיר די דאָזיגע העכסט מאָלערישע שטריכן:

„געלעבט האָבן דעמאָלט
נאָך די אַלטע בעלי־בתים,

מיט מעשענע בריללען
און זילבערגע בתּים
*
גאָלד די עטרות
און אײַזן די מחוֹת...
אַנדערע יאָרן,
אַנדערע כּחות...
*
פולל ס׳בית=המדרש
און טאַקי מיט קאָפּף
מען לערנט נאָך אין פּאָליש
מען לערנט אויף די טרעפּף" א. אַז. וו.

קומט ש ל ו ם=ע ל י כ ם און געפינט, אַז דאָס איז אינגאַנצן איבעריג און מעקט דאָס אויס.

פרץ מאָלט אַזאַ בילד:

„און געגן דעם צהר
קאָמט אַללע אין דער פריה
לילית די גאָלדענע
ל אָ ק ק ן זיך צו".

געפעלט ניט שלום=עליכמ׳ן דאָס וואָרט „לאָקען" און בייט עס איבער אויף „האָאָר".

פ ר ץ פרעגט:

„צו פלאַצען די דעמבעס
און סאָסנעס אין וואַלד?"

געפעלט דאָס אָבער ניט שלום=עליכמ׳ן און ער פרעגט כּהאי לישנא:

„צו פלאַצן סאָסנעס
און דעמבעס אין וואַלד?"

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. ס׳איז זיך נאָך דעם לייכט פאָרצושטעלן דעם צער און עגמת=נפש, וואָס די דאָזיגע תּיקונים האָבן פאַרשאַפט פּרצ׳ן.

ווי ווייט די דערמאָנטע געשיכטע מיט זיין „מאָנישן" פון דער „פאָלקס=ביבליאָטעק" האָט פאַרביטערט פּרצ׳ן, באַווייזט דער דאָזיגער פאַקט: דעמזעלבן יאָר אין אָנהויב ווינטער האָב איך, און נאָך איינינגע יונגע ליטעראַטן מיט מיר, געהלומ׳ט אַרויסצוגעבן אַ העברעאישן זאַמל=בוך. פּרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיר צוגעזאָגט זיין מיטאַרבעטערשאַפט און האָט עס אויך באַלד מקיים געווען. ער האָט מיר צוגעשיקט פאַרן זאַמל=בוך זעהר אַ געלונגענע אי=בערזעצונג פון היינעס „דיספּוטאַציאָן" און דערצו אַ פּובליציסטישן אַרטיקל מיט דעם נאָמען „אכפו ידיכם!", וועלכער איז געווען אַ מין פלאַמענדיגער אויפרוף צו די יידישע שרייבער, אַז זיי זאָלן ניט דערלאָזן די רעדאַקטאָרן

קריכן זיך אויפן קאָפּ און באַגיין זיך אומצערעמאָניש מיט זייערע ליטעראַרישע אַרבעטן. דער אַרטיקל האָט זיך געענדיגט מיט אַן אָריגינעלן פֿאָרשלאָג, אַז די יידישע שרייבער זאָלן צונויפֿרופֿן ערגעץ־וואו אַ קאָנפֿערענץ צו מישב זיין זיך וועגן זייערע פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסן און אָנצונעמען באַשלוסן קעגן דער מוטוויליגקייט (אין העברעאישן טעקסט — געדענק איך — האָט דאָס געהייסן „שרירות־לב״) פֿון די רעדאַקטאָרן.

פֿון דער צווייטער זייט האָט דער זעהר גרויסער ערפֿאָלג, וואָס זיין „מאָניש״ האָט געהאַט ביים יידישן פּובליקום, צוגעגעבן פּרצ׳ן פיל מוט ווייטער צו פירן זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט. דעמזעלבן ווינטער האָט ער מיר צוגעשיקט אַ העפט מיט צוועלף פֿון זיינע נייסטע יידישע ערציילונגען און האָט מיר געבעטן דערביי צו זעהן געפינען אַ דרך, ווי אָפּצודרוקן זיי אין וואַרשע. קיין האָנאָראַר האָט ער פאַר זיי ניט פֿאַרלאַנגט, נאָר אַ געוויסע צאָל עקזעמפּלאַרן. אַז איך האָב איבערגעלייענט די ערציילונגען און העכסט אַנטציקט געוואָרן, האָב איך זיי באַוויזן ד י נ ע ז אָ נ ע ן. דינעזאָן, וועלכער איז, ווי באַוואוסט, די לעצטע 25 יאָר געוועזן פּרצ׳ס נאָהענטסטער און אינטימסטער פֿריינד, האָט נאָך דאַמאָלסט פּרצ׳ן ניט געקענט, מער ניט, וואָס ער איז אונטער די אויגן געוואָרן זיינער אַ הייסער חסיד, זינט ער האָט אין דער פֿאָלקס־ביבליאָטעק״ דורכגעלייענט זיין „מאָנישן״. די ערציילונגען האָבן געמאַכט אויף דינעזאָנען זעהר אַ שטאַרקן איינדרוק, און ס׳איז ביי אונז געבליבן מהנה צו זיין מיט זיי נאָך איינ׳גע באַקאַנטע וואַרשעווער ליטעראַטן. אין אַ געוויסן אָוונט האָבן מיר זיך צוזאַמענגעקליבן ביי ס פּ ע ק ט אָ ר ן, וועלכער האָט צו יענער צייט אַרויסגעגעבן דאָס יאָר־בוך „הויז־פֿריינד״, און דאָרטן האָט ספּעקטאָרס געוועזענער שוועער א. ש. פֿרידבערג (דער דאַמאָלסטיגער צענזאָר פֿון יידישע ביכער אין וואַרשע) פֿאָרגעלעזן פּרצ׳ס ערציילונגען פאַר איינ׳גע ליטעראַטן. דער אַלגעמיינער רושם פֿון די ערציילונגען איז געוועזן אומגעהייער גרויס. אַלע האָבן דערפֿילט אין פּרצ׳ן אַ נייע געוואַלדיגע ליטעראַרישע קראַפֿט. ס׳איז ביי אונז באַשלאָסן געוואָרן צו זוכן און צו געפינען אַ פֿאַרלעגער, וואָס זאָל אָפּדרוקן אויף זיינע הוצאות די דאָזיגע פּרצ׳ס ערציילונגען, און דינעזאָן האָט אויף זיך גענומען משתדל צו זיין זיך אין דער זאַך.

איך האָב דאָס באַלד מודיע געוועזן פּרצ׳ן און האָב אים פֿאָרגעשלאָגן אויפּצוטראָגן זיך וועגן זיינע ערציילונגען מיט דינעזאָנען. אויף דעם האָט מיך פּרץ געבעטן געריסן אין זיין נאָמען אומבאַקאַנטער־ווייז דינעזאָנען און צו זאָגן אים, אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט לעזנדיג אין שלום־עליכמ׳ס „פֿאָלקס־ביבליאָטעק״ זיין בילד „קרעפּלעך זאָלסטו עסן״. צו דעם האָט מיך נאָך פּרץ געבעטן באַזונדער, איך זאָל אים שרייבן, וואָס פאַר אַ סאָרט מענש איז דינעזאָן, צי ס׳לוינט זיך קאָרעספּאָנדירן מיט אים א. אַז. וו. וועגן מיין תשובה פּרצ׳ן האַלט איך דאָ איבעריג אַ וואָרט צו זאָגן: איר אינהאַלט גייט שוין אַרויס גענוג קלאָר און דייטליך פֿון דעם ברידערליכן בונד, וועלכער איז באַלד נאָך

דעם געשלאָסן געוואָרן צווישן פרצ׳ן מיט דינעזאָנען און וועלכער ס׳האָט זיך געצויגן ביז פרצ׳ס לעצטע מינוט...

דער רעזולטאַט פון דער דערמאָנטער קאָרעספּאָנדענץ איז געווען, אַז דינעזאָן אַליין איז געוואָרן דער פאַרלעגער=אַרויסגעבער פון די דאָזיגע פרצ׳ס ערציילונגען, וועלכע האָבן פרצ׳ס נאָמען נאָך פיל פּאָפּולערער געמאַכט.

.III

פרצ׳ס ליבע צו קליינע קינדער.—פרץ פירט די זאַמושצער תלמוד-תורה קינדער אויף פרישע לופט.—פרץ אין דער זאַמושצער תלמוד-תורה.—זיין ויכוח מיטן מלמד.—אַן עבירה אַ פסוק רש״י.—פרצ׳ס נסיעה מיט דעם יינגל אין דאָרף אַריין.—פרצ׳ס קינדער-מעשה׳לאַך.—דאָס יינגל מיט דעם פאַקטערס מיידעלע.—פרץ פאָרט צוריק מיטן יינגל אין שטאָט אַריין.—פרץ לערנט איין מיט דעם יינגל דעם פסוק רש״י.—פרץ שיקט אַ צעטעלע צום מלמד פון תלמוד-תורה.

פרץ האָט פון שטענדיג אָן זעהר ליב געהאַט קליינע קינדער. די קינדערשע וועלט מיט אירע ליידן און פריידן האָט אים תמיד זעהר פאַראינטערעסירט, און ער האָט זיך ליב געהאַט צו פאַרטיפן אין איר. דער גורל פון אונזערע קליינע קינדער, באַזונדערס פון די אַזויגערופענע „בני=עניים שמהם תצא תורה״, איז אים זיין גאַנץ לעבן=לאַנג געלעגן נאָהנט צום האַרצן. אין טיפן טרויער איבער דעם ביטערן שיקזאַל פון די פאַרוואָרלאָזטע יידישע קינדער איז, ווי באַוואוסט, אויסגעגאַנגען פרצ׳ס נשמה...

פרצ׳ס באַזונדערע ליבע צו קינדער האָט זיך נאָך ביי אים אַרויסגעוויזן אין די מיטעלע 70=גער יאָרן פונם פאָריגן יאָר=הונדערט, בעת ער האָט געוואוינט אין זאַמאָשץ און זיך באַשעפטיגט מיט אַדוואָקאַטוריע. באַזונדערס פלעגט אים קריינקען צוקוקנדיג זיך ווי אַ לאַנגן זומערדיגן טאָג, אין די גרעסטע היצן, האַלט מען קליינע, ברעקלעך קינדער אויפגעפרעסט צוזאַמען ווי די הערינג אין דער איינגער ד׳ על ד׳ איילנדיגער שמוציגער תלמוד=תורה, וואו מ׳מאַטערט זיי און מ׳ציט ביי זיי אַרויס די עצמות ביז אַ שטיק אין אָוונט מיט ניט פאַר זיי צוגעפאַסטע חדושי=תורה. „מיין האַרץ פלעגט מיר באַגאָסן ווערן מיט בלוט— האָט מיר אַמאָל פרץ דערציילט—זעהענדיג ווי די שטעטלדיגע שקצים לויפן אַרום גאַנצענע טעג בהרחבהדיג אויפן פרייען פעלד, זאַפן אין זיך איין מיט דער פולער ברוסט די פרישע זומער=לופט און שעפן זיך אָן מיט פודן געזונד פון גאָטס נאַטור, בעת זייערע יידישע חברים זיצן נעבאַך און שוויצן אין דער פאַרשטיקטער חדר׳דיגער און תלמוד=תורה לופט, און בלייבן דאָרטן אָן כוחות״. און פרץ האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן ווי און אויף וואָס פאַר אַן אופן אַ ביסל לייכטער צו מאַכן דעם דאָזיגן עלענד פון די יידישע קינדער, און איז צום סוף געפאַלן אויף אַ המצאה.

דריי מאָל אין וואָך פלעגט פּרצ׳ן אויסקומען צופאָרן צוליב זיינע אַד־וואָקאַטישע אינטערעסן אין דעם גמינעם סוד, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ דאָרף, אַ וויאָרסט 30 פון זאַמאָשץ. איז שוין ביי פּרצ׳ן געוואָרן כּמעט ווי אַ מנהג צוצופאָרן זומער־צייט איטליכעס מאָל צו דער תּלמוד־תּורה, אויסקלייבן דאָרטן פון די תּלמידים אַ ייִנגעלע און נעמען אים מיט אין דאָרף אַריין. פאָ־רענדיג פלעגט זיך פּרץ אונטערהאַלטן מיטן ייִנגעלע אויפן קינדערשן שטיי־גער, פאַראינטערעסירן אים מיט דער אַרומיגער נאַטור, אויפמערקזאַם מאַכן אים אויף דאָס און אויף יענץ, ערקלערן אים די און יענע ערשיינונג. אָנקומענדיג אין דאָרף פלעגט פּרץ די ערשטע זאַך אַריינפירן דעם ייִנגעלע צום ייִדישן פאַקטער און הייסן אים געבן אַ פּאָר גלאָז פרישע מילך, אָט ערשט פון דער בהמה, מיט אַ גוטן, זאַטן פרישטיק. דערנאָך אַריינגעפירט אים אין וואַלד, איבערגעלאָזן אים דאָרטן אונטער דער השגחה פונ׳ם פאַקטערס קינדער, און אַליין אַוועק אין—סוד. אָפּגעפטר׳ט דעם סוד, האָט זיך פּרץ ווידער גע־נומען צום ייִנגל, ערקוויקט אַ ביסל זיין יונג הערצל און ווייטער אַריינגעפירט אים אַליין אין וואַלד, אָנגעוויזן אים אויף יעדער גרעזעלע, און אַזוי אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד. דאָס ייִנגעלע פלעגט צוריק קומען אין שטאָט ווי אַ באַ׳כשופ־טער, און פלעגט ניט אויפהערן צו דערציילן נאָכאַנאַנד מיט גרויס התלהבות זיינע איינדרוקן אין פעלד און אין וואַלד און באַזונדערס פונם פעטער יצחק ליבוש׳ס זיסינקע מעשה׳לאַך, באופן, אַז זיינע חברים, די תּלמוד־תּורה׳ניקעס פלעגן שוין יעדערער וואַרטן אויף זיין „אָטשערעד״ מיט דער ברענעדיגסטער אומגעדולד, און ווי פּרץ פלעגט נאָר אַריינקומען, פלעגט די גאַנצע מאַסע יונגינקע, קליינינקע מיילכעלעך אויסשיסן מיט אַמאָל: „מיך, מיך, נעמט מיך!״...

די אָרטאָדאָקסישע אָנפירער פון דער זאַמאָשצער תּלמוד־תּורה האָט אָבער די גאַנצע מעשה ניט געשמעקט. גלאַט מען נעמט אָרימע קינדער, און מען מאַכט זיי צולאָזן! מען מאַכט זיי פשוט ווילד! ווי קומען תּלמוד־תּורה־קינדער צו לופט־סמופּעט?! ווי קומען דאָס תּלמוד־תּורה־קינדער אַרומצושפּאַצירן? מ׳זאָל זיי אַזוי נאָכגעבן, ווער ווייס וואָס עס קען נאָך פון זיי אויסוואַקסן! און ביי די גבאים פון דער זאַמאָשצער תּלמוד־תּורה איז געבליבן בהסכם אחד, אַז מען מוז זעהן מאַכן אַן עק צו דער לופט מיט דער אַרומשפּאַצירעניש. קיינער פון זיי האָט אָבער פּרצ׳ן ניט געקענט מעיז זיין, דער עולם האָט געהאַט רעספּעקט פאַר זיינע... רוסיש, ער איז פאָרט דער איינציגער אין שטעטל, וואָס קען זיך אויסטענה׳ן מיט „נאַטשאַלסטוואָ״. האָט מען אָנגעסטרויעט די מלמדים, אַז זיי זאָלן זעהן זוכן און געפינען אַ דרך ווי פּטור צו ווערן פון פּרצ׳ס „לופט״, מיט פּרצ׳ס „אַרומשפּאַצירענישן״.

איין מאָל, זייגער צעהן אין דערפרי—דאָס איז געווען אין זעהר אַ הייסן זומער־טאָג—איז פּרץ צוגעפאָרן מיט זיין בריטשקעלע, ווי זיין שטייגער איז, צו דער תּלמוד־תּורה. אַריינגייענדיג אינוויינינג האָט פּרץ געפונען די קליי־נינקע עופה׳לאַך זיצנדיג און שוויצנדיג, מחילה, ווי אין באָד אויפן פּאָל און

אַלע שרייען ווי אין אַ מאַנהויז און אַלע קוקן מיט רחמנות־פּנימלאַך אויפן געלן רבי׳ן, וועלכער זיצט אָן אַ קאַפּאָטע און מיט אַ היילן האָריגן בוזים, און איז כּלו—גרימצאָרן. ווי די קינדער האָבן נאָר דערזעהן פּרצ׳ן איז תּיכף צווישן זיי געוואָרן דער געוויינליכער ליאַרעם מיט׳ן געפּילדער: „נעמט מ י ך! מ י ך! מ י ך!"

און פּרץ שטייט און שמייכלט זיס און באַרוהיגט די קינדערלאַך מיט זיינע ווייכע, זיסע ווערטער: איינציגווייז, איינציגווייז, קינדערלאַך, מיין ווע־געלע איז, ווי איר זעט, אַ גאַנץ קליינינקער, אַלע מיט אַמאָל קענען ניט פאָרן. „היינט נעם איך אָ ט ד ע ם!" און ריידנדיג האָט פּרץ אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף אַ קליינינקן אויסגעמאָגערטן און ווי אַ שניי בלאַסינקן יינגעלע מיט צוויי גרויסע קאַרשן־אויגן, וועלכער איז געזעסן אָן אַ זייט אין אַ ווינקל.

דער מלמד, וועלכער האָט שוין געהאַט וועגן דעם אַ פאַרטיגע אינסט־רוקציע פון די גבאים, איז די ערשטע מינוט געוועסט צוטומלט געוואָרן. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ טאָ ן ער זאָל דאָ כאַפּן. ער האָט אָבער באַלד אָנגעגורט די לענדן און געזאָגט:

— הערט נאָר, ר׳ יצחק ליבוש! דאָס גייט ניט.

— וואָס הייסט?—האָט פּרץ געפרעגט שטאַרק פאַרוואונדערט.

— עס הייסט: איר נעמט אויף זיך אַ שווערע עבירה.

— וואָסער עבירה?

— איר ברענגט קליינע קינדער צו ביטול תּורה.

דאָ איז פּרץ אַריין מיטן מלמד אין אַ וויכוח. ס׳האָט אָבער ניט גע־האָלפן: דער מלמד איז געבליבן ביי דאָס זייניגע. צום סוף האָט פּרץ אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט איר וואָס? איך האָב אַ פּלאַן, אַז דאָס יינגעלע זאָל זיך מיט מיר דורכפאָרן, און זאָל ד אָ ך ניט קומען צו ביטול תּורה.

— אַ פּלאַן? ווי אַזוי?—האָט דער מלמד געפרעגט גאַנץ ערשטוינט—האָ כּיצד? ווי איז דאָס דען געמאָלט, אַז מען זאָל אַ טאָג אַ יאָר ניט לערנען און ניט מבטל זיין פון תּורה?

— די זאַך איז גאַנץ פּשוט—האָט פּרץ געענטפערט, און געווענדעט זיך בעת־מעשה צו דעם יינגעלע מיט די קאַרשן־אויגן:

— זאָג מיר, מיין ליבינקער, וואָס לערנט איר דאָ היינט?

— רש״י!

— וועלכע רש״י, ד. ה. פון וועלכן פּסוק?—האָט פּרץ געפרעגט.

דאָ האָט זיך דער מלמד אַרויסגעכאַפּט:

— אַ ש י י נ ע שטיקל רש״י, אַ ו ו י כ ט י ג ע שטיקל רש״י, אָבער אַ גאַנץ שווערע, מ׳דאַרף גוט צו לייגן צו איר דעם קאָפּ. מיר הויבן ערשט אָן.

— איך וואָלט וועלן וויסן אויף וועלכן פּסוק...

— וואָס מאַכט דאָס אייך אויס אויף וועלכן פּסוק? אויף י ע ד ן

פסוק איז דאָ רש״י, און אַז מען לערנט ניט קיין רש״י, איז אויך ביטול תורה.
— אָבער פּ אַ ר ט אויף וועלכן פּסוק?—האָט פרץ געפרעגט.
— אויף דעם פּסוק: „לא תבשל גדי בחלב אמו״—האָט דער מלמד גע־ענטפערט און מוסיף געווען אויף דעם: איר ווייסט דאָך, בודאי, ר׳ יצחק ליבוש, אַז דער דאָזיגער פּסוק געפינט זיך אין דער תורה דריי מאָל; קומט רש״י און דערקלערט אַז: אחד לאיסור אכילה, אחד לאיסור הנאה ואחד לאיסור בישול. דאַרף מען...
— שיין, שיין—האָט אים פרץ איבערגעריסן—ז ע ה ר וויכטיג, זעהר וויכטיג! ווייסט איר וואָס? אָט א י ך נעם זיך אָן אַיינצוחזר׳ן מיט דעם ייִנגל די שטיקל רש״י.
— וואָס רעדט איר, ר׳ יצחק ליבוש, ווי קומט דאָס צו אַייך? אַ מלמד זייט איר?
— אָט קוקט און שווייגט—האָט פרץ געזאָגט—מאָרגן אין דער פרי, אַז דאָס ייִנגל וועט צו אַייך קומען, וועט ער זיין קלאָר אין די רש״י ווי אַ וואַסער.
און פרץ האָט דעם ייִנגעלע מיט די קאַרשן־אויגן אָנגענומען פאַרן האַנט־ און אַרויס מיט אים אויפן גאַס צו דער בריטשקע.
און דער מלמד האָט נאָכגעשריען נאָכן ייִנגל:
— געדענק, דו זאָלסט מאָרגן קומען צו גיין מיט דער פאַרטיגער רש״י! ווען ניט...
ווי נאָר די בריטשקעלע איז אַרויס אונטערן שטאָט, און איז אַריין אין דעם ים פון תבואה־זאַנגען, וועלכע האָבן זיך הויך ערהויבן פון ביידע זייטן וועג, האָט זיך פרץ פונאַנדערגערעדט מיטן ייִנגעלע און האָט אים גענומען דערציילן אַ גאַנצן ספור־המעשה מיט אַ וואונדער־שיינער בת־מלכה, וואָס האָט געהאַט לאַנגע גאָלדענע צעפּ מיט טיפע בלויע אויגן און האָט געוואוינט אין אַ גלעזערנעם שלאָס אויף אַ שפּיץ באַרג און האָט געזאָגט שירה מיט די פייגעלאַך א. אַ. וו. און דער ייִנגעלע הערט זיך צו אויפמערקזאַם, שלינגט די ווערטער, און קוועלט זיך אָן פון נחת. און פרץ הייסט אָפּשטעלן די בריטש־קעלע, גייט אַראָפּ מיטן ייִנגעלע אין וואַלד אַריין, זעצט זיך מיט אים אַוועק אויפן גראָז, גיט אים איבערבייסן, און הייסט אים דערנאָך שפּרינגען, טאַנצן, און שפּרינגט מיט אים מיט, און טאַנצט מיט אים מיט... און מ׳שטייט אויף און מ׳פאָרט ווייטער ביז אין דאָרף אַריין. דער פאַקטאָר ווייס, אַז דינסטאָג האָט ער פאַר אַ גאַסט פרצ׳ן מיט אַ ייִנגעלע, און עס שטייט שוין אַ פאַרטיגער פרישטיק, און דעם פאַקטערס מיידעלע שטייט און קוקט שוין אויס מיט אומ־געדולד דעם חבר, וואָס דאַרף קומען פון שטאָט און שפּילן זיך מיט איר אין פערדלאַך... פרץ האָט זיך אָפּגעפאַרטיגט אין סוד, קומט צוריק, נעמט דאָס ייִנגעלע מיט דער מיידעלע און גייט מיט זיי אַוועק אין וואַלד אַריין, און לאָזט זיך מיט זיי שטיפן, קונדס׳עווען, הייסט זיך דעם ייִנגעלע ראַנגלען מיט

דער מיידעלע, זעהן ווער עס איז שטאַרקער... און שטאַרקער איז די מיידעלע, ניט אומזיסט: אַ פאַקטערס אַ טאָכטער, ערצויגן אויף מילך און אויף פוטער און אויף פרישע וואַלד-לופט. אָפּגעפּטר׳ט דאָס שפילן און מען פאָרט אַהיים, אין שטאָט אַריין. פאָרנדיג באַרימט זיך דער ייִנגעלע, אַז זיין קליין שוועסטערל לייגט ער אַוועק 10 מאָל אַ טאָג מיטן קליינינקן פינגערל, און די איז עפּעס אַזאַ גבור׳טע מיט רויטע באַקן... און פרץ טרייסט דעם ייִנגעלע, גלעט אים זיינע שטרויענע בעקלאַך, און איז אים מבטיח, אַז ער וועט נאָך אַמאָל אויך ווערן שטאַרק... און מ׳פאָרט ווייטער. פלוצים באַמערקט פרץ, אַז דער ייִנגל האָט אַראָפּגעלאָזן דעם נעזל און איז עפּעס אומעטיג געוואָרן. באַלד האָט ער זיך טאַקע פונאַנדערגעכליפּעט אויפן קול.

— וואָס איז דיר, ייִנגעלע? וואָס וויינסטו?

און דער ייִנגעלע האָט געענטפערט וויינענדיג:

— איך האָב פאַרגעסן... דערמאָנען אייך... וועגן דער רש״י...

— אי, טאַקע דו ביסט געדרעכט! — האָט זיך פרץ אַ כאַפּ געטאָן — גיכער, גיכער נאָמיר זיך נעמען צו דער רש״י...

— וואָס טוט מען — האָט דער ייִנגעלע קוים אַרויסגערעדט — איך האָב פאַרגעסן מיט צו נעמען דעם חומש...

— מ׳דאַרף ניט! מען דאַרף ניט! — האָט אים פרץ געטרייסט — איך ווייס אויף אויסווייניג, אָט הער זיך איין...

און פרץ האָט אים אָפּגעזאָגט אַפּריהער דעם פסוק חומש, דערנאָך די רש״י מיט דעם גאַנצן אויסרייד, און דעם קליינעם תלמיד׳ל איז דאָס עפּעס אַלץ אויסגעקומען אַזוי גרינג, אַזוי לייכט פאַרשטענדליך, עפּעס גאָר ניט אַזוי ווי אין תלמוד-תורה, און באַלד האָט ער דאָס שוין אַריינגענומען אין קאָפּ, און איבערגעזאָגט פרצ׳ן אויסווייניג וואָרט ביי וואָרט.

— איצטער האָסטו שוין פאַר דיין רבי׳ן גאָר ניט וואָס מורא צו האָבן!... — האָט אים פרץ צוגעגעבן מוט.

און פרץ האָט עפּעס שנעל אויפגעצייכנט מיט אַ בליי-פעדער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, און בעת די בריטשקע איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט און ער האָט דעם ייִנגל אַראָפּגעלאָזן אויפן מאַרק, האָט ער אים דערלאַנגט דעם צעטעלע און געזאָגט:

— מאָרגן, אַז דו וועסט קומען אין תלמוד-תורה, זאָלסטו דאָס איבערגעבן דיין רבי׳ן.

אין צעטעלע איז געווען געשריבן די דאָזיגע ווערטער:

„וואָס מוטשעט איר, נעבאַך, עופלאַך מיט איסורים און מיט לאַו׳ן?

„אין עסן און אין טרינקען מאַכט זיי בעסער באַהאַוון...

„וואָס אַרט זיי די ציקעלע געקאָכט אין די מילך פון דער מוטער?

„הונגעריג זיינען זיי! גיט זיי בעסער אַ שטיקעלע ברויט מיט פוטער...

„אלא וואָס דען? איר האָט ניט פון די מינים —
„סאָ מאַטערט זיי ניט, לכל הפחות, מיט אײערע דינים.
„שוואַכט ניט אָפּ אונזערע בלוט-יונגינקע כוחות,
„טריקנט ניט אויס אונזערע פריש צאַפּלדיגע מחות.

IV.

פרץ'ס פסיכאָלאָגישער עטיוד „ליל זועה".— ווי די קריטיק פון דער רוסיש-יידישער זשורנאַליסטיק האָט אים אויפגענומען.—דער אײנדרוק פון דער דאָזיגער קריטיק אויף פרצ'ן.—פרץ אין פעטערבורג.—ווער עס פּלאָנירט אים פאַר זיין „ליל-זועה".

אין 1893-טן יאָר איז דאָס געווען: פרץ האָט שוין דאַמאָלסט געוואוינט אין וואַרשע און געדינט ביי דער גמינע ביים „טויטן-טיש", ד. ה. אַז אײמי-צער איז געשטאָרבן, האָט מען אים ניט געקענט ברענגען צו קבר ישראל אָן פרצ'ס אַ צעטל. אין יענער צייט האָט שוין פרץ אָנגעהויבן פּאָפּולער צו ווערן איןביידע ליטעראַטורן, אין דער העברעאישער און דער יידישער. ער האָט שוין דאַמאָלסט געהאַט אַרויסגעגעבן זיין „יידישע-ביבליאָטעק", און דער מבין האָט שוין אַרויסגעזעהן בחוש, אַז דאָס גייט אויף אַ נייער, גאַנץ גרויסער שטערן אויפ'ן האָריזאָנט פון דער יידישער דיכטונג. פרץ האָט נאָר וואָס אָנגע-הויבן זיך באַפרייען פון דער יידיש-ליטעראַריש-שפּעריש שאַבלאָנע און האָט גענומען ברעכן פאַר זיינע שאַפונגען נייע וועגן. אין דער צייט האָט ער אָנגעשריבן אויף העברעאיש און אָפּגעדרוקט אין סאָקאָלאָוו'ס „האסיף" אַ זאַך מיטן נאָמען „ליל-זועה" (אין יידיש הייסט דאָס: אַ „נאַכט פון שרעק"). דאָס איז אַ פסיכאָלאָגישער עטיוד, אין וועלכן עס ווערט אָפּגעמאָלט דער פּאַ-טאָלאָגישער צושטאַנד פון אַ מענשן, וואָס זיין אייגענער „איך" איז ביי אים אָפּגעטעמפּט געוואָרן און ער פילט זיך אַלס צוויי-לינג, ד. ה. צוזאַמענגעוועבט פון צוויי באַזונדערע פּערזאָנען. די זאַך איז אַ מייסטער-ווערק פון אַן ערשט-קלאַסיגן קינסטלער, און ביי היינטיגן טאָג איז זי שוין איבערגעזעצט אין פילע אייראָפּייאישע שפּראַכן. דאַמאָלסט איז דאָס נאָך אָבער געווען אַ נייס, באַזונ-דערס אין אונזער אָרימער ליטעראַטור, און פרץ איז געוועגליך זעהר נייגעריג געווען צו הערן ווי וועט זיך אונזער קריטיק אָפּרופן אויף דער דאָזיגער נייס. די וואַרהייט מוז מען זאָגן, אַז די דאַמאָלסטדיגע געציילטע אמת'ע ליטעראַטן האָבן זיך קנאַפּ וואָס גערעכנט מיט דער מיינונג פון דער אייגענער, ד. ה. פון דער העברעאיש-יידישער קריטיק. די דאָזיגע שיינע קריטיק איז נאָך דאַמאָלסט געלעגן אין די ווינדעלאַך. דערפאַר אָבער האָט מען זיך גערעכנט מיט דער פרעמדער קריטיק, מיט דער קריטיק פון דער רוסיש-יידישער

זשורנאַליסטיק, וואָס בראש פון איר זיינען געשטאַנען מענשן מיט קלינגענדיגע נעמען, וועלכע ווייסן גאַנץ גוט די אחריות פונ׳ם געדרוקטן וואָרט. באַזונדערס האָט מען זיך אין יענער צייט צוגעהערט צו דער מיינונג פונ׳ם קריטיקער פון „וואָסכאָד", וועלכער האָט זיך אויף זיינע אַרטיקלען געחתמ׳ט מיטן פסעוודאָנים „קריטיקוס", און אַלע האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אונטער דעם דאָזיגן פסעוודאָנים באַהאַלט זיך דער דאַמאָלסט שוין באַרימט־געוואָרענער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. דובנאָוו׳ס קריטישע מסקנות זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס לעצטע ווערטער, אַלס הלכות פסוקות, וואָס מען מוז זיי אָננעמען ווי זיי שטייען און גייען. אין דובנאָוו׳ס פעדער איז געלעגן דער גורל פון די דאַמאָלסטיגע יידישע און העברעאישע שריפטשטעלער. האָט ע ר אָפּגעפּסק׳נט, אַז ד ע ר אָדער י ע נ ע ר שריפטשטעלער האָט קיין טאַלענט ניט, האָט שוין יענער געמעגט זיין אין אמת׳ן דער גרעסטער טאַלענט, איז שוין זיין שיקזאַל געוועזן אָנגעחתמ׳ט און קיין זאַך האָט שוין ניט געהאָלפן, כאָטש גיי און שריי: חי וקים! אַ קלייניגקייט אַביסל ווער דער פוסק איז? דער רוסישער מאָנאַטס־זורנאַל „וואָסכאָד"!... דער אָרגאַן פון די סאַמע אויבערסטע צעהן טויזנט!... פרץ האָט זיך אפילו מיט די אַווטאָריטעטן פון „וואָסכאָד" ו ו י י נ י ג וואָס גערעכנט, און פון תמיד אָן האָט ער געגלויבט מער אין זיינע א י י ג ע נ ע כחות; דאָך האָט זיך אים אויך געוואָלט הערן דובנאָוו׳ס מיינונג באַזונדערס וועגן זיין „ליל־זועה", וואָס איז געווען לגמרי אַ נייער זשאַנר אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

היינט שטעלט זיך פאָר, אַז דובנאָוו איז געקומען און האָט אין „וואָסכאָד" אַרויסגעטראָגן וועגן דעם „ליל־זועה" דעם דאָזיגן פּסק־דין, וועלכן איך גיב אייך דאָ איבער אין אַ ווערטליכער איבערזעצונג:

„די איינציגע אָריגינעלע ערציילונג אין דעם דערמאָנטן באַנד „אַ שרעקליכע נאַכט" (אַ פסיכיאטרישער עטיוד פון ל. פרץ) איז אָנגעשריבן מיט פּרעטענזיעס, זעהר געצאַצקעט, און אין עפּעס אַ געהויבענער שטימונג. די ערציילונג צייכנט זיך אָבער אויס מיט אַזאַ אינערליכער פוסטקייט, דאָס זי פאַרדינט לחלוטין ניט מ׳זאָל וועגן איר רעדן. בכלל רעכענען מיר, אַז אין דער העברעאישער בעלעטריסטיק, וועלכע איז זעהר אָרים אין רעאַליסטישע און פסיכאָלאָגישע ערציילונגען, איז נאָך צו פרי אַרויסצוטרעטן מיט „פסיכיאַטרישע" ערציילונגען*).

„פסיכיאַטרישע" אין געזונטפיסלאַך.

ווי איר זעהט: ק ו ר ץ א ו ן ש אַ ר ף!

אָט אַזוי האָט דובנאָוו אַמאָל פאַרשטאַנען פּרצ׳ן. און אַז דובנאָוו זאָגט, איז דאָס, מסתמא, תורת־משה, און אויסער אַ צוויי דריי ליטעראַטן מבינים, האָבן אַ ל ע, און וועגן דעם פובליקום איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו רעדן, נאָר אפילו אין דער ליטעראַרישער וועלט,—געהאַלטן, אַז דער „ליל־זועה" איז זעהר

*) „וואָסכאָד", 1894, סענטיאַבר; ז. 30.

ניט קײן געלונגענע זאַך, און אַנדערע האָבן נאָך צו דעם צוגעלײגט: אַז אַזאַ טעמע איז בכלל ניט אָנגעמאָסטן פאַר פּרצ׳ן...

אָן אַנדערן, ניט פּרצ׳ן, וואָלט געוויס די דאָזיגע מײנונג פון דובנאָװן אָפּגעשלאָגן דעם מוט מיט דעם חשק צו װײטערדיגע שאַפונגען, און מיר וואָלטן אַזוי דורך דעם געקענט, חלילה, פאַרלירן אײנעם פון אונזערע בעסטע און גרעסטע טאַלענטן. צו אונזער גליק, און צום גליק פון אונזער ליטעראַטור, האָט דאָס אָבער געטראָפן פּרצ׳ן, וועלכער איז אויסער אַלע זאַכן געווען זעהר אַ שטאַרקע פּערזענליכקײט, און זעהר געגלויבט אין זיך, ווי איך האָב שוין דאָס פריהער אָנגעמערקט. דובנאָװס קריטיק האָט אויף אים קײן שום רושם ניט געמאַכט, און ער איז זיך װײטער געגאַנגען זײן וועג, און קײנמאָל ניט געשוואומען מיטן שטראָם. אין װאַרשעווער יידישע ליטעראַרישע קרײזן איז דאַן אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל, וואָס פּרץ האָט דאַמאָלסט געזאָגט אײנעם פון זײנע באַקאַנטע וועגן דעם דאָזיגן אינצידענט: „איך האָף, אַז די גוים וועלן מיר נאָך אַמאָל פאַרשטײן".

און אַ יאָר 17=18 זײנען אַריבער, און פּרצ׳ס האָפענונג איז מקוים געוואָרן. פּרץ איז געגאַנגען און געוואַקסן און געוואָרן גרויס, זעהר גרויס. די יידישע דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ, אָט די זעלביגע אינטעליגענץ, וועלכע האָט ביז אַהער געשעפּט אירע מײנונגען וועגן יידישע קינסטלערישע שאַפונגען און וועגן יידישע קינסטלער פון דעם רוסישן „וואָסכאָד"—אָט די זעלביגע אינטעליגענץ האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן פּרצ׳ן פאַר איר גײסטיגן פירער, פאַר איר וועג-ווײזער. און די פאָרשטײער פון דער דאָזיגער אינטעליגענץ האָט אָנגענומען אַ שטאַרקע תשוקה קענען צו לערנען דעם פירער פּערזענליך און צוצוהערן זיך צום דיכטערס ווערטער פון זײן אײגענעם מויל, און האָבן אַראָפּגעבראַכט פּרצ׳ן קײן פּעטערבורג. און פּרצ׳ס זײן אין פּעטערבורג איז געווען אַן אַפּאָפעאָז פאַר דער יידישער דיכטונג און פאַר דעם יידישן וואָרט. די יידישע אינטעליגענץ האָט איבער פּרצ׳ן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי האָט אים, פּשוט, אויף די הענט געטראָגן, און אַ פּיל-טויזנט-קעפּיגער עולם, פון אַלע פאַלקס-שיכטן, האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אין זומער-טעאַטער הערן פּרצ׳ן לײענענדיג זײנע ווערק. און עד היום ווײס איך ניט, צי איז דאָס נאָר געווען אַ בלויזער צופאַל, אָדער פּרץ האָט דאָס געטאָן מיט אַ געוויסן מײנונג די ערשטע זאַך, וואָס פּרץ האָט דאַמאָלסט פאָרגעטראָגן איז געווען דער „לילזועה" (אַ „נאַכט פון שרעק"), און אַז פּרץ האָט דאָס געענדיגט לעזן, האָט דער גאַנצער זאַל געדונערט פון די אַפּלאָדיסמענטן, און אײנער פון די שטאַרקסטע אַפּלאָדירער איז געווען אויך זײן אַמאָליגער אומבּרחמנות׳דיגער קריטיקער סעמיאָן יאַקאָװלעװיטש דובנאָוו!...

V.

פרץ האַלט אַ ראַ־טראָג אין ווילנע.—ד״ר באַנקעט לכביד פרצ'ן.—פרץ אין אַ אינטימען קרייזל פון די ווילנער ליטעראַטן.—פרץ פרעגט אַ רעטעניש.—מ'פרובט זיך טרעפן.—פרץ גיט דעם ריכטיגן פתרון.

פורים, 1912־טן יאָר, איז פרץ געקומען אויף אַן אײַנלאַדונג צו אונז קיין ווילנע, און האָט געהאַלטן אַ פאָרטראָג. ירושלים דליטא האָט געוואוסט אָפּצוגעבן דעם גרויסן יידישן דיכטער זיין געהעריגן כבוד. פון בייזע צינגער—און אפשר נ י ט פון קיין בייזע—האָט פרץ געהערט, אַז די ווילנער יידישע אינטעליגענץ איז אַסימילירט, און דעריבער זיינען פאַר אים די רעדעס, וואָס באַקאַנטע אינטעליגענטע פערזענליכקייטן האָבן געהאַלטן אויף זיין באַנקעט, אַן אמת׳ער סיורפריז געווען, און האָבן אים אַנגענעם איבעראַשט. אַזוי האָט ער מיר דאַמאָלסט אויסדריקליך געזאָגט. פון ווילנע צוריק קיין וואַרשע האָט פרץ געדאַרפט אָפּפאָרן אויף מאָרגן מיטן פאַרטאָגעדיגן שנעל־צוג. ער האָט אײַנגעלאַדן אייניגע פון זיינע גוטע באַקאַנטע ליטעראַטן צו פאַרברענגען מיט אים ביחידות ביז דעם צוג־אָפּגאַנג. צונויפגעקליבן האָבן זיך עפּעס מער פון אַ האַלבן מנין. האָט מען געוואָלט האַלטן לכבוד אים רעדעס אויף אַ ביסל משקה—האָט פרץ ניט דערלאָזן; א י ך האָב געוואָלט דורכלייענען אַ הומאָרי־סטישן בריוו, וועלכן פרץ האָט מיר אַמאָל געשריבן וועגן פרישמאַנס באַקאַנטע פּאָעמע „אופיר”, וואָס איז געווען געדרוקט אין שלום־עליכמ׳ס „פאָלקס־ביבליאָ־טעק”,—האָט פרץ נ י ט דערלאָזן: אַ תירוץ: פרישמאַן איז דערביי ניטאָ, קען מען אים אונטער די אויגן ניט קריטיקירן. איך האָב געוואָלט דערציילן, ווי אַזוי פרץ האָט אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש, און ווי אַזוי איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל באַקאַנט געמאַכט מיט דינעזאָנען,—האָט פרץ ניט דערלאָזן; א י ך ל ע ב נ אָ ך, האָט ער געזאָגט; נאָמיר זיך בעסער אַ ביסל משמח זיין. אָט האָט מען זיך אָנגעהויבן לוסטיג מאַכן; מ׳האָט געזונגען און מ׳האָט געכאַפּט אַ טענצל. דאָס איז נאָך אָבער גאַנץ ווייט געווען פון אַ ג אַ נ צ ע ר שמחה, פון אַ ח ס י ד י ש ע ר שמחה, ווי פרץ האָט האָלט געהאַט. מ ע כ אַ נ י ש זיינען געווען די געזענג, און אַ ו ט אָ מ אַ ט י ש זיינען געווען די טענץ; ס׳האָט אין זיי געפעלט דער אינעווייניגסטער פונק, וועלכער פלאַמט אויף די געפילן.

פרץ האָט דאָס גוט באַמערקט און האָט געזאָגט:

— איך וויל ביי אייך פרעגן, רבותי, אַ קליינע פראַגע, און דער וואָס האָט עפּעס צו ענטפערן—זאָל ענטפערן.

און פרץ האָט געפרעגט:

— אפשר קענט איר מיר ערקלערן די סיבה פון דער וואונדערליכער ערשיינונג, וועלכע איך זעה ניט בלויז היינט דאָ ביי אונז, נאָר אויך אומעטום:

עס קלייבן זיך צונויף יידישע שריפטשטעלער צוזאַמען, כדי צו פאַרברענגען אין אַ אמת׳ער פריילעכער, האַרציגער שטימונג, און קיינמאָל גיט זיך דאָס זיי ניט איין. קיינמאָל קומט דאָס ביי זיי ניט אַרויס נאַטירליך, קיינמאָל שטאַמט דאָס ניט פון טיפן האַרצן, פון אינווייניגסטן געפיל. האָט מען זיך אויף אַ ווײַלע פאַרקלערט, און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן תשובות. איינער האָט געזאָגט: די דאָזיגע ערשיינונג זעט מען ניט בלויז ביי יידישע שריפטשטעלער אַליין, נאָר אויך ביי זייערע, ביי די גויאישע ליטעראַטן. זיי, אַז זיי קלייבן זיך צונויף צוזאַמען, כדי גייסטיג־לוסטיג צו פאַרברענגען, גיט זיך דאָס זיי אויך ניט איין. דער טעם דערפון איז גאָר אַ פשוט׳ער: יעדער שריפטשטעלער איז אַ באַזונדערע אָפגעשלאָסענע וועלט אַן און פאַר זיך, און די דאָזיגע פאַרשיידענע וועלטן קענען זיך האַרמאָניש ניט אויפגיסן צוזאַמען. אַ ראיה דערצו קען מען ברענגען פון די באַוואוסטע פראַנצויזישע שריפטשטעלער ווי אַנאַטאָל פראַנס, למשל, און אַנדערע: זיי, אַז זיי פילן דאָס באַדערפעניש לוסטיג צו פאַרברענגען צוזאַמען, ברענגען זיי אַראָפּ צו זיך אַן אַרטיסטין פון דער אָפּערע... נאָך איינער האָט אָנגעוויזן, אַז די יידישע שריפטשטעלער פעלט פון דער נאַטור אָן דער אמת׳ער קוואַל פון שמחה. זיי פעלט דאָס געפיל פון דער יוגענטליכער פרייד. יידישע שריפטשטעלער ווערן גיך אַלט, און די עלטער ווייס ניט פון גאַנצע, פולקומע שמחות. נאָך איינינגע האָבן געפונען אויף דעם אנדערע טעמים. אָבער פּרץ האָט קיין איין תשובה ניט צופרידן געשטעלט. מיט בליצענדע שלאָג־ווערטער, ווי זיין שטייגער איז, האָט ער צובלאָזן אַלע תשובות, און ס׳איז פון זיי געוואָרן אַ באַרג מיט אַש.

ס׳איז געקומען פּרצ׳ס „אָטשערעד״, און אַלע האָבן אָנגעשטעלט די אויערן:

— ווייסט איר, רבותי — האָט פּרץ אָנגעהויבן — פאַרוואָס די שכינה פון דער אמת׳ער שמחה רוט ניט אויף אונזערע שריפטשטעלער, בעת זיי קלייבן זיך צונויף אינאיינעם מאַכן זיך אַ ביסל הדוה׳דיג? ווייל זיי פעלט דער עיקר: אמונה פעלט זיי! נאָר דער אומבאַגרעניצטער, איניגסטער, טיפער גלויבן פון שריפטשטעלער אין דער נוציגקייט און אין דער נויטיגקייט פון זיין אַרבעט פאַר דער צוקונפט פון זיין פאָלק, פון זיין שפּראַך און פון זיין ליטעראַטור; נאָר דער דאָזיגער גלויבן אַליין קען ערשט ברענגען דעם שריפטשטעלער צו דער אמת׳ער, ריכטיגער, געפילפולער שמחה!

שלום ראַבינאָוויטש

שלום=עליכם.

(געבאָרן—1859; געשטאָרבן—1916).

אויסער שלום=עליכם׳ס גרויסע קינסטלערישע באַדייטונג, וועגן וועלכער מ׳האָט שוין ביי אונז פיל גערעדט, האָט ער נאָך פאַר זיך אַ סך פאַרדינסטן אַלס קריטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור און אַלס רעדאַקטאָר. וואָס שלום=עליכם האָט אויפגעטאָן אויף די דאָזיגע געביטן, דאָס ווייסן נאָר גאַנץ ווייניגע, און אויך ניט גענוי ווי די מעשה איז געווען. פאַרפאָלגנדיג שלום=עליכם׳ס ליטעראַרישע טעטיגקייט פון איר אָנפאַנג ביזן לעצטן טאָג און שטייענדיג מיט אים אַ לאַנגע צייט, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן, אין אַ בריוו=וועקסל, בין איך ביכולת איבערצוגעבן עטליכע זעהר אינטערעסאַנטע פרטים, וועלכע זיינען שייך צו דעם ענין. נאָר קודם=כל מוזן מיר וואַרפן אַ קורצן צוריקבליק אויף דעם מצב פון דער יידישער ליטעראַטורביים ערשטן שלום=עליכם׳ס אַרויסטריט אַלס קריטיקער. דאָס איז געווען אין די מיטעלע 80=גער און אין אָנהויב 30=גער יאָרן פונם פאָריגן יאָרהונדערט.

איך האָב מיך דאָ אָבער ניט גאַנץ ריכטיג אויסגעדריקט. אייגנטליך האָט נאָך גאָר אין יענער צייט קיין יידישע ליטעראַטור אין פולסטן זין פון וואָרט ניט עקסיסטירט; דאָס, וואָס עס איז דאַמאָלסט געשריבן געוואָרן אויף יידיש, איז ניט געווען אפילו קיין בלאַסער שאָטן, אפילו קיין אונטערשלאַק פון אַ ליטעראַטור. דאָס איז עפּעס געווען אַ מין פאַרזעהעניש, אַ תהו=ובוהו׳דיגער פלאָנטער, אָדער, דייטליכער געזאָגט, דאָס איז געווען אַ פאַק מיט שוואַרצן פאַרב פאַרגאָסענע מאַקולאַטור=פאַפיר...

די ערשטע פידל פון דער אַזוי אָנגערופענער „יידישער ליטעראַטור" איז דאַמאָלס געווען אַ געוויסער **נחום מאיר שייקעוויטש**, וועלכער איז באַקאַנט געווען ביי דעם לעזע=פובליקום מיט זיין פסעוודאָנים **שמר**. דער דאָזיגער שייקעוויטש=שמר איז געווען אַ פינסקער יונגער=מאַנטשיק, און דוקא אַ באַגאַבטער. און באַגאַבט איז ער געווען אין **דעם** זין, דאָס ערשטנס האָט

ער געהאַט אַ גאַנץ ווייכע פעדער; זיין שפּראַך איז אפילו געווען דייטשמעריש, דאָס וואָס מען רופט ביי אונז „סמאַרגאָנער אשכנז״, אָבער לייכט פאַרשטענדליך, ס׳האָט זיך געלייענט ווי אַ וואַסער. צווייטנס, האָט ער פאַרשטאַנען דעם קונץ איבערצוניצעווען סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען פון רוסיש און פון דייטש, און צו פאַריידישן זיי; האָט אומגעביטן פאַריז אויף היידוטשיסאַק און בערלין אויף באַלטערמאַנץ וכדומה, האָט אָנגערופן די העלדן מיט יידישע נעמען; אַ גלח איז געוואָרן להבדיל, אַ רב, מיט פאות געוויינליך, פון אַ קלויסטער איז געוואָרן, להבדיל, אַ בית־המדרש, און נאָך אַזעלכע פאַרשיידענע אומענדערונגען, און עס איז אַרויס אַ „העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן״ פון יידישן לעבן. דריטנס איז דאָס געווען, אויב עס איז אַזוי ערלויבט צו זאָגן, אַ געבענטשטער בויך, האָט געבאָרן ראָמאַנען, ווי אַמאָל אונזערע עלטער־באָבעס אין מצרים: ששה בכרס אחד, צו זעקס מיט אַ מאָל. און זעקס איז נאָך גאָרניט, ער האָט געשאָטן מיט ראָמאַנען פון אַרבל. און עס האָט ניט געדויערט פיל צייט, און שייקעוויטש־שמר איז געוואָרן דער פּאָפּולערסטער יידישער שריפטשטעלער ביי דער מאַסע, געוויינליך. די מאַסע האָט זיך פראַסט געקוויקט מיט שמר׳ס ראָמאַנען, געלעבט מיטן לעבן פון זיינע העלדן, געפרייט זיך מיט זייער פרייד און געטרויערט און פאַרגאָסן ביטערע טרערן אויף זייער טרויער. ביי דער מאַסע זיינען שמר׳ס איבערגעניצעווטע העלדן געוואָרן אידעאַלן, סימבאָלן פון מאָראַל און פון מענשליכער עטיק. און מיר מוזן קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, און דאָס מוז פאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון דער פאָרהיסטאָרישער יידישער ליטעראַטור, אַז פיל האָבן מיטגעהאָלפן צו שמר׳ס פּאָפּולאַריטעט די דאַמאָלסטיגע יידישע פאַרלעגער, באַזונדערס אונזערע ווילנער פאַרלעגער, זיי האָבן דאָס באַשאַפן דעם גרויסן מאַרק פאַר שמר׳ס שונד־ליטעראַטור. דורך זיי האָבן שמר׳ס ראָמאַנען פאַרפלייצט די יידישע גאַס און אַריינגעטראָגן זייער גיפט אין דאָס יידישע הויז. זיי האָבן זייער שענדליכן מסחר געטריבן מיט דער טעמפּקייט און מיטן פאַרדאָרבענעם געשמאַק פון דער יידישער מאַסע, און האָבן איר גייסטיג געשפּייזט מיט די באַשטעלונגען, וואָס זיי האָבן געמאַכט ביי שמר׳ן. און באַשטעלונגען האָבן זיי געמאַכט אויף „קאַטאָרזשניקעס״ און אויף „פרומע מערדערס״ און אויף „טיראַנישע בוידער״ און אויף „אָרימע מיליאָנערן״ און „רייכע בעטלערס״, און אויף נאָך אַזעלכע פּאַרפּוילטע, דומפּיגע סחורות. די סחורה איז אָבער געגאַנגען, די סחורה האָט זיך פאַרשפּרייט, די סחורה האָט אויף זיך געהאַט אַ סך בעלנים, און מער האָבן אונזערע דאַמאָלסטיגע ווילנער פאַרלעגער ניט געדאַרפט.

און דער גרויסער שמר האָט געבאָרן קליינינקע שמר׳לעך. דער גרויסער שמר איז געווען די זון, אַרום וועלכן עס האָבן זיך געדרייט פיל פּלאַנעטעלאַך אין דער צורה פון אַנ׳אברהם יצחק בוכבינדער, אַ שמעון בעקערמאַן, אַ משה מצראַחאָווסקי פון באָהוסלאַוו, אַ עוזר בלאָשטיין, און נאָך אַזעלכע מיני שלעק. אַנדערע פון זיי האָבן געוואָלט אָפּנאַרן דעם עולם, און האָבן זי־
ד

באַנוצט מיט שמר׳ס נאָמען אויף זייערע ווערק. בוכבינדער, למשל, האָט אויף זיין ראָמאַן די „אַריסטאָקראַטקע“ ארויסגעשטעלט זיין אייגענעם נאָמען מיט גאַנץ קליינינקע אותיות׳לאַך, און פון אויבן אויפן שער־בלאַט האָט ער געשטעלט מיט גרויסע גרויסע בוכשטאַבן „פאַרפאַסט אויף דעם אַרט פון שמר“; שמעון בעקערמאַן האָט אָפּגעדרוקט אַ דראַמע אין 4 אַקטן מיטן נאָמען „הדסה“ אין דערביי אָנגעשריבן אויפן שער מיט קדוש־לבנה אותיות „אויף דעם שטייגער פון שמ״ר“. איינער אַ אולריך קאַלמוס האָט איבערגעניצעוועט איינעם פון שמר׳ס ראָמאַנען „אַ פאַטש פון זיין ליבן נאָמען“ און האָט דערפון באַשאַפן אַ „דראַמע“. און אַזוי האָבן דאָס דער רבי מיט די תלמידים גע׳בעל־הבת׳עוועט גאַנץ בהרחבה׳דיג אין דער יידישער ליטעראַטור, פאַרנומען אין איר דעם גאַנצן אויבנאָן, און געוואָרן אין איר די איינציגע טאָנגעבער, די איינציגע מושלים בכפה, האָבן פאַרטריבן דעם אַלטן דיק׳ן, האָבן פאַרטריבן אַבראַמאָוויטשן, האָבן פאַרטריבן לינעצקען, און האָבן אָפּגענומען דעם חשק ביי דעםווירקליכן טאַלענט צו שאַפן וואָס עס איז אויף יידיש.

אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן ביז די מיטעלע 80־גער יאָרן. דוד פרישמאַן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַרבייגייענדיג אין איינעם פון זיינע פעליעטאָנען אין דעם העברעאישן טאָגבלאַט „היום“ אָנגעדרייט שמר׳ן פאַרן אויער. דאָס איז אָבער געווען אַ אייראָפּעאישער, מאָדערנער דריי, און דעריבער האָט שמ״ר אַראָפּגעשלונגען דעם ביטערן פיל גאַנץ רוהיג, און האָט זיך ווייטער גאַנץ געלאַסן פאָרגעזעצט זיינע „העכסט אינטערעסאַנטע שאַפונגען“ עפּעס ווי ניט אים מיינט מען דאָס. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז געקומען קריטיקוס־דובנאָוו אין „וואָסכאָד“ און האָט זיך אויף אַ ביסל אַ נעם געטאָן צו שמר׳ן. אָבער טאַקע מער ניט ווי אַ ביסל, און דערצו נאָך אין רוסיש, און דעריבער האָט דאָס ניט געווירקט. ביז עס איז געקומען אין צעדערבוימס „יודישעס פאָלקסבלאַט“ איינער, אַן אַנאָנים, וועלכער האָט זיך אונטערגעשריבן „דער יודישער גזלן“ און האָט זיך אָנגעזעצט אויף שמר׳ן מיט דער גאַנצער חבריא ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיט אַלע קלאַפער־געצייג פון דער קריטיק. האָט מען אָבער געדאַרפט קענען דעם דאַמאָלסטדיגן רעדאַקטאָר פונם „יודישן פאָלקסבלאַט“, — צעדערבוימען. דאָס איז געווען אַ ייד, וועלכער האָט שטענדיג גע׳יאָלט יוצא זיין לכל הדעות, „אַי נאַשים אי וואַשים“, ער אַליין, כאָטש אַ רעדאַקטאָר ביי יידן, האָט געהאַט זעהר אַ קנאַפּן עסטעטישן געשמאַק. ווייניגער פאַר דעם איז נאָך געווען זיין פאַראַנטוואָרטליכקייטס־געפיל, און דעריבער האָט ער אָן אַ שום קווענקלעניש אויפגעעפנט די טויערן פון זיין צייטונג פאַר שמר׳ס אַ תשובה. אין דער דאָזיגער תשובה האָט זיך אפילו ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, דערפאַר איז דאָס אָבער געווען אַ ווייניגרעט פון כל המיני זלזולים און גראָבהייטן אין אַלערליי ציניזמען אויפן אַדרעס פונ׳ם „יידישן גזלן“ און פון אַלע זיינע קריטיקער, און האָט אויף זיין פובליקום געמאַכט זעהר אַ גרויסן רושם. נאָך

דער דאָזיגער תשובה איז נאָך שמר בײַ זיך פיל האָפּערדיגער און פיל שטאָל־צער געוואָרן, און האָט זיך ווייטער געבאַקט זײַנע ראָמאַנען, און האָט ווייטער פּאַרפּעסטעט די לופט אין דער יידישער גאַס, און עס איז געקומען דערצו, אַז כאָטש גיי אָין וועך דערשטיקט...

אָט איז געקומען שלום־עליכם.

I.

ווי אַזוי שלום-עליכם איז געוואָרן אַ שרײַבער.—שלום-עליכמ׳ס ערשטע קאָרעס-פּאָנדענציע אין „הצפירה”.—ער הויבט אָן צו שרײַבן „מאמריסטיקע” אין „המליץ”.—שלום-עליכם ווענן זײַן קוריאָזער אונטערשריפט: „א נ י ה צ ע י ר”.—דער ערשטער שלום-עליכמס אַרויסטרעט אין ײדישן פאָלקסבלאַט”.—שלום-עליכם שרײַבט לידער און וואַרפט אַוועק.—דעם אײַנדרוק, וועלכן עס מאַכט אויף אים ש מ ״ ר.—שלום-עליכם באַטראַכט די פראַגע ווי אַזוי אַרויסצוטרעטן גענן שמר׳ן.—דער נײַער בעל-הבית פונ׳ם „ײדישן פאָלקסבלאַט”.—„שמר׳ס משפּט”.—די שרײַבער פונ׳ם פאָלקסבלאַט” מיטן רעדאַקטאָר בראש גענן שלום-עליכמ׳ן.—שלום-עליכם באַשליסט אַרויסצוגעבן אַ גרויסן ײדישן זאַמלבוך.—זײַנע גרויסע האָנאָראַרן.—זײַן בריוו צו יהודה ל י ב ג אָ ר ד אָ ן.—שלום-עליכם ווענן דער ריכטונג פון זײַן זאַמלביך.—

זעהר, זעהר אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי שלום עליכם איז געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם פּרט האָט געטראָפן שלום עליכמ׳ן דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט כמעט מיט אַלע אונזערע גרעסטע יידישע שרייבער, וועלכע זיינען געוואָרן ליטעראַטן ניט ווייל זיי האָבן אין זיך דערפילט דעם באַרוף צו דעם, ניט ווייל דער געטליכער פונק, וואָס טליעט ביי זיי אין האַרצן, האָט זיי געשטויסן דערצו, נאָר צופעליג, דורך לעכערליכע קליינינקייטן. די ליטעראַרישע קאַריערע פון ס מ אָ ל ע נ ס ק י נ ע ן, למשל, האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ הודעה, וועלכע ער האָט אָפּגעדרוקט אין „המגיד” ווענן אַני׳עגונה, וואָס זוכט איהר מאַן; די ערשטע דיכטערישע שאַפונג פון י ה ו ד ה ל י ב ג אָ ר ד אָ ן איז געווען — אַ מצבה אויף אַ שכן; ב ר ו ד ע ס איז געוואָרן אַ שרייבער פון דעם טאָג אָן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „הלבנון” זיין ערשטע קאָרעספּאָנ־דענציע ווענן אַ בהמה, וועלכע האָט געבאָרן אַ קאַלב מיט צוויי קעפּ. און די דאָזיגע משונה׳דיג־ווילדע ערשיינונג האָט מען געזעהן ניט בלויז ביי אונזערע אַלטע, נור אויך ביי איינינע פון אונזערע היינטיגע מאָדערנע ליטעראַטן. דער טאַלאַנטפּולער פּובליציסט, שמואל ר אָ ז ע נ פ ע ל ד, למשל, האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט מיט קליינשטעטלדיגע קאָרעספּאָנדענציעס, וועלכע ער האָט געדרוקט אינ׳ם „המליץ”. און גאַנץ אומגעריכטערהייד איז אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור אויך ש ל ו ם ע ל י כ ם. זיין ליטעראַרישע לויפבאַן האָט זיך אויך אָנגעפאַנגען פון אַ קליינע קאָרעספּאָנדענציע אין „הצפירה” ווענן אַ

חסידישן יונגן מאַן, וואָס האָט זיין שיינער, רייכער שווער̈עגערין בשום אופן ניט געוואָלט געבן קיין חליצה. „שיינע עטליכע בויגענס פּאַפּיר האָב איך אָנגעשריבן וועגן דער דאָזיגער חליצה — אַזוי האָט מיר שלום־עליכם אַמאָל ביי אַ געלעגנ־הייט געשריבן — אָבער דער אַלטער, טרוקענער בעל־חשבון חיים זעליג סלאָנימסקי, האָט דאָס אויף אַזוי פיל געַ׳חסר׳ט, אַז עס איז דערפון איבערגעבליבן דריי, ד. ה. עס האָבן זיך אָפּגעדרוקט ניט מער ווי דריי שורות!... פאַר כעס האָב איך אַוועקגעוואָרפן זיין „הצפירה“ און האָב אָנגע־הויבן צו „געבן פון מיין האָניג“ דעם „מליץ“. און געשריבן אין „המליץ“ האָט שלום־עליכם בעת ער איז שוין געוועזן ראַבינער אין לובען, פּאָלטאַווער גו־בערניע, און געשריבן האָט ער לויט דעם לעצטן וואָרט פון דער דאַמאָלסט־דיגער העברעאישער זשורנאַליסטיק: לויטער עצות, לויטער פּאָרשלאָגן: עצות וועגן לגאָטניקעס, עצות וועגן פאַרשיידענע קהל׳שע ענינים און עצות וועגן חנוך. און די עצות זיינען געוויינליך געווען בטלנ׳ישע אָן אַ שום רעאַלן באָדן, אָט ווי אַלע יענע עצות, זיעלכע זיינען געווען דער זאַלץ פון דער אַמאָ־ליגער מאמר׳יסטיקע. נאָר נאָך מער בטלנישער האָט זיך שלום־עליכם דאַ־מאָלסט אַרויסגעוויזן מיט זיין חתמ׳נען זיך אויף זיינע מאמרים. אויף יעדן מאמר האָט ער זיך געהאַט אַ געוויינהייט אונטערצושרייבן: „אני הצעיר הרב שלום ראַבינאָוויטש“. שרייבנדיג אין „העולם“ די „געשיכטע פון דער העברעאישער פּרעסע“ האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיגן קור־יאָז. האָט מיר שלום־עליכם אַריינגעשריבן אַ בריוועלע אָט מיט דעם לשון: „ע, פּאַניע ציטראָן, איך האָב זיך דאָך אין אייך גענאַרט: איר זייט דאָך טעמפּיג, מחילה, אויף דער עברי! דאָס דאַרף מען דאָך גאָר לייענען: „אני הצַעַר הרב“, ד. ה. איך בין אַ רב, וואָס טויג אויף צער! אַי, וועט איר בוודאי פרעגן: אם כן, אויב אַזוי, טאָ ווי קומט דאָ דער „יוד“? זאָגט טאַקע מורנו ר׳ פורישקעוויטש, אַז מען דאַרף דעם „יוד“ אויף צער... און טאָמער געפעלט אייך ניט דער פשט, איז דאָס אַ טעות פון דעם בחור הזעצער, אָט פון יענעם שיי־נעם בחור, פון וועלכן איך און איר און נאָך אַזעלכע זינדיגע באַשעפענישן ווי מיר האָבן שטענדיג צו זינגען און צו זאָגן“.

יידיש האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן צו שרייבן אונטער דער השפעה פון מ. ספּעקטאָר.

דער ערשטער שלום־עליכמ׳ס אַרויסטרעט אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען אין 1883־טן יאָר. זיין ערשטע געדרוקטע זאַך איז געווען אַ קליינע ערציילונג מיטן נאָמען „צוויי שטיינער“. די דאָזיגע ערציילונג איז געווען געדרוקט אין „יודישן פאָלקסבלאַט“ אין דריי פאָרזעצונגען. אויף די ערשטע צוויי פאָרזעצונגען האָט ער זיך געַ׳חתמ׳ט עטוואָס פאַרשטעלט: שלום ראַב — וויטש; אונטער דער דריטער פאָרזעצונג האָט ער זיך שוין אונטער־געשריבן גאַנץ אָפן: ראַבינער שלום ראַבינאָוויטש. ערשט אין דריי פערטל יאָר אַרום איז ער אַרויס מיט זיין פסעוודאָנים „שלום־עליכם“, ביי

װעלכן ער איז פֿאַרבליבן ביזן לעצטן טאָג. זײַן ערשטער באַװײַזן זיך אין דער ליטעראַטור האָט קײן באַזונדערן רושם ניט געמאַכט. דער זשאַנר, מיט װעלכן ער האָט אָנגעהויבן, דער פֿעליעטאָן װעגן דעם אָפּגעשטאַנענעם, פֿאַרגליװערטן טראַדיציאָנעלן קלײנשטעטלדיקן לעבן, האָט שױן דאַמאָלסט געהאַט פֿיל װיכ־טיגערע פֿאָרשטײער פֿאַר אים, באַזונדערס לינעצקי׳ן. שלום־עליכם אַלײן איז אױך אין זיך ניט געװען זיכער, און האָט זיך גענומען װאַרפֿן אין אַלע זײַטן. איך װײס ניט, אױב עס איז אַלעמען באַקאַנט, אַז אַ געװיסע צײַט האָט שלום־עליכם געשריבן ש י ר י ם, און לגמרי ניט קײן געראָטענע. דאָס זײַנען געװען מער ניט װי לײכטע חרוזים, אָן אַ שום פֿונק פֿון אמת׳ער פּאָעזיע. באַלד האָט דאָס שלום־עליכם אַלײן אָנערקענט און האָט אַװעקגעװאָרפֿן די שירים. נאָך שײנע עטליכע יאָר האָט שלום־עליכם אַלץ געטאָן אײן זאַך און געפּרובט זײַנע כּחות אױף פֿאַרשײדענע ליטעראַרישע געביטן, איבערגײענדיק פֿון דעם אײנעם צום אַנדערן. ער האָט געשריבן דראַמעס, ערצײלונגען פֿאַר גרױסע און פֿאַר קלײנע, האָט געשריבן געזעלשאַפֿטליכע פֿעליעטאָנען, האָט געשריבן לידער און פּראָזע, ביז ער האָט זיך ענדליך געפֿונען און האָט אָנגעהויבן צו װאַקסן — — —

דאָ האָט ער דערשפּירט די געשטיקטע לופֿט. שמר מיט זײַן גאַנצער חבֿרייא מיט זײערע שדים־טאַנץ אין דער ײדישער ליטעראַטור האָבן אױף אים געמאַכט אַן׳אומגעהײער־שװערן אײַנדרוק, און האָבן אים, פּשוט, נידערגעשלאָגן. פֿון א י י ן זײַט מ ע נ ד ע ל י מוכר־ספֿרים, אָט דער מענדעלי, װאָס שרײַבט אים אין אַ פּריװאַטן בריװ: „אַז איך שרײַב איבער מײַן אומגליקליך פֿאָלק טריפֿט זיך מיר דאָס בלוט; איך לאַך כּלומר׳שט, נאָר עס איז אַ ביטערע געלעכ־טער מיט גרינע װערים, און שרײַבנדיק מיט אַ ברען, ברען איך טאַקע דערװײַל אַלײן און גײ ביסלעכװײַז אױס װי אַ ליכט“, און פֿון דער אַ נ ד ע ר זײַט: שמר מיט זײַנע סקאַנדאַליעזע ראָמאַנען! פֿון א י י ן זײַט לינעצקי, װעלכער גײט אָפּ מיט בלוט בשעת ער רעדט, בשעת ער שרײַבט, בשעת ער דענקט פֿונ׳ם אָרעמען ײדישן פֿאָלק, און פֿון דער צװײטער זײַט—ב ו כ ב י נ ד ע ר מיט זײַנע גראָבע עם־הארצות׳דיגע פּאַיאַצישע שטותים!—דער דאָזיגער געדאַנק האָט גע־עקבערט און געבױערט טאָג װי נאַכט שלום־עליכמ׳ס מח, ביז ער האָט צום סוף באַשלאָסן אַװעקצװאַרפֿן זײַן גאַנצע ליטעראַרישע אַרבעט און נעמען זיך נאָר צו אײן זאַך: אָפּצורײניקן די ײדישע ליטעראַטור פֿון דער אַרומיגער פֿאַר־פּעסטעטער לופֿט, און אָפּראַמען פֿון איר װעג שמר׳ן מיט זײַן כּנופֿיא. אָבער װי מאַכט מען דאָ און װאָס הױבט מען דאָ אָן צו טאָן? אַרױסטרעטן געגן שמר׳ן מיט זײַן באַנדע אין צײַטונגס־אַרטיקלען,—איז אומעגליך. ערשטנס איז ניטאָ װאו; די אײנציקע ײדישע צײַטונג, „דאָס ײדישע פֿאָלקסבלאַט“, איז אַרײַנגע־פֿאַלן אין נײַע הענט, און דער נײַער בעל הבית, י ש ר א ל ל ע װ י האָט ער געהײסן, איז אַן׳אומנאָרמאַלער מענש, פּשוט אַ מטורף: דרוקט אין זײַן ײדיש בלאַט פֿײַערדיגע אַרטיקלען ג ע ג ן ײדיש, חוזק׳ט אָפּ און מאַכט פּענדזע פֿון

די גרעסטע און בעסטע יידישע ליטעראַטן, און צילט זיך צו באַגראָבן די יידי־שע שפראַך מיט אירע ליטעראַטן צוזאַמען. צווייטנס, קען מען צו אַזאַ בריה ווי שמר ניט צוטרעטן מיטן לעצטן וואָרט פון דער אייראָפּעאישער קרי־טיק. מיט אויפקלערונגען, מיט סברות, מיט געדאַנקען, מיט אַנשויאונגען וועט מען דאָ גאָרנישט מאַכן. דאָ מוז מען האָבן לגמרי אַנדערע מכשירים, דאָ מוז האָבן לגמרי אַנדערע כלי־זיין, דאָ מוז מען אַרבעטן מיט האַרמאַטן, מיט שווע־רע אַרטילעריע...

אָבער דאָס אַלץ האָט דער קליינשטעטלדיגער ראַבינער נאָר געקענט **טראַכטן**, טראַכטן ביי זיך אין האַרצן, און אפשר אויסדריקן דאָס אויך אין געשפרעך צי אין בריוו מיט פריינד, מיט חברים, אָבער ניט טאָן. ווי קומט דאָס, ווי פּאַסט דאָס גאָר פּאַר אַ ראַבינער גיין באַשעפטיגן זיך מיט פּאַפּירע־נע מלחמות? וואָס וועט פּאָרט זאָגן די שטאָט? וואָס וועלן פּאָרט זאָגן די גבאים, די „פּני״? מ׳וויס אַפילו, אַז דער ראַבינער שרייבט אַ מאָל אַ ביסל אונטער, אָבער וואָס און **ווען** ווייסט מען ניט. זאָל אויסברעכן אַ מלחמה וועט מען דאָך **מוזן** וויסן, עס וועלן דאָך ווערן קולות און גוואַלדן. שלום־עליכם האָט זיך געפּייניגט אין דער שטיל, האָט שטאַרק געליטן; זייענדיג פון דער נאַטור טעמפּעראַמענטפול האָט אין אים געקאָכט און געזאָדן. גאַנצע צוויי יאָר האָט ער אַ פעדער אין האַנט ניט גענומען. פּלוצלונג איז ער ווי פאַרשוואונדן גע־וואָרן פון דער ליטעראַטור.

און דערוויילע האָט זיך אונטערגערוקט אַ קריזיס אין שלום־עליכמ׳ס פּערזענליכן לעבן. דער לובנער ראַבינער איז ווי דורך איין נאַכט געוואָרן מיט אַ מאָל אַן עושר! מיט אַ מאָל איז ער געוואָרן פריי און ניט אָפּהענגיג פון גבאים, און פון רעדל־פירער, און פון דער גאַנצער וועלט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז ביי אים ווידער אַרויסגעשוואומען דער געדאַנק מאַכן אַ סוף איינמאָל פאַר אַלע מאָל מיט ביידן: אי מיט שמר׳ן אי מיט לעווי׳ס „יידישן פאָלקסבלאַט״, און איז תיכף צוגעטראָטן אויסצופירן אים בפועל. בנוגע צו שמר׳ן האָט ער אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אויפן האַרצן, אויסגעלאָזן צו אים אין אַ באַזונדער ביכל. דאָס איז ניט געווען קיין קריטיק. שלום־עליכם האָט געפונען, און אַזוי איז טאַקי געווען דער אמת, אַז שמר שטייט נידעריגער פאַר דער קריטיק. ער האָט גענומען, פשוט, און האָט שמר׳ן אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק און האָט אים געמשפּט, — געמשפּט ווי אַ געוויינ־ליכן פאַרברעכער*)...

דאָ איז אָבער פאָרגעקומען זעהר אַ טרויעריגע ערשיינונג. לא די, וואָס אונזער דאַמאָלסטדיגע פּרעסע, די העברעאישע און די יידישע, האָט שלום־עליכמ׳ן ניט אונטערגעהאַלטן, לא די, וואָס קיין איינציגער פון די שרייבער האָט שלום־עליכמ׳ן מאָראַליש ניט געשטיצט, האָבן זיך נאָך געפונען אַזעלכע,

*) „שמר׳ס־משפט״, בערדיטשעוו, 1889.

און דוקא ליטעראַטן מיט נעמען, מיט לעווי׳ן, דעם רעדאַקטאָר פון „פאָלקס־בלאַט" בראש, וועלכע זײנען שטאַרק אָנגעפאַלן אויף שלום־עליכמ׳ן, און ניט גלאַט אַזוי זיך אָנגעפאַלן, נאָר מיט די ערגסטע זלזולים, געמאַכט אַש פון שלום־עליכמ׳ן מיט זײנע ווערק. אײנער פון די דאַמאָלסטיגע באַוואוסטע יידישע ליטעראַטן, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אונטערן פסעוודאָנים יוסף יואל הערדנער*), האָט געמאַכט שלום־עליכמ׳ן פאַר אַ פּראָסטן עם־הארץ. נאָך אײנער אַ ליטעראַט מיט אַ נאָמען איז געקומען אויפן ווײזן, אַז שלום־עליכם קען אפילו קײן יידיש ניט אויסלייגן, און שרײבט נח מיט זיבן גרײזן. „נאָך מער איז ניט צו פאַרשטײן — אַזוי האָט יענער ליטעראַט געשריבן אין לעווי׳ס „פאָלקסבלאַט" — די העזה פון אַזאַ שלום־עליכמ׳ן, אַז ער רעדט וועגן אַ לשון. דאָ מוז שוין פּשוט אַ קאַץ טאַקע לאַכן אין די הויפּנס. איך רעכען ניט דער מיה ווערט אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף זײנע ליבע עברי, פון וועלכער עס ברעכט זיך אויס די צײן יעדער וואָס האָט נאָר עטוואָס אַ באַגריף פון אַ שפּראַך". שלום־עליכם דער קינסטלער, דער מייסטער פון דער רייד, כער, פון דער זאַפטיגער יידישער מאָדערנער שפּראַך, איז גאַר געוואָרן מיט אַמאָל אַן עם־הארץ, וועלכער קען גאָר אפילו ניט אויסלייגן קײן יידיש! אָט אַזאַ קבלת־פּנים האָט דאָס שלום־עליכם דאַמאָלסט געהאַט אין אונזער פּרעסע נאָר בלויז פאַר זײן גוטער, פאַר זײן גערעכטער כונה אויסצוראַמען דעם שמוץ פון דער יידישער ליטעראַטור. און צום פאַרבעסערן איז נאָך געקומען לעווי און האָט אָנגעהויבן צו דרוקן שמר׳ס אַ העכסט אינטערעסאַנטן ראָמאַן ביי זיך אין „פאָלקסבלאַט", דאָ האָט שוין שלום־עליכם מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און איז צוגעטראָטן צו פאַרווירקליכן זײן צווייטן פּלאַן: אונטערצוגראָבן און אַ תל צו מאַכן פון לעווי׳ס „פאָלקסבלאַט"**).

כדי צו פאַרווירקליכן דעם דאָזיגן פּלאַן, האָט שלום־עליכם באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ גרויסן יידישן זאַמל־בוך, און צוצוציהען צו אים אַלע יידישע שריפטשטעלער, טאַקע אַלע ביז אײנעם. ווי ציט מען אָבער צו אַלע יידישע שרײבער, בעת די גאָר בעסערע צווישן זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן שרײבן יידיש, זינט שמר מיט זײן כאַליאַסטרע האָט זיך אויסגעשפּרײט אין דער יידישער ליטעראַטור אויף אַלע פיר, און אַנדערע האָבן אָפּגעלאָזן די יידישע פען צוליב לעווי׳ס בעלי־הבית׳ווען, און נאָך אַנדערע צוליב דחקות; דאָ האָט זיך שלום־

*) דער פסעוודאָנים פון יוסף יהודה לערנער, דער איבערזעצער פון „אוריאל אַקאָסטאַ" און פון אַנדערע טעאַטער־שטיק, וועלכער האָט זיך אויף דער עלטער געשמד׳ט.

**) אין דעם ווייטער ציטירטן שלום־עליכמס בריוו צו גאָרדאָנען, שרײבט ער בײם סוף: „ס׳איז געווען אַ צייט ווען צעדערבוים פלעגט מיר אַרײנברענגען אין גרויס צאָרן מיט זײן קאַלטער באַציהונג צו זײן בלעטל. הײנט קומט מיר אויס צו זאָגן: „חבל על דאבדן". איצט איז דאָרטן אַלץ אַזוי פאַרדאָרבן, אַזוי ווילד, דאָס דו מוזט אַרײנקומען אין גרויס פאַרצווייפלונג און ערביטערונג, און העלפן איז ניטאָ מיט וואָס. אָט דאָס האָט מיר דערוועקט צו נעמען זיך פאַר אַן עסק, וועלכער איז, אפשר, ניט באַקוועם פאַר מײן קעשענע.

עליכם מישב געווען און האָט אויפגעטאָן אַ נייס. ער האָט גענומען צאָלן האָ־נאָראַר פאַרן שרייבן! שלום־עליכם איז געווען דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט אַ יידישן שרייבער אַ צורת מטבע באַוויזן. ביז אים האָט אַ יידישער ליטעראַט קיינמאָל די העזה ניט געהאַט אפילו צו חלומ׳ן וועגן האָנאָראַר, און אַ פשיטא שוין וועגן האָנאָראַר פאַר דער שורה! אין זיינע בריוו צו די יידישע שרייבער, וועלכע ער האָט איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין זיין זאַמלבוך, איז ער די ערשטע זאַך אַרויסגעפאָרן מיט דער מטבע.

זעהר כאַראַקטעריסטיש אין דעם פרט איז דער בריוו, אין וועלכן שלום־עליכם האָט דאַמאָלסט איינגעלאַדן דעם באַקאַנטן העברעאישן דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן (יל״ג) מיטצואַרבעטן אין זיין זאַמלבוך.

אין דעם דערמאָנטן בריוו שרייבט שלום־עליכם, אונטער אַנדערן, פאָלגענדעס:

„איך הצעיר באלפי יהודא, לאָז אַרויס אויף גאָטס וועלט אַ גאַנץ גרויסען סבאָרניק כמין זשורנאַל להבדיל אויף זשאַרגאָן, נישט צוליב אַ געשעפט ח״ו (איך האָב אין קיעוו בעסערע געשעפטען), נור להרים קרן שפת יהודית, צו הויבן דעם האָרן פונם אָרעמען זשאַרגאָן.

סע פאַרשטעהט זאַך, אַז וואו סע איז דאָ אַ זשאַרגאָניסט, איז ער מיי־נער. ערשטענס ווייל דער עולם קאָן מיך שוין אַ קאַפּ, אַז איך דאַרף דיא ציג ניט מעלקען, און צווייטענס ווייל איך האָב אויפגעטהון אַ נייס אין דער יודי־שער ליטעראַטור, דהיינו: צאָהלען יעדען שרייבער פאַר דער שורה (ווער האָט געצאָהלט ביז אַהער געלט פאַר זשאַרגאָן שרייבען?) און פיין צאָהלען. למשל אַבראַמאָוויטש׳ן גיב איך 10 קאָפּ׳ פון דער שורה פאַר פראָזע, ער מעג אָנ־שרייבן אַ מילליאָן שורות; לינעצקען אויך דאָס זעלבע כמעט; און אפילו די קטנים, וואָס מען דאַרף זיי אויפרופן „עם כל־הנערים״ גיב איך פון 3 ביז 5 קאָפּ׳. נאָך אַ נייס: איך וועל נישט געבען קיין שום מודעה און וועל נישט אויסנאַרן קיין קערבלאַך ביים עולם, ביז דער בוך וועט ניט אַרויס פון דרוק (אין באַרדיטשעוו) און דעם מקח וועל איך שטעלען ביליגער פון באָרשטש, בכדי לזכות את הרבים: גאָר פויגעלדיג!—

לכן אדוני, אליך נפשי אשא, לך עיני תלויות, חאָטש מיט וואָס סע ניט איז דערקוויקן מיך פון אייערע יודישע ווירשען, וועלכע איר קאָנט ערב שבת בין השמשות, צווישן יאָ און ניין, אַ קיצעל טהון די מוזע—און לאָז זעהען דאָס פאָלק, דאָס אָרעמע פאָלק, אַז „ער״ אַליין, גאָרדאָן, „דער גאָרדאָן״, שעמט זיך ניט און שרייבט אויך זשאַרגאָן!—

וועגען גאָנאָראַר רעד איך נישט מיט אייך: פון 20 קאָפּ׳ פאַר יעדע שורה׳לע שטעל איך אייך אַליין—און דאָס איבעריגע שטעלט אייך אַליין ביז 50 קאָפּ׳ ועד בכלל, נאָר מיינט ניט, אַז איך ווילל אייך „קויפען״ פאַר געלט; איך ווייס, וואָס הייסט זיין אָפּגעריסען פון אַ שפראַכע און זיין רעכט פער־נומען מיט אַ צייטונג—רעכען איך, אַז די צייט איז געלט, און פאַר געלט וועל

איך אייך אויך מקריב זיין דיא גילדענע צייט הגם גאָטט ב״ה האָט מיך גע־שטראָפט מיט היבשע עמליבע קינדערלאַך.

איך ווארט אויף מיין קוויטעל, וואָס וועט זיין אָנגעצייכענט פון אייך בקרוב״*).

לויטן אמת האָט מען בנוגע צו שלום־עליכמ׳ן ניט געקענט זאָגן, אַז ער „צאָלט״ האָנאָראַר, ווייל ער האָט ניט געצאָלט, נאָר פשוט ג ע ש אָ ט ן מיט האָנאָראַר. פרישמאַן האָט אים צוגעשיקט פאַר זיין זאַמלבוך ניט קיין גרויסע פאָעמע, בערך, „א ו פ י ר״ הייסט זי. האָט אים פאַר איר שלום־עליכם אריינ־געשיקט עטליכע הונדערט רובל! מ׳האָט דאַן גערעדט וועגן אַ רובל 300 בערך. איך בין דאַמאָלסט געווען אין וואַרשע, און געדענק נאָך עד היום וואָס פאַר אַ אומגעהייער שטאַרקן רושם דאָס האָט געמאַכט אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן. מ׳האָט דאַמאָלסט איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, אַז חברה שרייבערס אין לאָדז, וואו פרישמאַן האָט דאַמאָלסט געוואוינט, האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן לויפן צו פרישמאַנען, כדי אָנצוקוקן מיט די אייגענע אויגן דעם קאָנ־ווערט, אין וועלכן עס זיינען געלעגן שלום־עליכמ׳ס הונדערטער; און פון דער פּראָווינץ זיינען געלאָפן צו פרישמאַנען בריוועלאַך מיט אָנפראַגעס, צי די מעשה מיט די הונדערטער איז טאַקע אמת, און צי איז דאָס ניט אויסגעטראַכטע זאַך. איך שעם מיך ניט און דערצייל גאַנץ אָפן, אַז דער 50־גער, וואָס שלום־עליכם האָט מיר אריינגעשיקט פאַר מיין דריי־בלעטלדיגן אַרטיקל, האָט מיר אויך, פשוט, ווי דעם מח צודולט. דאָס איז געווען מיין „ערשטער האָנאָראַר״, און אַזוי אומגעריכט!

זעהר כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס שלום־עליכם האָט מיר געענט־פערט אויף מיין אָנפראַגע: וואָס פאַר אַ ריכטונג זיין זאַמלבוך וועט האָבן. „וואָס מיר ריכטונג־שמיכטונג — האָט מיר שלום־עליכם געשריבן — די זון האָט אַ ריכטונג? די לבנה האָט אַ ריכטונג? ל ײ כ ט ן, ל ײ כ ט ן און ל ײ כ ט ן וויל איך, אויסטריקענען דעם גרויסן געמויזאַכץ, אין וועלכן אונזער בידנע יידישע ליטעראַטור טרינקט זיך איבערן האַלז; מאַכן אַ וועג אין מדבר וויל איך, אַ וועג פאַר אַבראַמאָוויטשן, אַ וועג פאַר שאַצקעסן, דעם מחבר פון „יודישען ערב פסח״, אַ וועג פאַר אונזער בר־קצינ׳ן*), און פאַר אַלע אונזערע ריינע, ליכטיגע גייסטער״.

און אין אמתן זיינען אין שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק״ געווען פאַרטראָטן די בעסטע שרייבער פון אַלע דאַמאָלסדיגע יידישע שטרעמונגען; דער האַלב־אַסימילירטער משכיל, דער סתם־נאַציאָנאַליסט און דער געברענטער נאַציאָנאַליסט, דער חובב־ציון. דאָס איז אָבער ביי שלום־עליכמ׳ן ניט געווען

---

*) זעה „ווילנער זאַמלבוך״ ערשטער באַנד, זייטל 244.

**) דער פסעוודאָנים פונם באַקאַנטן יידיש־העברעאישן שריפטשטעלער י. ח. ראַבי־ניצקי.

דער עיקר. דער עיקר איז ביי אים געווען די קריטיק. אין דער קריטישער אָפטיילונג פון זיין זאַמלבוך האָט ער, שלום-עליכם, אַליין דעם גרעסטן אַנטייל גענומען אונטערן פסעוודאָנים: ביכער-פרעסער, און האָט אין דעם אַרויס-געוויזן אַ גאַנץ גרויסן טאַלענט. זיין קריטיק איז געווען שאַרף און בייסנד; זיינע סאַרקאַזמען האָבן געטראָפן ווי שפּיזן די, צו וועמען זיי האָבן זיך געצילט, און האָבן געווירקט פאַרניכטנדיג אַפריהער אויף שמר׳ס תּלמידים און דערנאָך אויפן רבּי׳ן אַליין. אינגיכן האָט זיך געלאָזט הערן, אַז שמר-שייקעוויטש האָט פאַרלאָזן רוסלאַנד, און האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע. לעווי מיט זיינע עט-ליכע שרייבערלעך האָבן נאָך אַריינגעכאַפּט צו פאַרוואַרפן מיט בלאָטע די „פאָלקס-ביבליאָטעק" מיט שלום-עליכמ׳ן צוזאַמען. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום איז שוין דאָס „פאָלקסבלאַט" געוואָרן אַ שוכן-עפר. און אויב פון יענער צייט אָן האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור אָנגעהויבן צו בלאָזן פרישע, גע-זונטע ווינטן, און אויב פון יענער צייט אָן האָט דער יידישער לעזער אָנ-געהויבן צוגעוואוינען זיך צו אַן אמת ריין קינסטלעריש יידיש וואָרט, — האָבן מיר דערפאַר צו פאַרדאַנקען איינציג און אַליין נאָר אונזער פאָלקס-דיכטער, אונזער גרויסן שלום-עליכמ׳ן.

II.

לעוואַנדעס בריוו צו מיר אין שלום-עליכמס „פאָלקס-ביבליאָטעק".—איך מיט דינעזאָנען האָבן פאַרדרוסן אויף שלום-עליכמ׳ן.—מיר שרייבן אים אַ בש׳תּפות-דיגן בריוו.—שלום-עליכמס תּשובה.—די תּשובה איז קיין תּשובה ניט.—דינע-זאָן זאָגט זיך אָפּ פון דער ווייטערדיגער מיטאַרבעט אין דער „פאָלקס-ביבליאָ-טעק".—דינעזאָנס באַציהונגען צו שלום-עליכמ׳ן.—איך דרוק אָפּ לעוואַנדעס ביאָגראַפיע.—וואָס שלום-עליכם האָט מיר וועגן דעם געשריבן.—זיין באַצי-הונג צו יל"ג׳ן.

אָנפאַנגס מערץ 1888 איז געשטאָרבן דער אין זיין צייט זעהר פּאָפּולער געוועזענער רוסיש-יידישער שריפטשטעלער ל. לעוואַנדע. אין אַ חדש אַרום, אין אַפּריל, האָב איך ערהאַלטן פון שלום-עליכמ׳ן אַ בריוו, אין וועלכן ער איז מיר מודיע, אַז ער טרעט צו אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך, און שרייבט מיר דערביי בזה הלשון: „היות ווי כ׳האָב געהערט פון דינעזאָנען, אַז איהר האָט זיך מכּמה יאָהרען אויפגעשריבן מיט לעוואַנדען, בכן וואָלט אפשר מעגליך געווען, דאָס איר זאָלט אויסקלייבן פון אַייער פּעקל עטליכע אינטערעסאַנטע בריעף, בעזונדערס געזעלשאַפטליך-ליטעראַרישע, און אַליין עס אויך מתרגם זיין ללשון העם כּיד היידיש הטובה עליכם, און צושיקען זיי מיר. בנוגע דעם שכר וועלען מיר צו בית-דין ניט גיין". איך האָב אויסגעקליבן איינציגע פון לע-

וואַנדעס בריוו, וועלכע זיינען מיר אויסגעקומען מער וויכטיגער פאַרן ברייטן עולם, האָב זיי איבערגעזעצט, און צוזאַמען מיטן אָריגינאַל אוועקגע־שיקט זיי שלום־עליכמ׳ן. אין מיין בריוו, וועלכן כ׳האָב צוגעלעגט צום כתב־יד, האָב איך אויסגערעדט מיט שלום־עליכמ׳ן, אַז מ׳אָמער וויל ער מאַכן וואָס ס׳איז פאַר אַ שנוי, צי אַ תיקון, זאָל ער מיר אַפריהער וועגן דעם מודיע זיין. בעת די „פאָלקס־ביבליאָטעק“ איז אַרויס פון דרוק, און שלום־עליכם האָט מיר אַריינ־געשיקט אַן עקזעמפּליאַר — כ׳האָב דאַמאָלסט געוואוינט אין וואַרשע, — האָב איך זיך געכאַפּט, אַז א יין בריוו, און גראָד ד ע ר, וועלכן איך האָב געהאַלטן פאַר דעם מער אינטערעסאַנטערן, איז ניט אַריין אין זאַמלבוך. איז דאָס מיר געווען אַ פּלא.

אין דעם דאָזיגן בריוו האָט מיר לעוואַנדע געשריבן זיין מיינונג וועגן סאָקאָלאָווס גראָב־בייכיגן זאַמלבוך „ה א ס י ף“, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען אַ איבערראַשנדע נייס אין דער העברעאישער ליטעראַטור, און באַזונדערס וועגן אַ קריטישן אַרטיקל פון אַ חשובן שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך אין אים אָפּגע־דרוקט, און האָט אַרויסגערופן ביי אַ געוויסן טייל לעזער אַ גרויסע ערביטע־רונג. דערביי האָט לעוואַנדע אַרויסגעזאָגט אייניגע גאַנץ אָריגינעלע געדאַנקען בנוגע דער העברעאישער ליטעראַטור בכלל. אויף ד ע ם סמך האָט זיך דאָס מיר געדאַכט — ווי איך האָב שוין געזאָגט, — אַז דווקא ד ע ר בריוו וועט שלום־עליכמ׳ן שטאַרק פאַראינטערעסירן, און ער וועט אים צווישן די איבעריגע לע־וואַנדעס בריוו געבן אין זיין זאַמלבוך אַן אָרט סאַמע אויבנאָן. ערשט א ל ע בריוו זיינען אָפּגעדרוקט, אַנדערע נאָך מיט הערות פון דער רעדאַקציע, און י ע נ ע ר בריוו איז ניטאָ. דאָס האָט מיר דאַן אַ ביסל פאַרדראָסן. און פאַר־דראָסן האָט מיר ניט פאַרוואָס שלום־עליכם האָט דעם בריוו ניט געדרוקט, נאָר ווייל ער האָט ניט געהאַלטן דעם אָפּרייד, און האָט מיר פריהער וועגן דעם ניט געגעבן צו וויסן.

איך בין דאַמאָלסט אַריין צו דינעזאָנען. גראָד האָב איך געפונען דינע־זאָנען זיצנדיג און בלעטערנדיג די „פאָלקס־ביבליאָטעק“, וועלכע ער האָט אויך אָקאָרשט־וואָס ערהאַלטן. דערביי האָב איך גלייך באַמערקט, אַז דינעזאָן איז אַביסל אויפגערעגט. איך האָב נאָך דאַן ניט באַוויזן באַקאַנט צו ווערן מיטן גאַנצן אינהאַלט פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק“; מער ווי לעוואַנדעס בריוו האָב איך ניט דורכגעקוקט. דעריבער איז מיר קשה געוואָרן זעהענדיג, אַז דאָס זאַמלבוך האָט מיט עפּעס דינעזאָנען דערצאָרנט.

— איר ווילט הנאה האָבן? — האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן.

— פון וואָס?

— אָט זעט ווי מ׳זידלט מיר!...

אין יענעם באַנד פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק“ האָט זיך אָפּגעדרוקט אַ ייזע קריטיק געגען דינעזאָנען פאַר זיין אַרטיקל „די יידישע שפראַך און אירע שרייבער“, וועלכן ער האָט דאַן מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַרעפנטליכט אין

ספעקטאָרס „הויזפריינד". דער רעצענזענט איז שטאַרק אָנגעפאַלן אויף דינעזאָ־גען באַזונדערס דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אין זיין אַרטיקל באַנוצט מיט צו־פיל העברעאישע אויסדרוקן. די רעצענזיע איז אָבער געווען געשריבן צו שאַרף און בייסנדיג, און ערטערווייז האָט זי דינעזאָנען ממש פערזענליך באַליידיגט.

— געגן קריטיק קען מען גאָרנישט האָבן—האָט דינעזאָן געזאָגט—; קריטיק מוז זיין, און דאַרף זיין, און בפרט אין אונזער ליטעראַטור, וואו ס'איז דאָ צו ראַמען אַזוי פיל מיסט. און קריטיקירן מעג מען ניט בלויז אַן אייגענעם מיטאַרבעטער (אין דעמזעלביגן באַנד „פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט זיך אָפּגעדרוקט דינעזאָנס אַ סקיצע), נאָר אפילו אַן אייגענעם טאַטן. אַלץ דאַרף אָבער האָבן אַ מאָס; אַז ניט, ווערט דאָך דאָס ניט קיין ליטעראַטור, נאָר אַ פישמאַרק...

דאָ האָב איך דערציילט דינעזאָנען מיין פאַרדרוס אויף שלום־עליכמ'ן וועגן לעוואַנדעס ניט געדרוקטן בריוו.

אויף דעם האָט זיך דינעזאָן אָפּגערופן:

— זעט זשע; אין דעם ווייס איך שוין ניט ווער עס איז גערעכט, און ווער ס'איז אומגערעכט. אין פלוג איז דער שכל מחייב, אַז וויבאַלד ער איז דער רעדאַקטאָר, מעג ער וואָס ער וויל דרוקן און וואָס ער וויל ניט דרוקן. אלא וואָס דען? מודיע זיין פריהער האָט ער אייך יאָ געדאַרפט נאָכ־דעם, אַז ביי אייך איז געווען אַזאַ מדובר. מסתמא האָט ער דאָס אָבער פאַרגעסן.

— כ'קלער אָבער—האָב איך געזאָגט—אַז מ'מוז אויף דעם רעאַגירן; פטור בלא כלום אי אפשר; מ'דאַרף הערן וואָס וועט שלום־עליכם זאָגן. ווייסט איר וואָס? לאָמיר אים שרייבן אַ בשותפות'דיגן בריוו.

— אָט, לאָז מיינע איבערגיין, און בפרט אַז איך זעה אין דעם קיין נוצן ניט. די זאַך איז שוין אַן אָפּגעטאָנענע, און פאַרפאַלן. אַזוי גיך וועל איך שוין קיין נייע אַרטיקלען אין יידיש ניט שרייבן, און ממילא וועט מיך שוין שלום־עליכמ'ס רעצענזענט לאָזן צורוה.

איך האָב אָבער דינעזאָנען געגומען אויפווייזן, אַז וויבאַלד מיר באַציען זיך צום עצם געדאַנק פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" מיט גרויס צופרידנהייט, און מיר ווילן, דאָס זי זאָל מאריך ימים זיין און האָבן אַ קיום, לעגט שוין דאָס אויף אונז אַרויף אַ חוב אויפמערקזאַם צו מאַכן שלום־עליכמ'ן אויף זיינע פעלער, כדי ער זאָל זיי דעם צווייטן מאָל אויסמיידן.

אַזוי האָב איך דינעזאָנען ביסלעכווייז איבערגערעדט, און מיר האָבן ביי־דע אָנגעשריבן שלום־עליכמ'ן אַ בריוו. ער, דינעזאָן, אַפּריער. און איך—גלייך נאָך אים.

איך געדענק, אַז דינעזאָן האָט געשריבן אין אַ גאַנץ רוהיג און געלאַסע־נעם טאָן. ער האָט זיך, קענטיג, אָנגעשטרענגט ניט אַרויסצווייזן אַפילו דעם קלענסטן צייכן פון ערגערגיש. ער האָט זיך נאָך, פאַרקערט, געפּרובט וויצלען

און זאָגן „חכמות". איך ווידער האָב געשריבן גאַנץ קורץ און געהאַט צו שלום=עליכמ׳ן נאָר די איין טענה: איינמאָל אָפּגערעדט — דאַרף זיין אָפּגערעדט, און אַ רעדאַקטאָר איז אַזאַ בשר ודם ווי אַלע, און דאַרף אויך האַלטן וואָרט.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און אויף דינעזאָנס אַדרעס איז אָנגעקומען פאַר אונז פון שלום=עליכמ׳ן אַ בשותּפות׳דיגע תּשובה, און אַ גאַנץ לאַנגע, פון וועלכער איך גיב דאָ איבער בלויז איר כאַראַקטעריסטישער התחלה, אַרויסוואַרפנדיג די עטליכע ערטער, אין וועלכע עס ווערן אָנגערירט געוויסע פּערזאָנען:

„צו מיינע מיטאַרבייטער הנאהבים והנעימים, ובראשם דער מחבר פון „הנאהבים והנעימים!"

איהר ביידע האָט אייך אָנגעזעטצט אויף איין שלום=עליכמען. שנים אוחזים בטלית — ביידע האַלט איהר מיר פאַר די פּאָלעס, און רופט מיך אַרויס אויף מלחמה, אָדער, ווי מ׳זאָגט ביי לייטען, אויף אַ „דועל". נו, כ׳זאָג מיך ניט אָפּ. איז מען אַ רעדאַקטאָר ביי יודען, דאַרף מען קענען שמעקען פּולווער. אָבער ניט מיר און אויך ניט אייך האָבען אונזערע טאַטעס קיינמאָל ניט געלערענט צו האַלטען אין האַנט אַ שווערד אָדער אַ ביקס. איר געדענקט דאָך, מן הסתּם, אַז אויף דעם האָט זיך שוין אַמאָל ערגעטש, וואו בעקלאָגט אונזער יל״ג*). בכן האָבען מיר, לויט מיין מיינונג, קיין אַנדער ברירה ניט ווי נאָר צו געברויכען אונזער אַלטען יודישן כלי=זין — די ציצית. ווער פון אונז זאָל אָבער אָנהויבען דעם דועל? געוויס — איך. וואָרום וואָס וועט דאָ זיין די גרויסע רבותא פאַר דער וועלט ווען צוויי מחברים וועלען אַוועקלעגען אַ קליין מחבר׳ל? בכן מאַך איך די התחלה. איך וועל מיך אָבער פּרובען אָנהויבען בשלום; אפשר וועלען מיר זיך פאַרשפּאָרען צו קריגען. ראשית מוז איך אייך זאָגען, אַז אייער יד אחת איז, אייגענטליך, גאָר ניט קיין יד אחת. איר קומט צו מיר ביידע מיט פאַרקעהרטע טענות; איינער פון אייך שרייט „טאָג", און דער אַנדערער — „נאַכט". דינעזאָן טענה׳עט: שלום=עליכם האָט פּוגע בכבוד געווען דער העברעאישער שפּראַך! אין שלום=עליכמ׳ס פאָלקס=ביבליאָטעק שעמט מען זיך מיט אַ לשון=קדש וואָרט! טאָמער האָט ער אַריינגעבראַכט אין זיין אַרטיקעל אַ צוויי, דריי העברעאישע פראַזען, האָט דאָס שוין שלום=עליכמ׳ס רעצענזענט ניט געקענט פאַרטראָגען, און האָט וועגן דעם מרעיש עולם געווען. אַזוי, הייסט עס, האַלט דינעזאָן שלום=עליכמ׳ען פאַר אַ דם=שונא פון לשון קדש. קומט אָבער תּיכף צו געהען ציטראָן און טענה׳עט פּונקט קאַפּויר. יאָ, זאָגט ער, מ׳דאַרף ליעב האָבען העברעאיש און מ׳דאַרף ליעב האָבען העברעאישע שרייבער; דערפון איז נאָך אָבער ניט געדרונגען, אַז מיר דאַרפען פאַרדעקען די חסרונות פון העברעאיש

*) נעמענט יל״ג׳ס באַוואוסטן שיר „בין שני אריות".

און פון איהרע שרייבער, און בפרט אַז דער וואָס קומט ענטדעקען די דאָזיגע חסרונות איז ניט אַבי־ווער, איז ניט קיין קטלי קניא, קיין אדם מן השוק, נאָר עפּעס אַ לעוואַנדע. און איך, שלום־עליכם, מה אמר ומה אדבר, וואָס זאָל איך זאָגען און וואָס זאָל איך רעדען און מיט וואָס זאָל איך מיך פאַר אייך רעכטפאַרטיגען? זאָגט, אדרבה, איר אַליין, ווי אַזוי און אויף וועלכען אופן קען איך יוצא זיין פאַר אייךביידען? די־נעזאָן פרובט אויף מיר אָנוואַרפען אַ פּחד; ער זאָגט: „ווי מיר האָבען דערלעבט „שמר׳ס משפט״, קען, אפשר, אָנשטיין אַ טאָג, אויך פון „שלום עליכמ׳ס משפט״. אָך! נעהמט מיך, אדרבה, און משפט מיך בראש גלי, און משפט מיך כמו שנאמר, מיט אַלע תגין, מיט אַ בעשול־דיגונגס־באַנק, מיט עדות, מיט דַיָנים, אָט טאַקי אַזוי ווי איך האָב גע־משפט שמר׳ן. כ׳האַלט אָבער, אַז איר פאַרשפּאָרט מיך שוין צו משפּט׳ן; פון דער מינוט אָן, וואָס כ׳בין געוואָרען אַ רעדאַקטאָר ביי יודען, האָב איך מיך שוין אַליין אָפּגע׳משפט — צו האָבען אויף זיך פאַר בעלי־בתים קריכער די גאַנצע וועלט, ובתוכם אַזעלכע מיני שלעק ווי א. און ווי ב. און ווי ג״ — — —

איך דאַרף באַמערקן, אַז דאָס איז נאָך ערשט געווען דער אָנהויב פון שלום־עליכמ׳ס תשובה־בריוו. פון דאַנען אָן און ווייטער האָט ער זיך אַריינגע־לאָזן אין דעם ענין פון יידישע רעדאַקטאָרן, די לעבעדיגע און די טויטע, האָט זיך אָפּגעשטעלט באריכות אויף ישראל לעווי׳ן, און איז אַזוי געשפּרונגען פון טעמע צו טעמע ביז ער האָט פאַרענדיגט מיט „האָט אייך אַ גוטן תמיד״, און וועגן דער עצם זאַך אַליין, וועגן מיינע מיט דינעזאָנס טענות, האָט ער זיך געמאַכט כלא ידע און ניט אויסגערעדט קיין האַלבן וואָרט.

אויף דינעזאָנען האָט שלום־עליכמ׳ס תשובה געמאַכט אַ שווערן רושם. ער האָט זיך דאַן צו מיר אָפּגערופן:

— כ׳האָב אייך געזאָגט, אַז ס׳איז אומזיסט דאָס שרייבן; כ׳האָב גע־וואוסט, אַז שלום־עליכם וועט אונז נאָר „פאַרעדן די ציינער״. נו, מילא; וואָס ס׳איז געווען — איז געווען. גיט שלום־עליכם אַרויס אַ צווייטע „פאָלקס־ביבליאָ־טעק״, שרייב איך שוין אין איר קיין וואָרט ניט.

און דינעזאָן האָט געהאַלטן וואָרט. וואָס שלום־עליכם האָט זיך ביי אים ניט צובעטן, ער זאָל אים געבן אַ וואָסערע ס׳איז זאַך צום צווייטן באַנד „פאָלקס־ביבליאָטעק״, האָט ניט געהאָלפן.

דינעזאָן, וועלכער האָט תמיד הויכגעשעצט שלום־עליכמס טאַלענט, איז אים אָבער פאַרבליבן אַ הייסער, איבערגעגעבענער פריינד ביז זיין לעצטן טאָג. די געגנזייטיגע באַציהונגען צווישן דינעזאָנען מיט שלום־עליכמ׳ן (באַזונדערס פון 1903־טן יאָר אָן, ווען ש״ע איז אין באַראַנאָוויטש פלוצלונג געפערליך קראַנק געוואָרן) איז אַ העכסט אינטערעסאַנטער קאַפּיטל פאַר זיך, צו וועלכן איך וועל זיך נאָך, אפשר, אַמאָל צוריקקערן.

אין אַ יאָר צעהן אַרום איז מיר אויסגעקומען צו שרייבן לעוואַנדעס ביאָגראַפיע*). ביי דער געלעגנהייט האָב איך פאַרעפנטליכט עטליכע פון זיינע בריוו, און צווישן זיי אויך יענעם בריוו, צוליב וועלכן ביי מיר איז אַמאָל אַרויס דער סכסוך מיט שלום־עליכמ׳ן.

אין איין טאָג באַקום איך גאַנץ אומגעריכטערהייד פון שלום־עליכמ׳ן אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט מיר:

...„דאָס, וואָס איהר האָט ערשט ביי זיך געפועל׳ט צו טהון אין תרנ״ח, האָט איר געוואָלט, אַז איך זאָל דאָס טהון אין תרמ״ח. איר האַלט, אַפּנים, ניט פון הלל׳ס מימרה: „כל דעלך סאני״ און — ווי ווייטער שטעהט. אייך האָט זיך געוואָלט, אַז דוקא דורך שלום־עליכמ׳ן זאָל נתגלגל ווערען דער גרויסער זכות אויסצופּויקען פאַר דער גרויסער וועלט, דאָס לפי דעתו פון דעם גרויסען לעוואַנדען איז אונזער גרויסער יל״ג ניט קיין גרויסער משורר, נאָר אַ גרויסער בעל־סגנון, ד. ה. אַ מענש מיט אַ פען... אַזעלכע בשורות זאָגט מען אָבער אָן דורך אַ גוי, אָבער ניט, להבדיל, דורך שלום־עליכמ׳ן. און זעהט נאָר וואָס שלום־עליכם איז! גראָד בעת אין מיין פּאָרטפעל האָט זיך געפונען אייער לעוואַנדעס בריעף, בין איך אַרומגעגאַנגען אויף יל״ג׳ן מיט אַ האַרץ. דאָס איז געווען אָקאָרשט וואָס ער האָט מיר אָפּגעפּסק׳נט אין אַ בריעף, אַז „יודיש איז די טרויעריגסטע ערשיינונג אין דעם היסטאָרישען לעבען פונם יודישען פאָלק״. פאַרשטעהט איר דאָך גאַנץ גוט ווי איך בין דענסטמאָל געווען אויף אים אויפגעבראַכט, און ווי, ממש, кстати ס׳וואָלט פאַר מיר געווען נעהמען און אָפּדרוקען אין מיין „פאָלקס־ביבליאָטעק״ לעוואַנדעס בריעף, כדי גאָרדאָן זאָל זעהען, אַז מ׳האַלט אים גאָר ניט פאַר אַזאַ גרויסען פּוסק, „ולא מפיו אָנו חיים״... איך האָב דאָס אָבער ניט געטהון. יל״ג האָט נאָך געלעבט, און איך האָב אים ניט געוואָלט מצער זיין. און, הערט וואָס איך וועל אייך זאָגען: איך אויף אייער אָרט, וואָלט אפילו איצטער, לאחר מותו, אויך ניט מפרסם געווען ברבים לעוואַנדעס בריעף, ראשית, משום יקרא דשכבי, והשנית, ווייל ביי מיר, און איך רעכען, אַז אויך ביי נאָך טויזנטער יודען ווי איך, איז נאָך גאָרדאָן פערבליבען עד היום דער גרעסטער יודישער משורר און, מחשבות׳ן, ווי קומט אויס ביי אייך?״... — — —

---

*) אין „לוח אחיאסף״ 1898.

III.

שלום-עליכם ווערט אַ יורד.—זיין איינציגע פרנסה ווערט נאָר פון דער פעדער.—זיין סכסוך מיטן „יוד" צוליב אַן אַוואַנס.—שלום-עליכם הערט אויף צו שרייבן אין „יוד".—דער נייער פעלעטאָניסט פון „יוד".—עס ווילט זיך גלויבן, אַז דער ייִדישער לעזער האָט זיך פאַרבענקט נאָך שלום-עליכמ'ן.—מיין שמועס וועגן דעם דאָזיגן אינצידענט מיט אליעזר קאַפּלאַן.—וואָס שלום-עליכם אַליין האָט וועגן דעם געזאָגט.

אין די לעצטע 90-ער יאָרן האָבן זיך שלום-עליכמ'ס „שנות-השבע" פאַר-ענדיגט. זיין גרויסן קאַפּיטאַל האָט ער פאַרלאָרן אויף דער בערזע דורך פאַר-שיידענע אומגעלונגענע ספּעקולאַציעס, און ער איז געוואָרן אַ יורד. ס'איז גע-קומען אַזוי ווייט, אַז זיין איינציגער מקור פון חיונה איז ביי אים געוואָרן די פעדער. אין די יידישע רעדאַקציעס האָט מען דאָס גאַנץ גוט געוואוסט, און דעריבער איז אויסער וואָס מ'האָט שלום-עליכמ'ן תמיד געצאָלט דעם גרעסטן האָנאָראַר, פלעגט מען נאָך אים אויך פון פאָראויס אַרויסגעבן גרויסע אַוואַנסן אויפן חשבון פון זיינע ווייטערדיגע אַרבעטן. שלום-עליכם האָט זיך אָבער אין די גוטע יאָרן צוגעוויינט צו לעבן ברייט און בהרחבה'דיג, און ס'איז אים ניט אַזוי לייכט געווען אָפּצוגעוויינען זיך פון דעם... דעריבער איז ער שטענדיג געווען אַ גרויסער נצרך, און זיך תמיד געניויטיגט אין געלט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן פון די רעדאַקציעס אַוואַנסן אויף אַוואַנסן, און פאָדערן פלעגט ער דרינגענד, דורך טעלעגראַמעס, און ניט קיין קליינע סומעס, נאָר גרויסע. ס'האָט אויך געטראָפן, אַז ווען מ'פלעגט אים אַרויסשיקן דעם אַוואַנס ניט אַזוי גיך, אָדער ניט אין אַזאַ סומע, ווי ער האָט געפאָדערט, פלעגט ער נעמען סטראַשען, אַז ער הערט אויף צו שרייבן... און תמיד פלעגן די דאָזיגע סטראַשונקעס האָבן אַ ווירקונג. מ'פלעגט זיך אָנטאָן די לעצטע כחות, מ'פלעגט ניט היטן צאָלן פּינקטליך קיין אַנדערע שריפטשטעלער, אַבי נאָר צו באַפרידיגן שלום-עליכמ'ן. מ'האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ יידישע צייטונג זאָל קענען עקסיסטירן ניט האָבנדיג צווישן אירע שטענ-דיגע מיטאַרבעטער שלום-עליכמ'ן, דעם פאָלקס-ליבלינג.

האָט גראָד אַמאָל געדאַרפט פּאַסירן—דאָס איז געווען אין 1903-טן יאָר—אַז אַזאַ סכסוך איז אַרויסגעקומען ביי שלום-עליכמ'ן מיט דעם יידישן וואָכנ-בלאַט „דער יוד". דעם „יוד" האָט דאַן אַרויסגעגעבן די באַוואוסטע געזעל-שאַפט „אחיאסף", און ניט צוליב געשעפט, נאָר כדי צו פאַרשפּרייטן דורך אים אונטערן פאָלק דעם ציוניסטיש-נאַציאָנאַליסטישן געדאַנק. פון דער ער-שטער מינוט אָן איז שלום-עליכם געוואָרן פון דעם „יוד"-ס הויפּט-מיטאַרבעי-טער, און האָט אין אים געשריבן זיינע בעסטע זאַכן. מ'קען זאָגן, אַז ערשט אין „יוד" האָט זיך שלום-עליכמס טאַלענט פונאַנדערגעבליט און דערלאַנגט צו

זיין העכסטער מדרגה. די חברה האָט דאָס געוואוסט צו שעצן, און איז תמיד שלום-עליכמ׳ן געקומען אַנטקעגן אין יעדער הינזיכט: געצאָלט אים דעם גרעסטן האָנאָראַר, און געגעבן אים אַוואַנסן וויפל ער האָט נאָר פאַרלאַנגט. אַלץ האָט אָבער אַ שיעור, און איינמאָל האָט איר שלום-עליכם אַרויסגעשטעלט אַ שטרענגע פאָדערונג וועגן אַן אַוואַנס, וועלכע זי האָט ביי איר בעסטן ווילן בשום אופן ניט געקענט דערפילן. עס האָבן אויך ניט געהאָלפן שלום-עליכמ׳ס התראות, אַז ער הערט אויף צו שרייבן. שלום-עליכם האָט פאַרווירקליכט זיינע התראות, און איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן פון „יוד". ס׳איז אַרויס אַ נומער און צוויי און דריי, און פון שלום-עליכמ׳ן האָט זיך ניט באַוויזן קיין איין איינ-ציגע שורה. אין די ליטעראַרישע קרייזן — און באַזונדערס אין די וואַרשע-ווער — האָט זיך דאָס גלייך געוואָרפן אין די אויגן, און מ׳האָט וועגן דעם פיל גערעדט. די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז שלום-עליכמס אַוועקגיין פון „יוד" וועט מאַכן אַ גרויסן רושם אויפן עולם לעזער, און ממילא וועט זיך דאָס אויך אָפּרופן אויף דעם פינאַנסיעלן מצב פון דער צייטונג.

ס׳האָט געוועסט אויסגעוויזן, אַז אין פובליקום האָט מען דאָס אויך באַ-מערקט, און אַז ס׳איז דאָרטן געוואָרן אַ שטיקעלע באַוועגונג. מ׳האָט געקענט מיינען, אַז דער עולם האָט זיך גענומען שטאַרק נאָכפרעגן ביי דער רעדאַקציע וועגן שלום-עליכמ׳ן און זיין אויפהערן מיטצואַרבעטן אין „יוד". געקענט האָט מען דאָס מיינען באַזונדערס נאָכדעם, ווי אין „יוד" האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אַ סעריע פעלעטאָנען אונטער דער אַלגעמיינער קעפּל: „אַ פּעקל מעשיות אַלטע און שפּאָגל-נייע, אייגענע און נאָכגעמאַכטע פון אַ נייעם סאָרט מחבר", וועלכער האָט זיך משתדל געווען צו שרייבן אויף שלום-עליכמ׳ס שניט און לויט זיין זשאַנר, און וועלכער איז, אַפּנים, געווען אויף אַזוי פיל נאַאיוו צו גלויבן, אַז אים וועט זיך איינגעבן צו פאַר-בייטן שלום-עליכמ׳ן. דער דאָזיגער מחבר האָט אויך אויף דעם געגעבן אָנצו-הערעניש אין זיין הקדמה, אין וועלכער ער זאָגט: „איך וועל מיט דער צייט אויך געפינען לייטזעליגקייט אין אייערע אויגען, וכאשר היית עם משה, אַזוי ווי איר זענט געווען מיט די פאָריגע מעשיות-שרייבער, אָט אַזוי וועט איהר נויגען אייער חסד אויך צו מיר, און איהר וועט מיך אויך ליעב בעקומען אָט פונקט ווי איך אייך. ובכן — ויהי בישורון מלך! ס׳איז געוואָרען אַ נייער מעשיות-מאַ-כער"*).

ווי געזאָגט האָט אויף דעם סמך געקענט אויסוייזן, אַז די לעזער פון „יוד" האָבן דערפילט, דאָס עס פעלט זיי שלום-עליכם און האָבן זיך נאָך אים פאַרבענקט. באמת איז אָבער ניט אַזוי געווען דער פאַל. אַ קורצע צייט נאָכ-דעם האָב איך מיך אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין מינסק צוזאַמענגעטראָפן מיט דעם גרינדער און הויפּט-פירער פון „אחיאסף", אליעזר קאַפּלאַן, און

*) זעה „דער יוד" 1903 נומ. 33.

קומענדיג מיט אים איינמאָל אין אַ שמועס צום אינצידענט מיט שלום-עליכמ'ן, האָט ער מיר איבערגעגעבן די פאָלגנדע פרטים:

— איר קענט אייך ניט פאָרשטעלן ווי צורודערט מיר זיינען געוואָרן פון דעם, וואָס שלום-עליכם האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט מיטצואַרבעטן אין „יוד". פון איין זייט האָט אונז לייד געטאָן די זאַך וויסנדיג, אַז דאָס איז ניט ביי אים קיין קאַפּריז, אַז ער האָט דאָס געטאָן ניט פאַר וואוילטאָג, און מיר זיינען ניט ביכולת אים צו העלפן; און פון דער אַנדער זייט איז ביי אונז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער „יוד" פאַרלירט דורך דעם אַ גרויסן טייל פון זיינע אַבאָנענטן. מיר האָבן אין דעם ניט געצווייפלט זעהענדיג מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט דאָס פאָלק לייענט שלום-עליכמ'ן און ווי עס שלינגט, ממש, איטליכעס וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון זיין פען. איר וועט אָבער ניט וועלן גלויבן ווען איך וועל אייך זאָגן, דאָס די גאַנצע עטליכע חדשים, וואָס שלום-עליכם האָט געפעלט אין „יוד", איז ניט אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע אפילו קיין איינציגע פּאָסט-קאַרטל מיט אַן אָנפראַגע: פאַרוואָס שווייגט דאָס עפּעס שלום-עליכם? פאַרוואָס זעהט מען אים עפּעס ניט שוין פון אַ לאַנגע צייט אין „יוד"? פשוט, אַזוי ווי אין „יוד" וואָלט עפּעס פאַר דער צייט גאָרנישט פאָרגעקומען.

אויף דעם האָב איך מיך אָפּגערופן:

— ווי ס'ווייזט אויס איז דאָך עפּעס יאָ געווען; והראיה דער פלוצלונג אַרויפגעשוואומענער נייער פעליעטאָניסט, דער מחבר פונם „פעקל מעשיות", וואָס האָפט, אַז דער לעזער וועט אים אויך קריגן ליב?

— מיינט איר אַזוי—האָט מיר קאַפּלאַן געענטפערט—האָט איר אַ גרויסן טעות. צו דער הקדמה פון יענעם פעליעטאָניסט האָט די רעדאַקציע פון „יוד" קיין שום שייכות ניט געהאַט, ווייל—איך חזר אייך איבער נאָך אַ מאָל—קיין איינציגער לעזער האָט ביי אונז ניט געמאָנט, אַז מיר זאָלן אים געבן דוקא שלום-עליכמ'ן. די עטליכע ווערטער פון דער הקדמה, וועלכע האָבן אייך אַרויפגעבראַכט אויפן געדאַנק, דאָס מ'האָט מיט דעם געהאַט בדעה מרמז זיין די לעזער פון „יוד", אַז דער הזיק פון שלום-עליכמ'ס פעליעטאָנען וועט זיי אומגעקערט ווערן דורך אַן אַנדערן, געהערן צום מחבר אַליין, וועלכער איז, אויף וויפל איך קען אים גאָר ניט אַזאַ שוטה צו רעכענען, אַז ער קען קאָנקורירן מיט שלום-עליכמ'ן.

דערביי האָב איך מיך פון קאַפּלאַנען דערוואוסט, אַז דער מחבר פון יענער סעריע פעליעטאָנען אין „יוד", וועלכער האָט זיך אונטערגעשריבן מיטן פסעוודאָנים „גוט מאָרגן", איז מרדכי בן הלל הכהן.

* * *

אָנהויב יאָר 1905 זיינען די פאַרלעגער פון דער העבראַאישער טעגליכער צייטונג „הזמן", אין וועלכער כ'האָב דאַן געאַרבעט אַלס מיטגליד פון

דער רעדאַקציע, צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אויך אַ טעגליכע ייִדישע צייטונג אונטערן נאָמען „די צייט". אין יענער צייט איז שלום=עליכם דורכגעפאָרן ווילנע. זיין קוואַרטיר איז דאַן געווען ביים רעדאַקטאָר פונם העברעאישן קינדער־זשורנאַל „החיים והטבע", י. ב. לעוונער, וועמעס וואוינונג עס איז געווען ביי דער קאַנטאָר פון „הזמן". אין איין אָוונט זיינען מיר זיך געזעסן זאַלבע־דריט און געשמועסט וועגן דער נייער ייִדישער צייטונג, וואָס דאַרף איינגיכן אָנהויבן אַרויסצוגיין אין ווילנע און וועגן דער גרויסער און שווערער קאָנקורענץ, וואָס זי וועט האָבן אויסצושטיין מצד דעם „פריינד", וועלכער האָט זיך זעהר פּאָפּולער געמאַכט ביים פאָלק. האָט זיך דאַמאָלסט אָפּגערופן שלום=עליכם:

— איך מיין, אַז דאָס ווענט זיך נאָר אָן דעם בודזשעט, וועלכן די פאַרלעגער האָבן באַשטימט פאַר זייער בלאַט. אויב זיי וועלן שכל האָבן צו גרופירן אַרום זייער בלאַט שריפטשטעלער מיט נעמען, וואָס זאָלן נעמען, און וועלן צאָלן די פויגל־דיגע האָנאָראַרן, קענען זיי האָבן דעמזעלביגן ערפאָלג ווי דער „פריינד", און אפשר נאָך אַ גרעסערן, ווייל ווילנע געפינט זיך פאָרט אין צענטער פונ׳ם ייִדישן תחום. דער עיקר איז אָבער גוטע שריפטשטעלער מיט גוטע, דאָס הייסט, גרויסע האָנאָראַרן.

אין יענער מינוט האָב איך מיך דערמאָנט אָן דעם סכסוך, וואָס איז אַמאָל פאָרגעקומען צווישן שלום=עליכמ׳ן מיטן „יוד", און האָב מיך אָפּגערופן:

— לויט ווי מיר איז באַקאַנט פון דער פּראַקטיק על=פּי מעשה=שהיה איז דער ייִדישער עולם=לעזער גאָר ניט אַזוי שטאַרק להוט נאָך שרייבער מיט גרויסע קלינגענדיגע נעמען. דער ייִדישער לעזער קען זיך אָרגאַניש ניט צוזאַמענבינדן ניט מיט זיין צייטונג און ניט מיט זיין שרייבער, ווי גרויס און ווי געאַכט יענער זאָל ניט זיין.

— אויב פּראַקטיק—האָט זיך אָפּגערופן שלום=עליכם—טאָ לאָזט מיך; איך בין זיך אייך מודה=ומתודה: בדידי הוה עובדה, מיט מיר אַליין האָט פּאַסירט, אַז צוליב אַ געוויסער סבה האָב איך דריי חדשים נאָכאַנאַנד ניט געשריבן אין אַ בלאַט, אין וועלכן איך בין פריהער געווען אַ שטענדיגער מיטאַרבעטער און האָב מיך געדרוקט אין יעטווידער נומער. און כ׳ווייס פון זעהר אַ ריכטיגן מקור, דאָס קיינער פון די לעזער האָט זיך וועגן דעם ניט אָנגעהויבן צו באַקימערן און קיינער פון זיי האָט זיך ניט פאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס איז דאָס אַזוינס געוואָרן מיט שלום=עליכמ׳ן. ביי מיר אין קיעוו גופא, וואו כ׳האָב, דאַכט זיך, אַזוי פיל לעזער=חסידים, פלעגן מיר נאָר אַמאָל אין גאַס אַ פרעגטאָן אַ משה ראָזנבלאַט, אַ איזגור וכדומה פון די קיעווער שרייבערלאַך: וואָס איז דאָס די מעשה, וואָס מ׳האָט אייך שוין עפּעס אַזאַ לאַנגע צייט ניט געזעהן אין יענעם בלאַט? פון דעם אמתן לעזער אָבער, אָט פון יענעם פאַרשוין, פאַר וועלכן איך שרייב, זאָל איך דאָס הערן כאָטש איין וואָרט! טאָמער ווילט איר אָבער דערפון דרינגען, אַז דאָס פאָלק באַציט זיך צו שלום

עליכמ׳ן גלײַכגילטיג, זײַט איר אײַך טועה, במחילה. דאָס װעלן אײַך באַשטע־טיגן אויך מײַנע פֿאַרלעגער. די טבע ניט צו פֿילן קײן אינערליכן צובונד אַפֿילו צו דעם שריפֿטשטעלער, װעלכן מ׳לײענט זעהר גערן און מיט גרויס התמדה איז ניט קײן ספּעציפֿיש ײדישע. דאָס איז אַ גאַנץ געװײנליכע ער־שײנונג, װעלכע מ׳קריגט צו זעהען אויך בײַ לײטן. איך געדענק, למשל, אַז דער באַװאוסטער רוסישער סאַטיריק סאַלטיקאָװ־שטשעדרין האָט זיך אַמאָל ערגיץ־װאו באַקלאָגט אויפֿן רוסישן לעזער, דאָס ס׳איז ניטאָ קײן שום אָנהאַנג צװישן אים מיט דעם שריפֿטשטעלער. „דער שריפֿטשטעלער שרײַבט זיך, און דער לעזער לײענט זיך — אַזוי האָט זיך זױסגעדריקט שטשעדרין — און נאָר אין דעם באַשטײט זײער גאַנצע געגנזײַטיגע באַציהונג“. בײַ דעם ײדישן לעזער, װעלכער טראָגט כּל ימיו אַ סך דאגות אויפֿן קאָפּ אוי־סער זײַן בלאַט מיט זײַנע שריפֿטשטעלער, קומט דער דאָזיגער כאַראַקטער־שטריך אַרויס פֿיל שאַרפֿער און בולט׳ער. פֿון דער אַנדער זײַט האַלט איך, אַז װען א י י ן שריפֿטשטעלער, װי באַדײַטנד ער זאָל ניט זײַן, װערט מיט אַמאָל נעלם פֿון אַ בלאַט אויף אַ לאַנגער צײַט, קען טאַקי גרײַלאַך זײַן, דאָס דער ײדישער לעזער זאָל דאָס ניט באַמערקן און זאָל אויף דעם ניט רעאַגירן. איך רײד דאָ אָבער ניט װעגן א י ח י ד, װער ער זאָל ניט זײַן, צו שלום־עליכם, צו אַן אַנדערער, נאָר װעגן גאַנצן אַנסאַמבל פֿון בלאַט, װעלכער דאַרף פֿון לכתּחלה אָן זײַן צוזאַמענגעשטעלט מיט דעם געהעריגן געשמאַק באופֿן, אַ ס׳זאָלן אין אים אַרײַנגײן אי מענדעלי, אי פּרץ, אי ספּעקטאָר, אי שלום אַש און אַלע אַנדערע זײער גלײַכן, װעלכע מיר האָבן א ז ו י װײניג, א ז ו י װײניג...

IV.

דער באַנקעט לכבוד דוד װאָלפֿסאָן און נחום סאָקאָלאָװ.—דער עולם פֿאַרלאַנגט, אַז שלום־עליכם זאָל „עפּעס זאָגן“.—שלום־עליכם לאָזט זיך בעטן.—דער עולם לאָזט ניט אָפּ.—אַ דעפּוטאַציע פֿון „י ה ו ד י ה“.—שלום־עליכם שטעלט זיך זאָגן און הערט אויף אינמיטן.—מיט װאָס שלום־עליכם דערקלערט דאָס.

אין יון 1903 זײַנען צוריקװעגס פֿון פּעטערבורג דורכגעפֿאָרן װילנע דער דאַמאָלסטדיגער פּרעזידענט פֿון דער ציוניסטישער װעלט־אָרגאַניזאַציע ד ו ד װ אָ ל פֿ ס אָ ן צוזאַמען מיטן גענעראַל־סעקרעטער נ ח ו ם ס אָ ק אָ ל אָ װ. דער ציוני־סטישער צענטראַל־קאָמיטעט פֿאַר רוסלאַנד, װאָס האָט זיך דאַן געפֿונען אין װילנע, האָט אײַנגעאָרדנט לכבוד די געסט אַ גרויסאַרטיגן באַנקעט אין גראַנד־האָטעל, אין װעלכן עס האָבן זיך באַטײליגט אַ היבשער שטאָטישער עולם און אויך ספּעציעל צוליב דעם אָנגעפֿאָרענע דעלעגאַטן פֿון אַנדערע שטעט. אַ היבשע ביסל רעדעס זײַנען אין יענעם אָװנט געהאַלטן געװאָרן, און אויף פֿאַרשײדענע

שפּראַכן: העברעאיש, יידיש, רוסיש און דייטש, און דער עולם האָט, ווי דער מנהג איז, אַלעמען אַפּלאָדירט, דעם מער און דעם ווייניגער. צו באַזונדערס שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן האָט זוכה געווען די העברעאישע רעדע פון נחום סאָקאָלאָוו, וועלכע איז געווען לויט איר סטיל און לויט איר אינהאַלט ממש אַ מייסטער־שטיק.

נאָכדעם, ווי ס׳האָבן זיך שוין פאַרענדיגט די רעדעס, האָט אין זאַל מיט אַ מאָל אויסגעבראָכן אַ געשרייערײַ פון אַלע זייטן:

— שלום עליכם! שלום עליכם!

צופעליג האָט זיך שלום עליכם יענעם טאָג אויפגעהאַלטן אין ווילנע פון צוג צו צוג, און איז געווען פון די איינגעלאַדענע צום באַנקעט. די גאַנצע צייט איז ער געזעסן בײַ׳ם באַזונדער טיש פון די ווילנער זשורנאַליסטן און ליטעראַטן, צווישן וועלבע ס׳האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אויך דער באַוואוסטער קריטיק ב ע ל־ מ ח ש ב ו ת, אַלס דעלעגאַט פון די ק אָ ו ו נ ע ר ציוניסטן, אויב כ׳האָב קיין טעות ניט.

אַז דער עולם האָט באַמערקט שלום עליכמ׳ן, האָבן אַלע, גלייך ווי מ׳וואָלט זיך פריהער וועגן דעם צונויפגערעדט, אָנגעהויבן צו פאָדערן, אַז שלום עליכם זאָל „עפּעס זאָגן".

די ערשטע עטליכע מינוט איז שלום עליכם געבליבן זיך רוהיג אויף זיין אָרט, ניט איבעררייסנדיג זיין שמועס מיט די זשורנאַליסטן און האָט אויף די געשרייען ניט געענטפערט.

דער עולם האָט אָבער ניט נאָכגעלאָזן. פון אַלע טישן האָט מען ניט אויפגעהערט צו שרייען מיט א י י ן קול:

— שלום עליכם! שלום עליכם!

דאָ איז שלום עליכם אויפגעשטאַנען פון אָרט, און האָט שמייכלענדיג אַ זאָג געטאָן:

— רבותי! כ׳בעט אייך, לאָזט מיך צורוה, איך בין ניט קיין רעדנער; כ׳האָב, ממש, ניט וואָס צו „זאָגן"...

דער דאָזיגער שלום־עליכמ׳ס ענטפער האָט אַרויסגערופן אין זאַל א גרויסן טומל. ס׳האָבן זיך גענומען הערן קולות:

— שלום־עליכם זאָל זיין, און זאָל גאָרנישט „זאָגן"! ווי קען מען דאָס גאָר דערלאָזן?

— שלום־עליכם איז נ י ט קיין רעדנער! טאָ ו ו ע ר זשע איז שוין אַ רעדנער?

— איר האָט געוואָלט, אַז ער זאָל ש ו י ן, ד י מינוט, כאַפּן „זאָגן"? ער לאָזט זיך בעטן, ווי אַלע גרויסע שרייבער, אָבער „זאָגן" וועט ער!

— פאַרוואָס האָט זיך ס אָ ק אָ ל אָ ו ו ניט געלאָזט בעטן?

— פאַניע שלום־עליכם! אָט טוט צוליב אַן עולם און לאָמיר הערן איי־ ערן אַ צ ר ז.

און שלום־עליכם זיצט און שוויַיגט, און ער ווייס ניט וואָס צו טאָן; מען דערקענט אָן אים, אַז אים ווילט זיך זעהר ניט ריידן.

דער ליאַרים ווערט אָבער ניט קלענער. דער עולם וויל זיך בשום אופן ניט באַרוהיגן: ניט אַנדערש, אַז שלום־עליכם זאָל רעדן!

זעהענדיג, אַז דאָס נעמט קיין סוף ניט, האָט מען זיך גענומען ווענדן צו שלום־עליכמ׳ן פון הויפט טיש. ביי וועלכן עס זיינען געזעסן די געסט און אַרום זיי די מיטגלידער פון קאָמיטעט און די פאָרשטייער פון די ווילנער ציוניסטן. איך געדענק, אַז דער ערשטער האָט זיך געקערט צו שלום־עליכמ׳ן דער דאַמאָלסטדיגער ווילנער ראַבינער ד״ר קאַנטאָר מיט די פאָלגנדע ווערטער:

— הער שלום־עליכם! אָט זייט ניט עובר אויף „אל תמנע״...

דערנאָך זיינען צוגעשטאַנען צו שלום־עליכמ׳ן אויך באָריס גאָלד־בערג, דרויאַנאָוו, און גאָר צום סוף אויך וואָלפסאָן און סאָקאָ־לאָוו...

פון זשורנאַליסטן־טיש האָט מען אויך געפּרובט ווירקן אויף שלום־עליכמ׳ן, אַז ער זאָל זיך „אָפּטשעפּען און זאָגן אַ פּאָר ווערטער״...

און דערווייַלע וואָס ווען הערט זיך דער עולם ניט אויף צו קאָכן. מ׳איז געפאַלן אויף א המצאה, און מ׳האָט, אויסגעריכט צו שלום־עליכמ׳ן אַ דעפּוטאַציע פון צוויי קליינינקע מיידעלאַך, תּלמידות פון דער העברעאישער מיידל־שול „יהודיה״, וועלכע זיינען צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— „יואיל נא אדונינו הסופר הגדול, מר שלום־עליכם, לכבדנו בדבריו היקרים!״

שלום־עליכם האָט זיך נאָך אַ ביסל געקווייַנקלט. לסוף האָט ער זיך אויפ־געהויבן פון אָרט, איז צוגעגאַנגען צום הויפט־טיש, האָט זיך אויף אַ פּאָר מי־נוט פאַרקלערט, און גענומען רעדן...

ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר גאַנץ שוואַכע וויצן, פון וועלכע דער עולם האָט אַ ביסל געלאַכט, עפּעס נאָר ווי כּדי אָפּצוגעבן דעם צינז, וואָס קומט דעם גרויסן הומאָריסט... שלום־עליכם האָט זיך ווידער אַ קליינע ווייַלע פאַרטראַכט, און דערנאָך „אויסגעשמאָקצעט״ פון זיך נאָך אַ צוויי, דריי וויצן, און—האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ביים זשורנאַליסטן־טיש האָט מען באַמערקט, ווי שווער עס קומט אָן שלום־עליכמ׳ן צו רעדן, און ווי לויט אַ סיגנאַל האָט עמיצער אָנגעהויבן צון אַפּלאָדירן און צו שרייען „בראַוואָ!״ און אַלע נאָך אים. מיט דעם האָט זיך באַנוצט שלום־עליכם, האָט זיך אַ בויג געטאָן צום פּובליקום, ווי אָפּדאַנקנדיג אים, און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט.

דער עולם איז געבליבן אַנטוישט. אַנדערע האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס. אַלע האָבן דאָס אָבער גלאַט אַראָפּגעשלונגען, און קיינער האָט וועג

דעם ניט געערדט. מ׳האָט אַ קלאַפּ געטאָן די „התקוה״, און בײַ אירע קלאַנ= גען איז מען זיך צוגאַנגען.

אונטערפירנדיג, צוזאַמען מיט נאָך איינינגע שדיפּסשטעלער, שלום= עליכמ׳ן צום וואָקזאַל—ער איז דאַן גלייך פאַרטאָג אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע—האָט ער צו אונז געזאָגט:

— וואָס יידן זיינען! וויבאַלד שלום עליכם, מוז ער שוין זיין אַ רעדנער, און וויבאַלד אַ רעדנער מוז ער שוין רעדן, וואָס איז? אַזוי איז דער מנהג, אַז אויף אַ באַנקעט „זאָגט״ מען. דער אמת זאָגנדיג אייך בין איך פון דער נאַטור ניט קיין רעדנער. זיץ איך בײַ׳ם שרייב=טיש און שרייב—גייט דאָס ווי אַ וואַסער, די געדאַנקען ווערן בײַ מיר אין מח קאָמבינירט ממש ווי אַ פּייל פון בויגן, אָן אַ סימן חבלי לידה. האַלטן אויסווייניג רעדעס ווי לייט, איז מיר אָבער שווער, כמעט אוממעגליך. און מיינט ניט חלילה, אַז דאָס איז מחמת „אימתא דציבורא״, שלום=עליכם איז ניט קיין שרעקעדיגער ייגגל, און די אַלע דרשות=האַלטער זיינען אויך ניט קיין גרויסע פלאָקענשיסערס... דאָ איז אָבער דאָ גאָר אַן אַנדער סבה. איך שטעל, אפשר, דעם „רעדן״ אויף אַ צו הויכער מדרגה. אויב „רעדן״—אַזוי האַלט איך—מוז דאָס זיין, ממש, „הלא כה דברי כאש״, ניט קיין פייער=ווערק, ניט קיין ראַקעטן לאָזן, נאָר אַ פייער, וואָס זאָל אַריינדרינגען טיף אין דער נשמה, און אַזאַ פייער פאַרמאָג איך ניט; אָט שווייג איך. אַזעלכע שטורמישע סצענעס ווי די היינטיגע ביים באַנקעט, איבערלעב איך ניט דעם ערשטן מאָל. אין קיעוו האָב איך צוליב דעם די גאַנצע צייט אויסגעמידן אַלערליי אסיפות און פאַרזאַמלונגען. איצטער ווייס מען שוין דאָרטן, אַז כ׳בין ניט פון די רעדנער און מ׳בעט מיך שוין ניט רעדן. פון היינט אָן וועט מען שוין דאָס וויסן אויך ביי אייך אין ווילנע. און אויסזאָגן וועל איך אייך אַ סוד, אַז מחמת דעם האָב איך מיך קיינמאָל ניט געלאָזן קלייבן צו אַ ציוניסטישן קאָנגרעס...

V.

שלום עליכם׳ס לעצטער באַזוך אין ווילנע.—זיין שלעכטעס אויסזעהן.—שלום עליכמ׳ס פעלעטאָנען און לעבן״ נעגן די רעדאַקטאָרן פון די יידישע צייטונגען.—„זיי זיינען ווערט דעם שטעקן״.—שלום-עליכם באַקלאָגט זיך אויף זיין געזונט.—מיין פאַרשלאָג פאַר די ווילנער עסקנים פאַלט דורך.—שלום עליכמ׳ס אַרויס= טרעט פאַר׳ן ווילנער עולם.—דער איינדרוק פון זיין לייענען.—מיין לעצטער געזעגענען זיך מיט אים.

אין מאַי 1914 איז שלום עליכם געקומען קיין ווילנע. ער האָט דאַמאָלסט זייער שלעכט אויסגעקוקט, איז געווען אָבגעצערט און בלאַס, אַ מידיקייט און אַ שוואַכקייט זיינען געלעגן אויף אַלע זיינע באַוועגונגען; מ׳האָט געזעהן באַשיינ= פערליך, אַז ער איז נאָך אַ גאַנץ שטאַרקער חולה. איין טאָג, אַז כ׳בין צו אים

אַריין אין בריסטאָל (דער האָטעל, וואו ער איז איינגעשטאַנען), האָב איך אים געפונען שרייבנדיג און האַלטנדיג בשעת מעשה אין דער אַנדער האַנט אַ גלעזל מיט אַ שוואַרצפאַרביגן געטראַנק.

דערזעהענדיג מיך האָט ער זיך אָפּגערופן:

גוט וואָס איר זייט געקומען. מיט איין קלאַפּ האָט איר מיך אויסגעלייזט פון אָט די ביידע ביטערע טראָפּנס.

דערביי האָט ער אַוועקגעלעגט אָן אַ זייט דאָס פּאַפּיר, און אָפּגערוקט פון זיך דאָס גלעזל, און געזאָגט:

— אָט דאָס איז אַ גאַליגער פעלעטאָן פאַרן „ל ע ב ן“, און דאָס איז אַייער גאָלדבערגס „מים המאָררים“...*).

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז אין יענער צייט האָט שלום־עליכם געשריבן אויסשליסליך נאָר פאַרן טעגליכן בלאַט „דאָס לעבן“, וואָס איז דאַן איבערגע־גאַנגען אין דעם רשות פונם באַוואוסטן וואַרשעווער ביכער־פאַרלאַג „צ ע נ־ט ר אַ ל“. ער האָט דאַמאָלסט געשריבן אין „לעבן“ אַ סעריע פעלעטאָנען, אין וועלכע ער האָט שאַרף איראָניזירט אויפן חשבון פון די רעדאַקטאָרן פון די אַנדערע וואַרשעווער יידישע צייטונגען, וואו ער האָט פריהער געאַרבעט בקביעות.

אין אַ קליינע ווײַלע אַרום האָט שלום־עליכם צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס, אַז דער עולם מורמלט אויף מיר שטאַרק צו פאַר מיינע לעצטע פעלעטאָנען אין „לעבן“. מ׳זאָגט, אַז איך האָב דאָס ניט געדאַרפט, און, אפשר, האָב איך דאָס ט אַ ק ע ניט געדאַרפט. אָבער דאָס איז ביי מיר אַרויס גאָר אומגעריכטערהייד, כמעט ניט ווילנדיג. פריהער איז ביי מיר עפּעס אַרויפגעשוואומען אויפן געדאַנק—האָב איך גענומען און האָב דאָס „עפּעס“ אַרויפגעשריבן אויפן פּאַפּיר; דערנאָך איז צו ד ע ם „עפּעס“ צוגעקומען נאָך אַן „עפּעס“, און אַזוי אַרום האָט זיך אַרויסגעדרייט אַ גאַנצער קנויל פון „עפּעסן“, און ס׳איז געוואָרן א י י ן פעלעטאָן, און דער איינער האָט שוין נאָך זיך, מיט דעם כח פון דער אינערציע, נאָכגעשלעפּט אַ צווייטן און אַ דריטן פעלעטאָן, און אַזוי פעלעטאָנט זיך דאָס, און איך ווייס אַליין ניט, ווען וועט דאָס נע־מען אַ סוף; עס שפּאַרט זיך פון אַלע זייטן, און ס׳איז מיר שווער צו פאַר־דרייען דעם קראַן...

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אין דער אונטערשטער שורה זיינען זיי אָבער ד אָ ך ווערט דעם שטעקן...

אין ד ע ר מינוט האָט זיך געעפנט די טיר, און ס׳איז אַריינגעגאַנגען דער בוכהענדלער ש. ש ר ע ב ע ר ק, אַ שותף פון „צענטראַל“ און איינער פון די דאַמאָלסטיגע בעלי־בתים פון „לעבן“.

---

*) געמיינט: „ב י אַ ׂמ אַ ל ץ“.

אַז שלום־עליכם האָט אים דערזעהן, האָט ער, פאַרזעצנדיג מיט מיר זײַן שמועס, פאַרענדיגט אין אַ ביסל אַ נידעריגערן טאָן:

— און די, ניט ווייניגער פון יענע..

איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט מיט דעם געוואָלט זאָגן.

פון דעם איז אַריבער אונזער געשפּרעך צו שלום־עליכמ׳ס ווײַטערדיגע ליטעראַרישע אַרבעטן.

דאָ האָב איך מיך אָפּגערופן:

— איר האָט איצטער באַדאַרפט צונויפנעמען די כּחות און שאַפן עפּעס וואָס קאַפּיטאַלישעס; דער עולם ערוואַרט נאָך פון אײַך פיל.

אויף דעם האָט מיר דאַן געענטפערט שלום־עליכם מיט אַ ביטערן שמייכל:

— דער עולם ערוואַרט נאָך פון מיר, זאָגט איר; איך אַליין ערוואַרט פון זיך אויך. וואו נעמט מען דאָס אָבער די כּחות, וועלכע איר הייסט מיר צו־נויפנעמען? אפשר פון אײַער גאָלדבערגס ביאָמאַלץ?... אפשר פון די אַרומפאָ־רענישן איבער די שטעט? אָט דאַרף איך היינט אין אָוונט משמח זײַן אײַער ווילנער עולם... קנאַפּ כּחות וועט דאָס מיר צוגעבן?... קנאַפּ פודן געזונט וועט מיר דערפון צוקומען?... אדרבה, גיט אַן עצה און זאָגט, וואו נעמט מען כּחות?

דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך שלום־עליכמ׳ס פרוי, וועלכע איז פון אים, ווי אַ גוטע פייע, ניט אָפּגעטראָטן אויף אַ מינוט. זי האָט אים געבעטן זיך ניט אויפרעגן, און אויף ווי ווייט מעגליך וואָס ווייניגער רעדן. דערבײַ האָט זי דערציילט, דאָס נאָך איטליכן מאָל, וואָס ער לייענט אָפּ פאַרן עולם, ווערט ער באַגאָסן מיט אַ שווייס, וועלכער גיט אים אויך קיין געזונט ניט צו.

איך דערמאָן מיך, אַז גייענדיג צוריק פון שלום־עליכמ׳ן האָב איך זיך אָנגעטראָפן אין גאַס מיט אַ פּאָר פון די חשובֿ׳סטע ווילנער כּלל־טוער, און האָב זיי דערציילט דעם זעהר טרויעריגן אײַנדרוק, וואָס אויף מיר האָט געמאַכט דער געזונט־צושטאַנד פון אונזער גרויסן פאָלקס־דיכטער. דערבײַ בין איך געווען אויף אַזוי פיל נאַאיוו אַרויסצוזאָגן פאַר זיי דעם געדאַנק, אַז אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן צו פאַרשפּאָרן שלום־עליכמ׳ן זײַן היינטיגן עפנטליכן אַרויסטריט, און זעהן צו באַקומען פאַר אים דעם האָנאָראַר פון אַן אַנדער מקור... די ביידע עסקנים האָבן אויף מיר אויסגעגלאָצט די אויגן, און האָבן זיך אפילו ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן מיט מיר אין קיין שום ויכּוחים. אַזוי פרעמד און אַזוי ווילד האָט זיך זיי, אפּנים, אויסגעוויזן מײַן פאָרשלאָג...

* * *

און אין דעמזעלביגן אָוונט איז דער גרויסער צירק אויף דעם לוקיש־קער פּלאַץ געווען אָנגעפּאַקט מיט מענשן איבער און איבער. אַ גרויסער עולם

איז אַ זעק צוריק, ווייל ס׳האָט ניט געסטייעט קיין בילעטן. אַזוי פיל בעלנים זיינען ביי אונז געווען צו הערן שלום־עליכמ׳ן. די ערשטע רייהען זיינען געווען פאַרנומען פון דער „גאָלדענער פאָן”, פון דער רייכער אינטעליגענץ, און נאָך זיי איז געגאַנגען דאָס „פאָלק”. און אין יענעם אָוונט האָט שלום־עליכם פאָרגעלייענט עטליכע פראַגמענטן פון זיינע ווערק ממש קינסטלעריש. ניט צום ערשטן מאָל האָב איך דאַמאָלסט געהערט שלום־עליכמ׳ן לייענענדיג פאַרן ווילנער עולם, ער האָט נאָך אָבער אויף מיר קיינמאָל ניט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק ווי יענעם מאָל; עפּעס ווי ער וואָלט זיך דאַמאָלסט משתדל געווען אַרויסצוווייזן זיך מיט דעם גאַנצן גלאַנץ פון זיין דעקלאַמאַטאָרישן טאַלענט. דער רושם אויפן עולם איז געווען גוואַלטיג. דער צירק האָט זיך, ממש, געטרייסלט פון די אַפּלאָדיסמענטן מיט די שטורמישע אָוואַציעס. ס׳האָט געציטערט די לופט פון די געשרייען: „שלום־עליכם!” „שלום־עליכם!”

בשעת דער הפסקה בין איך אַרויף צו שלום־עליכמ׳ען הינטער די קוליסן. איך האָב אים געפונען זיצנדיג אויף אַ שטול, לעבן אים די פרוי, און וויסנ־דיג מיט אַ טיכל דעם שווייס פון זיין שטערן. דערזעהענדיג מיך האָט ער צו מיר געזאָגט:

— זעט, כ׳בעט אייך, טוט מיר אַ טובה און באַרוהיגט דעם עולם. כ׳בין שוין איינמאָל צו זיי אַרויסגעגאַנגען, און מער קען איך ניט.

גיי באַרוהיג אַ פיל־טויזנט־קעפּיגן המון! ס׳איז געווען, ממש, אוממעגליך. איך, און צו מיר נאָך עטליכע, האָבן געבעטן דעם איינעם און דעם אַנדערן, מ׳האָט דאָס איבערגעגעבן כמעט אין אַלע רייהען, אָבער אומזיסט. דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו רופן: „שלום־עליכם!” „שלום־עליכם!”

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. שלום־עליכם איז אַרויסגעגאַנגען און האָט איבערגעלייענט נאָך אַ פּאָר פון זיינע זאַכן, און אַלץ מיט דעמזעל־ביגן גוואַלטיגן ערפאָלג.

ער האָט אָבער דאָס גאַנצע פּראָגראַם ניט דערלייענט. ס׳איז אים געווען שווער. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח און איז אַ פּאָר מאָל אַרויס, לויט דעם רוף פונם עולם, אויף דער בינע, האָט אָפּגעדאַנקט פאַרן גרויסן כבוד, און איז אַוועק.

שלום־עליכם איז שוין געלעגן אויפן סאָפע ביי זיך אין נומער, און אין צירק האָט נאָך די מאַסע אַלץ געשריען מיט איין קול:

— „שלום־עליכם!” „שלום־עליכם!”

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שלום־עליכם אָפּגעפאָרן פון ווילנע.

מיר האָבן אים באַגלייט צום באַן. איך געדענק, אַז שלום־עליכם האָט דאַן אויף אונז אַלעמען געמאַכט זעהר אַ שווערן איינדרוק מיט זיין שלעכטן אויסזעהען.

אַז דער צוג האָט זיך שוין נענומען רירן, האָט שלום-עליכם צו אונז אַרויסגעשריען דורכן פענסטער פון וואַגאָן:

— לְ—הִ—תְ—רָ—אָ—וֹ—ת!...

דאָס איז געשעהן אין מאַי 1914.

* * *

פונקט אין צוויי יאָר אַרום, אין מאַי 1916, איז אונז אָנגעקומען די בשורה פון אַמעריקע:

— — — „געשטאָרבן איז שלום-עליכם!"